STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09691

MAYN DOR

Hayyim Solomon Kazdan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. ש. קאַזדאַן

מיין דור

ח. ש. קאַזדאַן

מײַן דור

ניו־יאָרק 1977

CHAIM S. KAZDAN

MY GENERATION

Portrait of an Epoch

(1897 – 1939)

PRINTED IN U. S. A.
by
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

אַברהם רייזען

מיין דור

איך האָב אים ליב, מיין דור,
מיין דור פון אידעאַלן
און ביז מיין לעצטן יאָר
זיין ליכט וועט אויף מיר פאַלן.

איך האָב זיי ליב, די פריינד,
וואָס האָבן הינטער גראַטן
געפינצטערט זייער היינט —
דעם מאָרגן נישט פאַרראַטן.

איך הער די שטאָלצע רייד,
כ׳זע פלאַמען אין די אויגן,
און ביי דער טיפער לייד
האָט איר זיך נישט געבויגן!

אים האָב אים ליב, מיין דור,
וואָס האָט געגלויבט, געליטן,
און ביז מיין לעצטן יאָר
וועל איך זיין גלויבן היטן.

און ביז די לעצטע טעג
מיט אייך זיין, פריינד און ברידער,
און גיין אין אייער וועג
און זינגען אייערע לידער.

1920

צום אָנדענק

משה קליגסבערג (געשטאָרבן דעם 23סטן יוני 1975 אין ניו־יאָרק) איז געווען דער איניציאַטאָר פון בוך, וואָס געפינט זיך איצט אין די הענט פון די לייענערס. לאַנגע חדשים האָט ער געפאָדערט פון מיר: איר דאַרפט שרייבן אייערע זכרונות. און אין איינעם אַ שבת איז ער געקומען אין מיין וואוינונג באַוואָפנט מיט אַ רעקאָרדיר־מאַשין און בענדלעך — מיר הייבן אָן! און אָט אַזוי שבת בשבת פלעג ער אַרויפקומען, אַנשטעלן די מאַשין און איך האָב גערעדט אין די טאַשמעס.

דאָס איז געווען די מאַשין פון ייוואָ. עס האָט געמיינט — דער אָריגינאַל וועט געהערן דעם ייוואָ. ווען די אַרבעט איז געוואָרן פאַרענדיקט, האָט מען איבערגעגעבן דעם יונגן ח׳ גאַבי טרונק, ער זאָל „פונאַנדערשיפרירן" די טאַשמעס און זיי אַריבערנעמען אויף דער יידישער שרייבמאַשין...

אָבער דער גורל האָט געוואָלט אַנדערש. דעם 11טן נאָוועמבער 1974 בין איך לעבן שטוב געפאַלן, צעבראָכן אַ היפט, געהאַט אַ שווערע אָפּעראַציע. ערשט ווען איך בין געקומען אַ ביסל צו זיך, האָב איך איבערגענומען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, גענומען רעדאַגירן, צושרייבן זאַצן און גאַנצע זייטלעך.

אויך דער ח׳ משה איז סוף 1974 געוואָרן ערנסט קראַנק, געלעגן לאַנגע חדשים אין שפּיטאָל, און ער האָט דעם כתב־יד נישט געזען מער...

איך דאַנק דעם בוך־קאָמיטעט, וואָס האָט דערמעגלעכט אָפּצודרוקן דעם בוך.

איך דאַנק דעם ייוואָ און דעם קורסקי־אַרכיוו פון „בונד" פאַר העלפן מיר מיט מאַטעריאַל.

יאַנואַר 1976, ניו־יאָרק

זכרונות
פון מיינע
יינגערע יאָרן

מיינע צוויי שטעט — כערסאָן און אָדעס

די שטאָט כערסאָן, אין וועלכער איך בין געבוירן (1883) געוואָרן און פאַרבראַכט מיינע יונגע יאָרן, איז געווען אַ שטאָט מיט אַ „יחוס": זי איז געווען די גובערנסקע שטאָט, דאָ האָט זיך געפונען דער גובערנאַטאָר און אַלע געהעריקע גובערניאַלע אינסטיטוציעס. די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך רייכע און וויסנשאַפטלעך־קאַטאַלאָגירטע ביבליאָטעק, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט די גימנאַזיסטן, רעאַליסטן, די סטודענטן פון דער מלוכהשער „לאַנד־ווירטשאַפטלעכער שול" און די יידישע בחורים עקסטערנס וואָס האָבן זיך געגרייט צו עקזאַמענס. איך בין געווען איינער פון די לעצטע און די ביבליאָטעק איז געווען מיין אוניווערזיטעט. איך האָב געשלונגען די רוסישע בעלעטריסטיק, די ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענטשן, די ביכער וועגן יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע.

די שטאָט איז געווען שטיל, ריין, קולטורעל, מיט עלעקטרישער באַלויכטונג, אָבער קיין באַן נישט געהאַט. דערפאַר זומער־צייט איז די קאָמוניקאַציע דורכן דניעפּער און בוג — מיט אָדעס, ניקאָלאַיעוו און צענטליקער אַרומיקע שטעטלעך — געווען זייער לעבעדיק. גרויסע און קליינע שיפן זיינען געלאָפן איבערן דניעפּער, האָלץ־טראַטוועס (פּליטן) און באַרזשעס פון אַלע מינים זיינען געווען צאַלרייך, און ווען דער פּאָרט איז אויסגעבעסערט און פאַרטיפט געוואָרן, זיינען אָפט געקומען גרויסע אויסלענדישע פראַכטשיפן און מ'האָט זיי געלאָדעוועט מיט ווייץ און קאָרן. צוויי גרויסע האָלץ־מילן האָבן זיך געפונען אין יידישע הענט. זיי האָבן אַריינגענומען די פּליטן דאָ און צוגעגרייט פאַרשיידענע מינים ברעטער

און קלעצער. כערסאָנער יידן האָבן געלעבט רואיק און זאַט, געהאַנדלט, געאַרבעט אין וואַרשטאַטן, און די אויסגעאַרבעטע סחורות אַליין געבראַכט אויפן גרויסן מאַרק און זיי פאַרקויפט צו די אַרומיקע פויערים. געווען אין שטאָט עטלעכע גרויסע שולן: די פישערשע, די שניידערשע, שוסטערשע און איבער זיי אַלע דער פוילישער בית־מדרש, די אַלטע שול און די ניקאָלאַיעווסקע קאַרשול. געווען פאַרשטייט זיך חזנים, מגידים און מלמדים — מיין טאַטע איינער פון זיי. די אינטעליגענץ און די יוגנט האָבן גערעדט רוסיש, דאָס פאָלק — יידיש און געשמאַקן יידיש.

גאָר אַנדערש איז געווען די שטאָט אָדעס (וואָס האָט אויך געהערט צו דער כערסאָנער גובערניע) און איר יידישע באַפעלקערונג. דאָ איז געווען אַן אוניווערזיטעט און אַנדערע העכערע לערן־אַנשטאַלטן. דאָ איז געווען אַ גרויסע רוסישע און יידישע אינטעליגענץ, מיט געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. דאָ זיינען אַרויסגעגאַנגען צוויי גרויסע רוסישע צייטונגען, וואָס האָבן זיך געריכטעט לויט די בעסטע ליבעראַלע צייטונגען פון מאָסקווע, פעטערבורג, קיעוו. אָדעסער גאַסן האָבן געלעבט, מאַסן מענטשן האָבן זיך באַוועגט. פון ים איז געגאַנגען פרישע לופט. צענטליקער גרויסע שיפן זיינען געשטאַנען אין האַפן. אַ פריידיקייט און אַ ליכטיקייט האָבן אַרומגענומען די גאַסן און די מענטשן. דאָ זיינען געווען די חכמי־אָדעס, אחד העם, ביאַליק און מענדעלע מוכר ספרים. שוין גאָר יונג האָב איך געפּרוּווט מיינע כוחות און געשיקט אין „השלח" אַ דערציילונג (אויף העברעאיש), וועלכע האָט פאַרשטייט זיך ניט דערלעבט צו זען די ליכטיקע וועלט. אין אָדעס האָט געשפּילט אַ יידישער טעאַטער, און זיינע אָפּערעטע־לידלעך האָט מען געזונגען אין יעדער יידישער שטוב.

אָדעס האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. פאַר די דאָזיקע אָדעסער איינפלוסן האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין פאַרשטאָרבענער פרוי, סאָפיע. סאָפיעס מוטער איז געווען פון אָדעס, איר גאַנצע גרויסע משפחה זיינען געווען אמתע טיפּישע אָדעסיטן. די פאַרבינדונג מיט אָדעס איז אין

סאָפּיעס פאַמיליע געווען זייער אַ לעבעדיקע, בפרט ווען סאָפּיע האָט געענדיקט די כערסאָנער פעלדשער־שול און איז אָנגעקומען אויף די אַקושערן־קורסן אין אָדעס. אויך איך האָב ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט זומער־צייט זיך אַראָפּצו־כאַפּן אין אָדעס און פאַרברענגען דאָ עטלעכע טעג. אַלץ איז פאַר מיר דאָ געווען שיר נישט פאַנטאַסטיש.

אין 1900 האָב איך זיך געלאָזט קיין ווילנע — צו עקזאַ־מינירן זיך אין באַרימטן לערער־אינסטיטוט. גלייכצייטיק האָט זיך פון אָדעס אַראָפּגעלאָזט קיין ווילנע סאָפּיעס פעטער דאַוויד גאָפּנער, אויך מיטן זעלבן צוועק — זיך שטעלן צום עקזאַמען אין לערער־אינסטיטוט. מיר האָבן זיך אין ווילנע באַפריינדעט. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין כערסאָן, האָב איך זיך אַדאַנק דאַווידן באַ־קענט און באַפריינדעט מיט סאָפּיען. דאַוויד איז געווען דער יינגסטער ברודער פון סאָפּיעס מוטער. מיר אַלע דריי זיינען געווען אין דעם זעלבן עלטער.

***

די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך זיינען ניט נאָר זכרונות פון פּערזענלעכן כאַראַקטער, אין דעם פאַל — פון מיין ווייניקייט. דאָס זענען עפּעס מער: זכרונות וועגן אַ גאַנצן דור וואָס נעמט אַרום די תקופה 1897—1939.

מיר, די יוגנט פון דעם דור, האָבן זיך געלאָזט שווימען מיטן מעכטיקן שטראָם פון רעוואָלוציעס און ראַדיקאַליזם. שפּעטער זענען צום הויפּט שטראָם צוגעקומען נאָך טייכלעך און טייכן, און פון זיי איז געוואָרן איין גרויסע גאַנצקייט: בונד, יידישע אַרבעטער־באַוועגונג; יידישע שפּראַך און ליטע־ראַטור, די וועלטלעכע שול אין דער מוטער־שפּראַך.

דאָס לעבן איז געגאַנגען ווייטער, געשעענישן זענען גע־לאָפן, ס'האָבן נישט געפעלט קיין מפּלות, אָבער מיר האָבן זיך יעדעס מאָל אויפגעהויבן און געגאַנגען ווייטער...

עפּיזאָדן פון ייִנגערע יאָרן

איך געדענק נישט גענוי ווי אַלט איך בין געווען בעת דעם עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך גיי איצט דערציילן. אָבער, אומגעפער, אַזוי פאַרשטיי איך, האָב איך געמוזט זיין אַ יאָר צען־עלף. דאָס איז אַן עפּיזאָד, וואָס מ'קען פאָרמולירן אַזוי: דאָס איז געווען מיין ערשטער סאָציאַלער קאָנפליקט, מיין ערשטע פּערזענלעכע דערקענונג פון סאָציאַלער אומרעכט און היפּוכים.

אין וואָס איז באַשטאַנען די זאַך? געהאַט אַ חבר, אַ ביסעלע עלטער פון מיר. ער האָט אויך געהייסן שלמה, שלמהקע שלום־יידלס דעם שוחטס. דער טאַטע זיינער איז געווען אַ שוחט און ער איז אַלע יאָרן געווען צעקריגט מיט דער גאַנצער שטאָט איבער פּראָבלעמען פון שחיטה. די גאַנ־צע שטאָט האָט מיט אים געהאַט צו טאָן. אָט דער דאָזיקער ייִנגל שלמה, דאָס איז געווען מיין ערשטער חבר. און מיר האָבן פאַרטראַכט עפּעס שאַפן אַן אייגענע „אָרגאַניזאַציע”. נאַטירלעך, דאָס וואָרט אָרגאַניזאַציע האָב איך נאָך נישט געוואוסט, און מסתמא ער אויך נישט. שאַפן אַזאַ מין אייגענע חברה, אַזוי האָבן מיר עס אָנגערופן, אַן אייגענע חברה. האָבן מיר אָנגעהויבן קלייבן ייִנגלעך, פינף, זעקס, זיבן ייִנגלעך, און דאָס איז געווען די חברה. נו, אַ חברה דאַרף עפּעס טאָן! האָבן מיר פאַרטראַכט אַזאַ פּלאַן: נישט ווייט פון אונדז איז געווען אַ קלייניקער בית־מדרשל, וואָס מ'האָט אים גע־רופן די העקערשע שולעכל. גאָר אַ קליינינקער, ממש איין צימער אַ גרעסערער און מער נישט. העקערס — דאָס האָט געהייסן די פלייִשהאַקער, וואָס האָבן געהאַקט און פאַרקויפט די פלייש אָרעמע יידן, פאַרהאָרעוועטע און קיין גרויסע למדנים זיינען זיי נישט געווען. זיינען מיר געקומען צו זיי מיט אַ פּלאַן: איר האָט דאָ עפּעס אַ שאַנקל, אַ קליין שאַנקל?

יאָ. אָ! אין דעם דאָזיקן שענקל וועלן מיר אייך אָריינשטעלן אַ ביסל ספרים. מיר וועלן ברענגען אַ ביסל משניותן, עין־יעקבס, ׳תהילים׳ און מיר וועלן אָנהייבן מיט אייך לערנען אין די אָוונטן. זיי האָבן אויפגענומען דעם פּלאַן זייער פיין. זיי האָבן געהאַט צוטרוי. זיי האָבן געוואוסט ווער דער שלמה איז, און ווער דער אַנדערער שלמה איז. האָבן זיי אָנגענומען דעם פּלאַן און זיי האָבן געזאָגט, „גוט". נו, איצט וועלן מיר אָנקלייבן די ספרים, און אַז מיר וועלן זיין פאַרטיק מיט די ספרים, וועלן מיר דעמאָלט קומען און מיר וועלן עפענען די „אונטערנעמונג".

בעת מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן חברים פאַר דער דאָזי־קער חברה, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ בחור׳ל, אויבעט אין די זעלבע יאָרן, אַ זונדל פון אַ רייכן יידן. זייער אַ רייכער סוחר. אַ ליובאַוויטשער חסיד. און איר פאַרשטייט דאָך, אַז דער יינגל האָט אויסגעזען אַנדערש ווי מיר. מיר זיינען גע־ווען אָרעמע קינדער, אָפּגעריסענע צו ביסעלעך, הונגעריקע צו ביסעלעך, און ער איז געווען אַ געפּאַקטער, אַ געזונטער בחור מיט רויטע באַקן. און אַז מיר האָבן אים אָנגעהייבן צו ביסעלעך אַגיטירן ער זאָל זיך אָנשליסן אין אונדזער חברה, האָט ער געענטפערט „ניין". ס׳שטייט אים ניט אָן. דער טאַטע זיינער האָט אים יעדן טאָג געצאָלט אַ רובל פאַר אויסלערנען אַ זייט פון דעם תניא. און ער איז שטענדיק געווען מיט געלט, און שטענדיק געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, און צוגעקלאַפּט, האַ! איר זעט? כ׳האָב! און אַזוי צו ביס־לעכווייז איז געוואָרן אַ געוואַלדיקע קעגנער׳שאַפט צווישן אונדז מיט אים, מיטן דאָזיקן רייכן זונדל. צו ביסלעך האָט מען זיך אָנגעהויבן קריגן. מיר זיינען געגאַנגען אין איין זייט גאַס, ער איז געגאַנגען אין דער אַנדערער זייט. אונדזערע חברימלעך האָבן אים געפּרואווט באַפאַלן, און ער האָט זיך גערייצט מיט אונדז ביידעמען, מיט ביידע שלמהס, מיט איין וואָרט: קיצבה! אַ רוח אין אייער טאַטן! קיצבה! דאָס הייסט, דעם שלמהס טאַטע און מיין טאַטע ביידע לעבן אויף קיצבה. נאַטירלעך, איז דאָס געווען נישט ריכטיק. ס׳איז געווען אַ ליגן, ווייל שלומקעס טאַטע איז געווען אַ שוחט און מיין

טאַטע איז געווען אַ מלמד און אַ שטיקל מגיד. אָבער ער האָט זיך גערייצט מיט אונדז, קיצבה! קיצבה! און מיר האָבן צוריקגעשריגן עפעס ערגערס וועגן זיין טאַטן: פתחיה מיט דער **אַם**!

סוף־כל־סוף איז די מחלוקה געוואָרן איבערגעריסן, מיר זיינען זיך געווען סעפּאַראַט אַליין, און ער דאָרטן, דער רוח ווייסט אים וואָס ער האָט דאָרטן געטאָן. (שפעטער, מיט יאָרן, איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט).

דאָס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער עפיזאָד. אַן עפיזאָד פון אונדזער אַקטיווקייט, פון אונדזער איניציאַטיוו, און אין אַ געוויסער מאָס דרייסטקייט.

מיר האָבן סוף־כל־סוף פאַרלוירן דעם אינטערעס צו די דאָזיקע אַלטע יידן, די העקערס, מיר האָבן זיי נישט גע־לערנט, און מיר האָבן אויפגעהערט אַריינצוקומען אין דעם דאָזיקן בית־מדרש. אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן אַנדערע אינטערעסן.

דער דאָזיקער עפיזאָד האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַל־דיקן איינדרוק. אפילו היינט צו טאָג, אַז איך דערמאָן זיך אָן דעם דאָזיקן אָנגעפרעסטענעם יינגל מיט זיין שטימע, מיט זיין געשריי: קיצבה! קיצבה! — פון דער ווייטנס נאַטירלעך — פון נאָענט האָט ער מורא געהאַט, מירן אים באַפאַלן און אָנהויבן זיך שלאָגן — אפילו היינט רופט עס ביי מיר אַרויס אַ ביטערן טעם.

אַ צווייטער עפיזאָד. ווידער אַ מאָל, איך בין ניט זיכער ווי אַלט איך בין געווען. אומגעפער, איך מיין, אַז מיט אַ יאָר עלטער ווי יענער עפיזאָד. דאָס הייסט אומגעפער, אַז איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. אָט דער עפיזאָד איז אינטערעסאַנט נישט נאָר פון שטאַנדפונקט פון מיין ביאָגראַ־פיע, נאָר אויכעט געזעלשאַפטלעך.

דער עפיזאָד האָט זיך אָפגעשפילט ביי אונדז אין דער היים, ביי אונדז אין שטוב. מיין טאַטע, ווי איר האָט גע־הערט, איז געווען אַ מלמד אין, אַזוי צו זאָגן, אַ מאָדערנער

תלמוד־תורה, געלערנט מיט די יינגלעך חומש, תנ״ך אאז״וו. גלייכצייטיק איז ער געווען באַקאַנט אין שטאָט ווי אַ מגיד און אַ דאַנק דעם, האָט ער געהאַט אַ סך פֿאַרבינדונגען אין שטאָט. איינער פֿון די דאָזיקע מענטשן, מיט וועלכן ער איז געווען פֿאַרבונדן, איז געווען אַ ייִד אונטערן נאָמען מאַרקאָוו, אַן אָקסנהענדלער, אויכעט אַ רייכער ייִד, אַ סוחר. דער ייִד האָט געהאַט אַ זון — דאַכט זיך אַ בן־יחיד. אַ סטודענט אין פּעטערבורג, זייער אַ פֿעאיקער מאַטעמאַטיקער. אויף די זומער־דיקע וואַקאַציעס פֿלעג ער קומען אַהיים אין כערסאָן. איין מאָל דערווייס איך זיך פֿון מיין פֿאָטער, אַז דאָ היינט אין אָוונט וועט ביי אונדז זיין דעם מאַרקאָווס זון, אָט אַ דער סטודענט. ער האָט עס מסתמא געזאָגט נישט צוליב מיר, נאָר צוליב מיין מוטער, אַז מ׳זאָל צוגרייטן עפּעס.

אין אָוונט הייבן אָן אין אונדזער וואוינונג, — אַ פּאָר קליינינקע צימערלעך, — אַריינקומען ייִדן, באַלעבאַטים, שטיקלעך לומדים, פֿריינד פֿון מיין פֿאָטער. אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש, און באַלד קומט אויך דער סטודענט, מאַרקאָוו. ער פֿילט זיך דאָ גאַנץ היימיש, זעצט זיך אַוועק אויבן אָן ביי דעם טיש און ער זאָגט צו די ייִדן (איך ווייס נישט צי ער האָט פֿריער מיין טאַטן געזאָגט וועגן דעם, וואָס ער גייט זאָגן, און צי מיין פֿאָטער האָט עס, אַזוי צו זאָגן, אַקצעפּטירט) אַזוי: „איך וויל אייך עפּעס איבער־לייענען. דאָס איז אַן איבערזעצונג פֿון אַ דערציילונג פֿונעם באַרימטן גראַף לעוו טאָלסטאָי. איך האָב די איבערזעצונג געמאַכט פֿון רוסיש אויף ייִדיש, און איך וויל עס פֿאַר אייך איבערלייענען און הערן אייער מיינונג וועגן דער זאַך בכלל און וועגן דער ייִדישער איבערזעצונג בפֿרט״. דאָס איז געווען די באַרימטע דערציילונג פֿון טאָלסטאָי, וואָס הייסט „סמיערט איוואַנאַ איליטשאַ״, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות. טאָלסטאָי באַשרייבט דעם טויט פֿון אַ מענטשן, פֿון אַ רוסישן נאַטור־פֿאָלקסמענטש.

מאַרקאָוו האָט געלייענט גאַנץ גוט, הויך. ייִדן האָבן געהערט. מיר דאַכט זיך, אַז די אַלע ייִדן איז עס אין איין

אויער אריין און אינעם אנדערן ארוים, אבער, מ׳האט גע־שמייכלט און פארשטייט זיך, מ׳האט אים געזאגט גוטע ליבווערטער. דאס איז אייגנטלעך, דער גאנצער עפיזאד. מיט א יאר שפעטער, האט מיין פאטער געפועלט ביי דעם סטו־דענט, אז ער זאל מיט מיר לערנען, גרייטן צו עקזאמענס אין גימנאזיע. און איך האב זיך, אזוי צו זאגן, דערנענטערט צו דעם דאזיקן סטודענט. אבער, נישט איך האב געוואוסט וועגן דעם, אז ס׳איז דא א יידישע ליטעראטור, און נישט ער האט מיט מיר גערעדט וועגן יידיש, וועגן יידישער ליטעראטור. ער האט מיט מיר געלערנט הויפטזעכלעך מאטעמאטיק, דאס איז געווען זיין ספעציאליטעט. דער דאזיקער אינצידענט דערמאנט מיר אן ענלעכן עפיזאד אין שלום־עליכמס בוך „פונעם יאריד". שלום־עליכם דערציילט דארט אזוי: זיין פאטער איז געווען א געזעלשאפטלעכער מענטש. און יעדן שבת־צו־נאכטס פלעגן קומען יידן. און די מאמע האט געשטעלט כיבוד, און שלום־עליכמס טאטע האט פארגע־לייענט עפעס פאר די יידן. זיי האבן שוין געוואוסט, אז זיי קומען צוליב דעם, און זיי האבן שטארק הנאה געהאט. שלום־עליכם איז געווען א ייִנגל, מסתמא אויכעט אזוי א יאר 10-11. דערציילט ער: דער טאטע האט ארויסגענומען עפעס אן אלט ביכעלע, אן טעוועלעך, מיט א צעריסן שערבלאט, און גענו־מען לייענען. וואס פאר א מעשה דאס איז געווען, ווייס נישט שלום־עליכם. ער האט דערנאך געפרואווט עס דערגיין, ס׳האט זיך אים נישט איינגעגעבן, די יידן האבן גוואלדיק הנאה געהאט. די יידן האבן כסדר געשאסן מיט געלעכטער. (מעג־לעך דאס איז געווען לינעצקים א מעשה). און יעדער מאל האבן די יידן געגעבן א שאס ארוים: אוי, א רוח אין זיין טאטן אריין! אוי א רוח אין זיין טאטן אריין! איי איי איי! ווען שלום־עליכם האט געשריבן דעם בוך „פונעם יאריד", איז דאס שוין געווען די לעצטע יארן פון זיין לעבן. דערציילט שלום־עליכם: אט דער דאזיקער אוונט, און אט דער דאזיקער געלעכטער פון די יידן, און דאס גוטמוטיקע שעלטן דעם מחבר אין טאטן אריין, האט אויף מיר געמאכט אזא קאלא־סאלן איינדרוק, אז איך האב ביי זיך באשלאסן: אוי, ווען

איך וואָלט אויך געקענט ווערן אַט אַזאַ שרייבער, און די יידן זאָלן אַזוי הנאה האָבן, זאָלן מיר אויך שעלטן אין טאַטן אַריין, אָ! ווי גליקלעך איך וואָלט געווען. דאָס האָט שלום-עליכם געטראַכט, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל.

אומקערנדיק זיך צו מיין עפּיזאָד, ווערט מיר קלאָר: עפּעס איז מיר אַריין אין קאָפּ אין יענעם אָוונט: אַ יידישע שפּראַך? און אַ גוטע, אַ ליטעראַרישע שפּראַך? כ'האָב ניט געוואוסט דאָס וואָרט „ליטעראַריש", און ער דער סטודענט פון פּעטערבורג, ער פאַרנעמט זיך מיט דעם, האָט עס אין זינען?

איך וויל פאַרענדיקן דעם עפּיזאָד נאָך מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם סטודענט מאַרקאָוו. מאַרקאָוו האָט שפּעטער געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, און ער איז געווען זייער אַ גוטער מאַטעמאַטיקער. מיט יאָרן שפּעטער, אין ניו יאָרק, האָט ד"ר מאַקס וויינרייך מיר דערציילט: ער איז אין פּעטערבורג געווען באַפריינדעט מיטן סטודענט מאַרקאָוו, אַבראַם מאָיסעיעוויטש מאַרקאָוו. און ווען שפּעטער האָט די חברה מפיצי-השכלה געשאַפן אַזאַ מין דריי-פיר-יאָריקן סעמינאַר („גראַדנער קורסן") אויף צו גרייטן יידישע לערער — איז מאַרקאָוו דאָ געווען אַ לערער פון מאַטעמאַטיק. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פּאָר ביכלעך אַריפמעטיק פאַר דער שול, פאַר קינדער, אויף יידיש. ער איז געווען אַ געטרייער אָנהענגער פון יידיש.

איך דער עפּיזאָד האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומגעהויערן איינדרוק, נאָר נישט מער ווי אַן איינדרוק, אָבער דאָס האָט מיך געשטויסן און איך האָב אָנגעהויבן זוכן און זיך אינטערעסירן מיט יידיש. איך האָב געפונען ביי מיין פאָטער אין זיין ביבליאָטעק, אַ פּאָר יידישע ביכלעך. ווער און וואָס דאָס איז געווען, געדענק איך נישט. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, מיין ערשטער טראָט צו יידיש.

נאָך אַן עפּיזאָד. איך אומגעפער פון די זעלבע יאָרן, אומגעפער עלף, צוועלף. און דעם עפּיזאָד וועלן מיר אָנרופן

מיטן נאָמען „השחר״, אויף העברעאיש — „דער מאָרגנ־שטערן״. איך האָב געמאַכט אַ פּרואוו אָפּצוגעבן אַן עקזאַמען און אַריינגיין אין אַ גימנאַזיע. געקומען אָפּגעבן די עקזאַמענס, האָב איך זיך דאָ געטראָפן נאָך מיט אַ צוויי יינגלעך אין דעם זעלבן עלטער. זיי זענען געקומען אויכעט אויף אָפּצוגעבן די עקזאַמענס. איינער פון זיי איז געווען אַ זון פון אַ שוחט אין אַ שטעטל, וואָס ליגט אויף יענער זייט דניעפּער, אַנטקעגנ־איבער כערסאָן. דאָרטן איז געווען אַ קליינער יידישער יישוב. דער דאָזיקער שוחט איז געווען שוין אַ ביסל ליבעראַל גע־שטימט, אַזוי, אַז ער האָט געשיקט דעם יינגל פּרואוון זיך האַלטן עקזאַמען און אָנקומען אין דער גימנאַזיע. און בפירוש אויסגערעדט, איידער וואָס ווען, אַז שבת וועט ער נישט שרייבן. איך בין דורכגעפאַלן אויף דעם עקזאַמען. און דער בחור, דעם שוחטס, האָט יאָ אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. און אַזוי אַרום האָב איך באַקומען, הייסט עס, אַ נייע באַ־קאַנטשאַפט, אַ נייעם חבר. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער דאָזיקער בחור, ווייזט אויס מיט דער הילף פונעם פאָטער, דעם שוחט, איז אַ „רעדאַקטאָר״ פון אַ העברעאישער שריפט, וואָס גייט אַרוים יעדע פּאָר וואָכן אונטערן נאָמען „השחר״. ביי אַ געלעגנהייט האָט ער מיר געגעבן אַ פּאָר נומערן איבערצולייענען. צי מיט זיין איניציאַטיוו, צי מיט מיינער, בין איך געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פונעם דאָזיקן העברעאישן „השחר״. און דאָ איז געשען אַ גוואַלדיק־אינטערעסאַנטער עפּיזאָד, וואָס האָט אויכעט נישט נאָר אַ ביאָגראַפישן נאָר אויך אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן אינטערעס.

מיין פאָטער איז נישט געווען קיין פאַנאַטיקער. אָבער ער איז געווען אַ חסיד, און ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פונעם ראַכמיסטריווקער רבין. פון צייט צו צייט פלעגט קומען אַ גבאי פון ראַכמיסטריווקע און ער פלעג, מיט דער הילף פון מיין פאָטער, אויפזאַמלען די געלט, וואָס יעדערער האָט מנדר געווען פאַרן רבין. דער דאָזיקער משולח האָט פאַר־ברענגט ביי אונדז אין שטוב לאַנגע שעהען. ער האָט ליב געהאַט צו עסן, צו טרינקען, און האָט נישט געמאַכט קיין

סימפּאַטישן איינדרוק. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט אַ פּאָר יאָר פון מיינע יונגע קינדעריאָרן.

און אָט איז געשען אַזוי, אַז דער ראַכמיסטריווקער רבי (ס׳איז געווען אַ גאַנצע גזע ראַכמיסטריווקער) איז אַליין גע־קומען קיין בערסאַן. מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ וואוינונג, און דאָרטן האָט דער רבי אויפגענומען די באַזוכערס, חסידים. מ׳איז געקומען מיט קוויטלעך, מיט בקשות צום רבין, אַ פּאָר רובל אים דערלאַנגען, אַזוי ווי ס׳האָט זיך געפירט. דער ראַכ־מיסטריווקער רבי האָט קיין דרשות ניט געהאַלטן, אין דער עפנטלעכקייט איז ער ניט אויפגעטראָטן. און ווי יונג איך בין נישט געווען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ס׳איז עפּעס נישט אין אָרדנונג, עפּעס נישט געזעלשאַפטלעך. האָב איך גענומען, און האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַר דעם „השחר״, און זידל דעם רבין אויף וואָס די וועלט שטייט, און ווייז אויף די צביעות און די פאַלשקייט און די רעאַקציאָנערישקייט אאַז״וו אאַז״וו. און לאַך אויס דעם גבאי, און לאַך אויס — נישט אָנרופנדיק ביים נאָמען, — מיין טאַטן, וואָס העלפט צו פאַרווירקלעכן אָט די דאָזיקע זאַך. אָפּגעדרוקט עס אין „השחר״, איז באַלד געוואָרן אַ טומל אין שטאָט. אונטערגעשריבן האָב איך זיך „רואה ואינו נראה״, דער וואָס זעט אַליין און אים קען מען נישט זען. אונטער דעם פּסעוודאָנים האָב איך פאַרעפנטלעכט מיין ערשט ווערק. אין שטאָט איז געוואָרן אַ הו־האַ. איך וויים נישט פון גאָרנישט. עס גייט אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און עס גייט אַרויס אַ פרישער נומער „השחר״. און אין דעם פרישן נומער גייט אַן אַרטיקל מיט אַ גוואַלדיקער שאַרפער פּאָלעמיק קעגן מיר, מיט שאַרפע זידלווערטער: ווי האָט עס געוואַגט די רעדאַקציע צו דרוקן אַזאַ מין אַ זאַך? און ווי האָט געוואַגט דער שוחט, דער פאָטער פון דעם רעדאַקטאָר, ווי האָט ער עס דורכגעלאָזט, נישט אַכטונג געגעבן, אַז ס׳זאָל זיך נישט באַווייזן אָט אַזאַ מין אַ שרעקלעכער אַרטיקל? דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געהאַט דעם טיטל אויכעט „רואה ואינו נראה״, אָבער מיט אַן עין, נישט מיט קיין אַלף. דאָס הייסט, דער וואָס איז אַ פּאַסטעך, און אַליין איז ער נישט דערצויגן, נישט געפּאַשעט זיינע שאָף ווי געהעריק.

מיין פאָטער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אַזוי, אַז ס'איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט זיך אַריינמישן אין דער זאַך, און אַז ער וועט אָנשרייבן אַזאַ מין קעגן־אַרטיקל. און איך פון מיין זייט האָב זיך אויך געמאַכט נישט וויסנדיק. כ'האָב גאָרנישט געפרעגט דעם פאָטער, כ'האָב גאָר־נישט געזאָגט. אָבער כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון מיין טאַטן. איצט איז געוואָרן אין שטעטל נאָך אַ גרעסערער טומל ווי פריער. די פּאָר מענטשן, די אָרטיקע העברעאיסטן, משכילים, וואָס מיט עטלעכע פון זיי פלעג איך זיך טרעפן — זיי האָבן געקענט מיך, געוואוסט פון ווער און וועמען. אַז זיי האָבן דערזען דעם אָפּגעדרוקטן ענטפער, האָט זיך צעפלאַקערט אין זיי אַ גוואַלדיקער כעס און זיי האָבן זיך געריסן — זיי גייען ענטפערן צוריק דעם דאָזיקן פאַלע־מיסט, ענטפערן מיט אַ שאַרפן אַרויסרוף. אָבער צו דעם איז נישט געקומען. דאָס איז געווען דער לעצטער נומער פון „השחר". ווייזט אויס, אַז דער פאָטער פון דעם יינגל (ס'איז געווען אייגנטלעך צוויי יינגלעך, צוויי ברידערלעך), דער שוחט האָט זיך אַריינגעמישט און ער האָט נישט געוואָלט, אַז ס'זאָל אויף אים פאַלן די גאַנצע שולד, מיט די אַלע טענות. און ער האָט געפועלט, אַז מער גיט מען נישט אַרויס, און מער האָב איך נישט געהאַט קיין פלאַץ וואו צו שרייבן.

איך בין געוואָרן גוואַלדיק פּאָפּולער אין „שטאָט". אַלע האָבן געוואוסט, ווער ס'האָט דאָס געשריבן, ווער ס'האָט געענטפערט. און אַלס אָנערקענונג האָבן אַ פּאָר פון די דאָזיקע משכילים מיך רעקאָמענדירט אין אַ שטוב, וואָס איז געווען אַ רייכע משפחה פון פּרינציפּיעלע אָנהענגער פון ציוניזם, חיבת־ציון. אין כערסאָן זענען געווען אַ סך אַזעלכע. איינער פון זיי איז געווען דער פאָטער פון טשערטאָק, פון דעם שפּע־טערדיקן מיניסטער פון אויסלאַנד אין ישראל. אָט אַ די אינ־טעליגענטן האָבן עס מיך רעקאָמענדירט אַהער אין דער שטוב, און דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גוואַלדיקע געשעעניש. איינע פון די יינגסטע טעכטער אין דער משפחה איז געווען אַ סטו־דענטין, און זי האָט זיך גענומען מיט מיר לערנען פראַנצוי־

זיש. אַ לענגערע צייט האָט זי מיט מיר געלערנט פראַנצויזיש. זי האָט עס געטאָן צוליב מצווה, אָבער איך פון מיין זייט בין געווען באַגייסטערט פון דעם מיידל און איך האָב אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן אין האַרצן איר אָנדענק.

אין ווילנע — און צוריק אין כערסאָן

איך בין שוין משמעות אַלט געווען פופצן יאָר, און טאַקע די זעלבע משכילים, וועגן וועלכע כ׳האָב פריער דער־ציילט, זיי האָבן אָנגעהויבן מיר איינצורעדן כ׳זאָל פאָרן קיין ווילנע זיך עקזאַמינירן אין דעם ווילנער יידישן לערער־אינ־סטיטוט. צווישן די דאָזיקע משכילים איז געווען איינער אַ גאַסט, אַליין אַ לערער, און ער האָט אַזוי צו זאָגן מיך פאַר־הערט, און ער האָט געפסקנט, אַז איך קען, — איך קען פאָרן, איך קען אויסהאַלטן און איך קען אָנגענומען ווערן אינעם ווילנער אינסטיטוט. און דאָס איז געוואָרן אַן אָנהייב פון אַ נייער תקופה אין מיין לעבן.

ס׳ערשטע מאָל אויף מיין לעבן אַרויסגעפאָרן, אַ וויטע נסיעה מיט דער באַן. אין כערסאָן איז נאָך דאַמאָלט קיין באַן ניט געווען, האָט מען געדאַרפט פאָרן מיט דער שיף קיין ניקאָלאַיעוו און דאָרטן נעמען די באַן קיין ווילנע. געקומען קיין ווילנע בין איך מיט צוויי בריוו, פון צוויי ווידער אַ מאָל אָרטיקע משכילים, בריוו, וועלכע האָבן מיך רעקאָמענדירט ער־שטנס, צום דירעקטאָר, אָדער ריכטיקער צום וויצע־דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט — דאָס איז דער באַרימטער יידישער גע־לערנטער יהושע שטיינבערג, מחבר פון אַ סך גראַמאַטיקאַלי־שע און אַנדערע העברעאישע ווערק. אַ בריוו צו אים, אַ בריוו נאָך צו עמעצן.

צום באַשטימטן טאָג, בין איך געקומען אויפן הויף פון אינסטיטוט. ס׳האָבן זיך געקליבן די אַלע חברה וועלכע גייען צום עקזאַמען. און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָב איך זיך

דאָרטן מקרב געווען מיט אַ יינגל פון מיינע יאָרן וואָס ער איז געקומען פון אָדעס, די הויפּטשטאָט פון „מיין" גובערניע, פון כערסאָנער גובערניע. ער האָט געלערנט אין אָדעס אין אַ קאַזיאָניע יעווריעסקאָיע אוטשילישטשע. אויך ער האָט גע־האַט אַ רעקאָמענדאַציע — פון דעם דירעקטאָר אָדער פון איינעם פון די לערער. און וועגן דער רעקאָמענדאַציע וועל איך שפּעטער דערציילן. אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט, און מיר האָבן זיך אַביסעלע דערנעטערט. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט אַ שוועסטער (ער אַליין איז דער מוזיניק פון דער משפּחה) וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ כערסאָנער און וואוינט אין כערסאָן. זי איז שוין אַן עלטערע פרוי און האָט שוין אַליין צוויי יינגערע מיידלעך. דער אָדעסער חבר האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מיר. ער פלעגט באַקומען בריוו פון כערסאָן, פון דער שוועסטער, און פון איר טאָכטער אַ שילערין אין אַן עלטערן קלאַס גימנאַזיע, און זי האָט אָנגע־הויבן שרייבן די בריוו און איבערשיקן גרוסן צו מיר, אומ־באַקאַנטערהייט, אויפן גרונט פון זיינע בריוו. אַזוי אַרום האָט זיך פאַרקנופּט אַ פריינדשאַפט צווישן מיר מיט דעם יינגל (ער האָט געהייסן דאַוויד) און צווישן מיר און דעם מיידל, וואָס איז געווען זיינע אַ פּלימעניצע, כאָטש כמעט אין די זעלבע יאָרן.

נישט איך און נישט דאַוויד, מיר האָבן ביידע נישט אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען און נישט אָנגענומען געוואָרן אינעם אינסטיטוט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אינסטיטוט קען אויפנעמען יעדן יאָר 15, 16, 17 תלמידים, נישט מערער, און געשטעלט צום עקזאַמען האָבן זיך 70. און ס'איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דעם פאַרהאַנט ביים אָנקו־מען האָבן געהאַט די ווילנער יינגלעך. אַזוי אַרום זיינען מיר ביידע געבליבן אין ווילנע ביי גאָרנישט. מיר האָבן גענומען עפּעס אַ צימערל צוזאַמען, מיר האָבן געהונגערט צוזאַמען, אַ ביסל פלעגט מען מיר צושיקן פון דער היים. אונדזער הויפּט־פּראָבלעם איז איצטער געווען — הונגער. אַ דאַנק דעם בריוו וואָס איך האָב געהאַט, האָבן מיר באַקומען אומזיסטע בילעטן

אין דער קיך. ס'איז געווען אזא מין ביליקע קיך, און מיר האָבן דאָרטן אָנגעהויבן עסן יעדן טאָג. מ'האָט זיך צו ביסלעך אין שטאָט באַקאַנט מיט איינעם, מיט אַ צווייטן.

דער חבר מיינער דאַוויד — ווי איך האָב געזאָגט, האָט אויך געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו. צו וועמען? צו דעם רעדאַקטאָר פון דער רוסישער צייטונג, „סעוועראָ-זאַפּאַדנאַיאַ סלאָוואָ", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע. דער רעדאַקטאָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער באַרימטער ס.־ר. — סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער — מינאָר, אַ זון פון דעם באַקאַנטן מאָסקווער ראַבינער. ער איז געווען אין ווילנע אַזוי ווי אַ פאַרשיקטער, ווייזט אויס נאָך אַ פּראָצעס. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ גוטן בריוו וועגן דאַווידן, האָט ער אים צוגעשאָרט אַרבעט — מאַכן קאָרעקטורן, שרייבן אַדרעסן. איך בין אויך צוגעשטאַנען, כ'האָב אויך געשריבן אַדרעסן. דאָס איז געווען די גרויסע פּרנסה, וואָס מיר האָבן געצויגן פון דעם.

און דאָ איז געשען אַזאַ מין זאַך:

איינע פון די סיבות, פאַרוואָס מיר האָבן ביידע נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, איז געווען: דער עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק, אָדער ריכטיקער פון אַריטמעטיק. דעם טעקסט פון דער „אויפגאַבע" האָט אויסגעאַרבעט דער לערער, דער מאַטעמאַטיקער. דער דירעקטאָר איז געווען אַ קריסט. אַ חוץ שטיינבערגן, זיינען אַלע לערער געווען קריסטן. ווייזט אויס, דער לערער איז געווען נישט אַזאַ וואַזשנער מאַן. הקיצור, ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ „זאַדאַטשע", אַ אויפגאַבע פון מאַטעמאַטיק, וואָס איז געווען גרויס אַ צוויי-דריי זייטלעך געשריבענע. און ווייזט אויס, די ווילנער ליטוואַקעס האָבן שוין געוואוסט די אַלע שטיק מיט די אַלע קונצן. זיי האָבן זיך צוגעגרייט. מיר ביידע נאַיווע, געקומענע פון כערסאָן און פון אָדעס, מיר האָבן גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם און פאַר אונדז איז געווען די דאָזיקע קאָמפּליצירטע זאַדאַטשע, אַזאַ מין רעטעניש, אַן אויפגאַבע נישט פאַר אונדזערע כוחות. און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות פאַרוואָס מיר זיינען באַלד באַזייטיקט געוואָרן פון די איבריקע עקזאַמענס. אַז דער רע־

דאָקטאָר פון „סעווערא-זאַפּאַדנאַיע סלאָוואָ", מינאָר, האָט דערהערט פון דאַווידן די גאַנצע געשיכטע מיטן עקזאַמען, איז ער געוואָרן אויפגערעגט, און ער האָט אָנגעשריבן און אָפּגע־דרוקט אין דער צייטונג זיינער, אַ גרויסן אַרטיקל אד"ט ווי אַזוי מען פּייניקט יידישע יינגלעך. אַנשטאָט זיי צו דערנענ־טערן, אַנשטאָט זיי אַריינצופירן אין טעמפּל פון בילדונג, אַנ־שטאָט דעם פּייניקט מען זיי און מ'וואַרפט זיי אַרויס, און מ'טרייבט זיי אַוועק. און ער האָט דעם פולן טעקסט פון דער דאָזיקער מאַטעמאַטישער אויפגאַבע אָפּגעדרוקט אין זיין אַר־טיקל אין דער צייטונג. און אין דער צייטונג האָט עס פאַרנו־מען אַ גרויסן קאָלום, אפשר נאָך מערער, אַזוי גרויס איז דאָס געווען. און ווידער אַ מאָל, זיינען מיר געוואָרן העלדן. קרבנות פון ביוראָקראַטיע, קרבנות פונעם רעזשים.

צו ביסלעך, צו ביסלעך, האָט דאַוויד געקריגן באַקאַנט־שאַפט, אויך איך האָב געקראָגן עפּעס באַקאַנטשאַפט מיט יונגע חברה. איינער פון די, מיט וועלכע איך האָב זיך דער־נענטערט, איז געווען דער חבר מאַרק כינאָי, וועלכער איז יאָרן לאַנג שפּעטער געווען דאָ אין ניו יאָרק אַ באַקאַנטער מיטאַרבעטער און אַ שרייבער אין „פאָרווערטס". ער איז גע־שטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָ אין ניו יאָרק. אָט דער כינאָי, איז געווען שוין אַ ביסעלע אַריינגעטאָן אין „פּאַרטיי". עס איז געווען אַ יאָר צוויי נאָך דער גרינדונג פון „בונד". איך האָב אויף מיין לעבן ניט געהערט דאָס וואָרט „בונד", און אַפילו ניט „סאָציאַליזם". כינאָי איז שוין געווען אַן אויפ־געקלערטער, און ער האָט מיר אָנגעהויבן צושאַרן עפּעס צום לייענען. אָט האָט ער מיר געבראַכט אַזאַ פּראָקלאַמאַציע, אַזאַ בלעטל, אויף רוסיש. און איין מאָל האָט ער מיר געבראַכט אַ נומער „אַרבעטער-שטימע". דאָס איז נאָך געווען פון די ערשטע נומערן, וואָס איז נאָך נישט אַרויסגעגאַנגען אונטער דער השגחה פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד". אויף שלעכטן פּאַפּיר, שלעכט אָפּגעדרוקט, אָבער איך האָב געקענט דאָס לייענען, און איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו דעם, און דאָס האָט פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט. פּאָליטיק, קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, מיטן צאַריזם, אַן אומלעגאַלע צייטונג.

און מ׳האָט שוין גערעדט וועגן דעם „בונד" ווי אַן אָרגאַניזאַ־ציע. אין ווילנע זיינען נאָך געווען פון פריערדיקע יאָרן „קרייז־לעך". אַזוי אַרום, האָט דאָס דאָזיקע פאַרברענגען מיינע, אָדער אונדזערע ביידנס אין ווילנע, פאַרביידע געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָל: אַ דערנענטערונג צו אַ נייער וועלט, צו אַ נייער אידעאָלאָגיע. דאַוויד איז שפּעטער אַוועק צו די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צו „איסקראַ". ווען איך בין געקומען צוריק דערנאָך אין כערסאָן, האָב איך שוין אויכעט זיך דער־נענטערט צו דער „באַוועגונג". וועגן דעם וועל איך דערציילן שפּעטער.

די לעצטע יאָר־אַנדערטהאַלבן איידער איך בין אַוועקגעפאָרן פון כערסאָן קיין ווילנע, האָב איך זיך באַפריינ־דעט מיט אַ יונגן בחור, אַ טאַלענטירטן פּאָעט. זיין נאָמען איז געווען זוואַנקין. דעם ערשטן נאָמען געדענק איך נישט צום באַדויערן. ער האָט געשריבן לידער אויף רוסיש און אויף העברעאיש. ער איז געווען אַ ביסעלע עלטער פון מיר, און ער איז געווען אַ שטיק אויטאָריטעט פאַר מיר. אונדזער פריינד־שאַפט איז אויך ווייטער אָנגעגאַנגען. ווען איך בין אַוועקגע־פאָרן, האָט מען געשריבן בריוו איינער צום צווייטן. און דאָ איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אַז מיר זענען דאָ אַזוי נאָענט צו דער רוסישער צייטונג און זוואַנקין שרייבט גוטע לידער אויף רוסיש, האָב איך אים אָנגעשריבן אַ בריוו — שיק מיר צו עטלעכע פון דיינע לידער און מיר וועלן זיי אָפּדרוקן אין „סעוועראָ־זאַפּאַדנאָיע סלאָוואָ", און מ׳וועט דיר זיכער באַצאָלן האָנאָראַר. און אַזוי האָט ער געטאָן. ער האָט צוגעשיקט עטלעכע לידער, און איך און דאַוויד האָבן אַריינגעגעבן די לידער צום רעדאַקטאָר און ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט. מיר האָבן באַקומען האָנאָראַר פאַר די פאַר לידער, מסתמא אַ פּאָר איינצלנע רובל. דער נסיון מיינער איז געווען זייער אַ גרוי־סער: וואָס טו איך מיט די געלט? אָפּשיקן די געלט זוואַנ־קינען? אָדער מאַכן זיך נישט וויסנדיק און אַראָפּשלינגען די

„גניבה״? און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. ריכטיקער, מיר ביידע האָבן עס אַזוי באַשלאָסן. פאַר די פּאָר רובל האָבן מיר געקענט אַ פּאָר וואָכן לעבן און אויף מיין געוויסן איז געבליבן לעולם־ועד אָט די דאָזיקע גרויסע עבירה פון באַגנבהנען אַן אייגענעם חבר און אַ נאָענטן חבר.

מיט יאָרן, יאָרן שפּעטער בין איך געקומען קיין אַמע־ריקע (1934). איך האָב געוואוסט אַז וואַנקין איז אַריבערגע־פאָרן קיין אַמעריקע. האָב איך אָנגעהויבן דאָ זיך פונאַנדער־פרעגן און דערוויסן זיך, אפשר ווייסט עמעצער וועגן דעם דאָזיקן וואַנקין, און וואו איז ער און וואָס איז ער. אַרויסגע־וויזן האָט זיך, אַז ער איז געווען שיינע עטלעכע יאָר דאָ אין אַמעריקע, און ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, געוואָרן אַ שטיק געלערנטער אין שפּראַך־ און פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, און ער האָט געדרוקט געוויסע זאַכן אויף ענגליש. ער האָט דאָ געהאַט אַ שוועסטער לאה, אָדער דאַכט זיך נאָך בעסער, די גאַנצע משפּחה איז שוין דאָ געווען אין אַמעריקע, און איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט דער דאָזיקער שווע־סטער, וואָס איז געווען די פרוי פון באַקאַנטן פּועלי־ציוניסט מאיר בראַון. פונעם שוואָגער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז וואַנקין איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין אַמערי־קע. כ׳האָב געפּרואווט זוכן אין פאַרשיידענע ווערטערביכער, ענציקלאָפּעדיעס—כ׳האָב אין ערגעץ נישט געפונען זיין נאָמען. אָבער ביי מיר אין זיכרון איז געבליבן אַ גוטער איינדרוק פון וואַנקינען. ער האָט געהאַט אויף מיר אַ גוטע ווירקונג. אַ דאַנק אים האָב איך מערער און מערער אָנגעהויבן רעדן, לייענען און שרייבן העברעאיש און אַפילו האַלטן „רעפעראַטן״ אויף העברעאיש. דאָס האָב איך אַלץ געהאַט צו פאַרדאַנקען אים. ער איז בכלל געווען אַ העכערער טיפּ יוגנטלעכער, אַ מער אינטעליגענטער און באַהאַוונטער אין ליטעראַטור און „פילאָזאָפיע״. און איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב דאָ די געלעגנהייט צו דערמאָנען זיין נאָמען.

ווען איך בין געקומען צוריק פון ווילנע קיין כערסאָן האָב איך זיך פערזענלעך באַקענט, און שפּעטער באַפריינדעט מיט דאַווידס פלימעניצע. זי האָט געהייסן סאָפירע און די פאַמיליע זייער'ע איז געווען שאַפּירא. עס האָט זיך געשאַפן אַ פריינדשאַפט אַזאַ צווישן אונדז פיר: דאַוויד און זיין אַדעסער שוועסטער סימע, איך און די יונגע מיידל סאָפירע (סאָפיע). אַ פריינדשאַפט — אויך אויף שפּעטערדיקע יאָרן, און עס פּאַסט זיך דאָ דערציילן וועגן דעם, הגם עס באַלאַנגט שוין צו אַן אַנדער עפּאָכע.

דער ערשטער פון די פיר חברים האָט זיך געפעלט ד'אַוויד: געשטאָרבן אין די 1920ער יאָרן אַלס אַ סאָוועטישער קאָמיסאַר אין אַ ראַנד־רעפּובליק. ער איז געווען שווער קראַנק. געהאַפט אַז דער קלימאַט וועט אים דאָרט דינען. דאָס לעצטע מאָל האָב איך גערעדט מיט דאַווידן אין קיעוו, אין 1919 — ער איז געווען דער אַמבאַסאַדאָר פון מאָסקווע פאַר דער „באַפרייטער" אוקראַינע. אויך סימע איז דעמאָלט געווען אין קיעוו, אַלס בילדונגס־קאָמיסאַר. סאָפיע מיט אונדזער קינד זענען שוין אויך געווען אין קיעוו, מיר האָבן זיך געטראָפן מיט סימען און מיט איר דעמאָלטיקן מאַן, קווירינג (באַרימטער באָלשעוויק). מיר האָבן אפילו געהאַט די זכיה צו פאָרן מיטן מלוכהשן אויטאָמאָביל און קווירינג אַלס שאָפער. די לאַגע פון דער דער באָלשעוויסטישער מאַכט איז דעמאָלט נישט געווען קיין זיכערע, אַ פאַר מאָל האָבן זיי פאַרנומען קיעוו און זיך געמוזט צוריקציען.

אין איינעם אַזאַ מאָמענט, ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט זיך געהאַלטן אין פּאַקן און עוואַקואירן די שטאָט, בין איך געקומען צו סימען, אין איר אָפיס, מיט אַ בקשה: איר פאַרלאָזט די שטאָט, אונדזער קולטור־ליגע בלייבט אָן אַ גראָשן, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ רעזשים עס וועט זיך איינשטעלן, איר מוזט אונדז איבערלאָזן אַ גרעסערע סומע, מיר זאָלן נישט אונטערגיין. אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט סימע מיר דערלאַנגט דריי מיליאָן רובל און טאַקע אין „קערענקעס". מער האָבן מיר שוין נישט געזען, נישט סימען, נישט דאַווידן...

די צוויײטע פון דער גרופּע האָט זיך געפּעלט מײַן פרוי, סאָפיע, דעם 6טן אויגוסט 1965, דאָ אין ניו־יאָרק.

אין אַפּריל 1966 איז אין מאָסקווע געשטאָרבן סימע, 86 יאָר אַלט.

בעת די באַרימטע רייניקונגען (אין די 30ער יאָרן) איז סימע „אַרײַן" אין אַ שפּיטאָל און דאָרט „אָפּגעלעגן" אַ דרײַ חדשים. אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פון סטאַלינס הענט. זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין קאָמינטערן און אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איך האָב באַקומען אַן אויסשניט פון „פּראַוודאַ" — אַ גרויסער נעקראָלאָג מיט אַ פּאָרטרעט, פּייערלעך אָנגעשריבן. אונטערגעשריבן זײַנען דאָ: ברעזשנעוו, קאָסיגין, מיקאָיאַן, סוסלאָוו, שווערניק, פּאָדגאָרני און נאָך 14 נעמען פון אָנגע־זעענע קאָמוניסטן. אַזאַ נעקראָלאָג מיט אַזאַ באַשרײַבונג פון איר לעבן און ראָל האָט געקענט פּובליקירט ווערן נאָר אין דער נאָך־סטאַלין־עפּאָכע. איך וועל ציטירן בלויז די לעצטע שורות פון דעם נעקראָלאָג: „אַ מערקווירדיקער קאָמוניסט, אַ טאַלאַנטירטער פּראָפּאַגאַנדיסט פון די גרויסע לענינשע אי־דייען, אַ באַשיידענער און באַצויבערנדיקער מענטש — ווי אַזעלכע האָט אונדזער פּאַרטיי געקענט ס. (סימע) אי. גאָפּנער, אַזעלכע וועט זי פּאַרבלײַבן אויף שטענדיק אין זכרון פון די סאָוועטישע מענטשן".

אויך אין ניו־יאָרקער „טיימז" איז געווען אָפּגעדרוקט אַ גרעסערער טעלעגראַפישער באַריכט וועגן סימעס טויט. ווי מען שרײַבט מיר, איז איר קערפּער קרעמירט געוואָרן און איר אַש איז אײַנגעמויערט אין קרעמלינער וואַנט.

מיינע ערשטע טריט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג

(1902—1900)

נאָך אַ האַלב יאָר אָדער מערער אין ווילנע, בין איך צוריקגעקומען קיין כערסאָן. איך האָב פאַרלוירן די האָפענונג אויף אַריינצוקומען אין לערער־אינסטיטוט, אָבער דערפאַר האָב איך געוואונען אַ נייע אידעע. דערווייל איז זי געווען פאַר מיר נעפּלהאַפטיק. איין זאַך איז פאַר מיר געווען קלאָר — עס איז דאָ אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג; ווייל אין ווילנע האָב איך ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין שום אַנדערע ווי נאָר יידישע אַרבעטער. געקומען אין כערסאָן, האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט דאַווידס פלימעניצע וואָס איז אין זעלבן עלטער ווי מירביידע. סאָפירע האָט זיך געלערנט אין אַ פעלדשערשול, אַ דריי־ אָדער פיר־יאָריקע פעלדשערשול. זי האָט געהאַט אַ רוסישע חברטע אַניוטע, און איך האָב זיך מיט איר באַקענט. פון צייט צו צייט קומט פון אָדעס סימע, דאַווידס שוועסטער. און דאָס אַלץ צוזאַמען עפנט פאַר מיר אַ נייע וועלט.

ס׳ערשטע מאָל האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין אַ רוסישער שטוב, — די באַלעבאַסטע האָט געהייסן פּאַטימאַ וואַסיליעוונאַ. דאָס איז געווען אַ ליבעראַלע פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ אינטערעס פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַ דאַנק דער פריינדשאַפט מיטן הויז פון דער פרוי פּאַטימאַ וואַסיליעוונאַ, האָב איך געהאַט אַ נייע לעבנס־דערפאַרונג: עס האָט זיך דאָ באַוויזן אַ מאַן, אַ רוס, און ער איז געווען פון די ערשטע, אַלטע נאַראָדאָוואָלצעס. ער האָט אָפּגעפינצטערהט אַ סך יאָרן אין סיביר, פאַרשיקט צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע. ער האָט ווייניק גערעדט וועגן זיך,

וועגן דער אַמאָליקער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, וועגן זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי, אָבער ער איז געווען פול מיט לעבן. פאַר מיר איז ער געווען אַזוי ווי איינער, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער פּלאַנעטע, גאָר עפּעס אַן אַנדער מענטש, אַנדערע באַציאונגען, לעבנסלוסטיק, פול מיט גלויבן, אַז די רעוואָלוציע וועט קומען.

מיר האָבן פאַרברענגט מיט אים עטלעכע וואָכן זומער־צייט, אין זומערהויז פון פאַטימאַ וואַסיליעוונאַ.

איין דערציילונג פונעם רוסישן נאַראָדאָוואָליעץ האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מוח. עס איז געווען אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט עקספּראָפּרי־אירט די קאַזנאַטשייסטווע (פינאַנץ־צענטער, שאַצקאַמער) פון כערסאָנער גובערניע, אין וועלכער עס זייען געלעגן אוצרות מיט געלט. עס איז ניט געווען אַזוי לייכט דורכצופירן אַזאַ רעוואָלוציאָנערע שטיקל אַרבעט, ווייל די קאַזנאַטשיים־טווע האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח מיט דער הויפּטגעביידע אין צענטער. די אונטערנעמונג איז פאַרטראַכט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי ניט ווי אַ באַוואָפנטער אָנפאַל, נאָר ווי אַ אונ־טערגראָבונג אונטער דער אינסטיטוציע, כדי צו דערגרייכן צו די הויפּט־סקלאַדעס פון געלט. די פּאַרטיי האָט אָפּגעקויפט אַן אייגן הויז קעגנאיבער דער קאַזנאַטשייסטווע, און פון דאָרט איז אָנגעגאַנגען טאָג און נאַכט די אונטערגראָבונג־אַרבעט אין אַ קאַנאַל וואָס איז פּלאַנירט געוואָרן פּונקט צום ציל. און ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, איז די רעוואָלוציאָנערע גרופּע אַריין אין די סקלאַדעס, און גענומען פּאַקן די גרויסע געלט־רייכטימער. אין דרויסן האָט געוואַרט אַ גרויסער פּויע־רישער וואָגן, איינגעשפּאַנט מיט גוטע 2 פערד. אַ „פּויער" איז געווען דער באַלעבאָס פון וואָגן. עס האָט נישט געפעלט קיין היי צוצודעקן און פאַרקאָנספּירירן די אוצרות... אַזוי האָט מען געאַרבעט רואיק אַ גאַנצע נאַכט. ווען דער טאָג איז געקומען און די באַאַמטע האָבן זיך געכאַפּט וואָס פאַר אַ חורבן דאָ איז געשען, האָט מען זיך גענומען יאָגן אויף אַלע וועגן וואָס האָבן געפירט אויסער דער שטאָט — זשאַנדאַרמען, פּאַ־

ליציי, זעלנער... און ענדלעך אויפן וועג וואָס האָט געפירט צו קאַכאַווקע, האָט מען דעם וואָגן מיט די געלט געפּאַקט... דאָס איז געווען אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונ־דערט. די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אַקציע איז טרויעריק דורכ־געפאַלן. קיין קרבנות האָבן נישט געפעלט...

איך בין ביז אַהער קיין מאָל נישט געווען באַקאַנט אַפילו מיט איין רוס, און אוודאי נישט געווען אין אַ רוסישער שטוב. און דאָ האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט נייע איבערלעבונגען, וואָס האָבן מיך אַריינגעפירט ווייטער און ווייטער אין דער אַנדערער וועלט.

דאַוויד האָט שוין אין אָדעס, אין דער קאַזיאָנער יעוור. אוטשילישטשע עפּעס געגאַשט מכוח דער באַוועגונג פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. ער האָט געהאַט באַקומען דעם לעגאַלן געדרוקטן באַריכט וועגן דעם גרויסן פּראָצעס פון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ נאָך דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אין ווילנע האָבן מיר ביידע באַקומען אַ מעגלעכקייט צו לייע־נען אומלעגאַלע ליטעראַטור פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע און אויך פון בונד. אָבער דערווייל זענען מיר ביידע נאָך נישט אַריין אין דער באַוועגונג.

סאָפיע האָט באַלאַנגט צו אַ סטודענטן־קרייז, וואָס זיין פירער איז געווען דער עלטערער סטודענט טאַכטשאָגלע (שפּע־טער אָפּגעפינצטערט לאַנגע יאָרן אין אַ שווערער קאַטאָרגע־תפיסה).

קיין כערסאָן פלעגט אָפט קומען צו גאַסט נאָך אַ מיטגליד פון דער משפחה — **סימע גאָפּנער** (סעראַפימאַ אילייטשנאַ), אַ יינגערע שוועסטער פון סאָפיעס מוטער און אויך פון דאַווידן. זי איז געווען מיט אַ פיר־פינף יאָר עלטער פון אונדז. זי האָט שוין אין אָדעס באַלאַנגט צו רעוואָלוציאָנערע קרייזן. פון סימען האָט געאָטעמט מיט גרויס־שטאָטישקייט. זי איז געווען משפחהדיק־פרויעריש, האָט אונדז אַלע פּראָטעזשירט. זומער־צייט איז זי אָפט געקומען נישט אַליין, נאָר מיטגעבראַכט יונגע אָדעסער סטודענטן, און דעמאָלט איז געווען גאָר לעבעדיק אין דעם קרייז. פון אירע באַגלייטער סטודענטן געדענק איך

וויקטאָר שקלאָווסקי און סאַשע פעלדמאַן (שפּעטער אַ „פּאָ־טיאָמקין"־העלד). איך בין געווען צו יונג און ווייניק אינטעלי־גענט צו קענען ערנסט געניסן פון אָט דער סביבה.

אין כערסאָן איז געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול, אַ מלוכהשע, — ווייט הינטער דער שטאָט אין אַ ספּעציעלן גרויסן פּאַרק, וועלכן מ'האָט אָפּגעגעבן פאַר דער זאַך. דאָרט האָבן געלערנט בלויז רוסישע יונגע חברה, און צווישן זיי זיינען געווען סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג.

די נאַרישע רוסישע צאַרישע רעגירונג, אַז זי האָט איינעם אַרעסטירט און געפּאַרשט, און אויב ס'איז נישט געווען קיין שווערער „פאַרברעכער", האָט מען אים פאַרשיקט אין אַ פּראָ־ווינצשטאָט. דאָרטן אין דער פּראָווינצשטאָט זאָל ער אַלצדינג פאַרגעסן. אַזעלכע חברה האָבן געהייסן פּאָדנאַדזאָרנע, פּאָלי־טישע פּאָדנאַדזאָרנע. זיי זיינען געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. זיי האָבן זיך געדאַרפט מעלדן יעדע וואָך, ווייזן אַז זיי זיינען דאָ. אַזעלכע פּאָדנאַ־דזאָרנע איז אויך אין כערסאָן געווען, אַ גאַנץ היפּשע צאָל. איך האָב זיך דערנענטערט מיט איינינקע און זיי האָבן געהאַט אויף מיר אַ גוטע ווירקונג. איך האָב אויף זיי אַלעמען געקוקט ווי אויף מענטשן מיט אַן אויטאָריטעט. דאָס זיינען געווען מענטשן אינטעליגענטע, מיט בילדונג, און מיט אַ געוויסער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז געווען צייטן פון קאָנספּיראַציע, איך בין געווען יונג. און נאַטירלעך, זיי האָבן נישט געעפנט פאַר מיר זייער ביאָגראַפיע, אָבער צו ביסלעך האָב איך זיי אַלץ נענטער דערקאָנט. די כערסאָנער פּאָדנאַ־דזאָרנע — דאָס זיינען געווען יידישע אינטעליגענטן וואָס זענען „אַריינגעפאַלן" ביי זייער אומלעגאַלער טעטיקייט אין מינסק, האָמעל, יעליסאַוועטגראַד, און מען האָט זיי פאַרשיקט אַהער אין שטילן כערסאָן. די זשאַנדאַרמען האָבן אויף זיי געהאַלטן אַן אויג און אָפּט זיי „באַזוכט". דאָס איז געווען די צווייטע סביבה וועלכע האָט מיך „דערצויגן". ס'רוב זיינען עס געווען מענטשן פון דרייסיק־פערציק יאָר, זיי האָבן זיך געהיט

פראַקטיש צו טאָן וועלכע ס׳איז אַרבעט אין שטאָט, אָבער דורך זיי האָב איך באַקומען ערנסטע אומלעגאַלע ליטעראַטור, זיי האָבן מיר צוגעגעבן אַ סך מוט און זיינען געווען פאַר מיר גרויסע אויטאָריטעטן. איינער פון זיי איז געווען **אַבראַם יאַפע,** דער שפּעטער באַקאַנטער בונדישער טעאָרעטיקער דעבאָרין, — איך און סאָפיע האָבן ביי אים גענומען אַ לענגערע צייט פריוואַטע לעקציעס.

אין כערסאָן זיינען נישט געווען קיין שום סימנים פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און אַוודאי נישט קיין אָרגאַניזאַציע. אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע פאַבריק פון פּאַפּיראָסן, אַ טאַבאַק־פאַבריק פון אַ יידישן פאַבריקאַנט, און געאַרבעט דאָ האָבן יידישע מיידלעך ס׳רוב, און אַ פּאָר עלטערע מענטשן, אַ מאָן הונדערט. עס איז מיר שווער צו זאָגן ווי אַזוי בין איך געקומען אין קאָנטאַקט מיט אָט אַ דער דאָזיקער פאַבריק. מיט איינעם פון די אַרבעטער האָב איך זיך גאָר גיך דערנענטערט, זיין נאָמען איז געווען אַראָן. און ווי איך פאַרשטיי, איז ער געווען אַ באַוואוסטזיניקער באַוועגונגס־מענטש. ער איז געווען אַ ביסל עלטער פון מיר, ער האָט געאַרבעט אויף דער פאַבריק, און ער האָט מיט מיר געקנעלט: „לאָמיר אָרגאַניזירן אַ שטרייק אין לערמאַנס פאַבריק”. מיר האָבן אויסגעאַרבעט די פּלענער פון דעם שטרייק. די פאַרלאָזלעכע מענטשן פון דער פאַבריק, מיידלעך וועמען מ׳קען געטרויען די זאַך. און לויט אַראָנס איניציאַטיוו האָב איך אָנגעשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די מיידלעך, צו די אַרבעטער פון דער פאַבריק, אַ פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש. דאָס איז געווען פאַר מיר זייער נאַטירלעך און פּשוט. ווי דען האָב איך געקענט אַנדערש רעדן צו די דאָזיקע אַרבעטער און אַרבעטערינס? אָנגעשריבן די פּראָקלאַמאַציע, אַראָן האָט זי באַשטעטיקט. נו, און איצט דאַרף מען עס אָפּדרוקן. איך בין אַוועק אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. די דאָזיקע ביבליאָטעק איז געשטאַנען אויף אַ שיינעם פּונקט, אין אַן אייגענער געביידע, אַרומגערינגלט מיט גרינס, מיט ביימער. איך בין געלעגן דאָרטן גאַנצענע טעג. גענומען אַהיים ביכער. און אָט איצט איז מיר דאָס צונוץ געקומען. איך האָב געזוכט אין אַן ענציקלאָפּעדיע, און געפונען

ווי אַזוי מאַכט מען אַ העקטאָגראַף אויף צו פאַרמערן אַ אָנגעשריבענע זאַך. און אַראָן האָט געמאַכט דעם העקטאָגראַף. ס'איז נישט אַזוי פשוט צו קריגן די מאַטעריאַלן און די ספּעציעלע טינט, מיט וועלכער מ'האָט געדאַרפט אָנשרייבן דעם טעקסט. אָבער אַלץ איז געווען אין אָרדנונג, באַזאָרגט, אָפּגעדרוקט, און אַראָן האָט שוין אָרגאַניזירט די זאַך, די פּראָקלאַמאַציע איז אויסגעטיילט געוואָרן אין דער פאַבריק. יעדן פון די אַרבעטער. און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ טאָג ווען דער שטרייק וועט זיך אָנהייבן.

איך קען ניט זאָגן געניי, צי האָב איך זיך מיישב געווען אויך מיט עמעצן פון די דאָזיקע „פּאַדנאַדזאָרנע". צי האָב איך זיי דערציילט וועגן דער אונטערנעמונג, וואָס מיר גייען טאָן. אָבער איך האָב שוין געהאַט פריינד צווישן די דאָזיקע פּאַדנאַדזאָרנע. איין פּאָרל איז געווען אַ דרוק-אַרבעטער, לינצער באָרים און זיין פרוי סאָניע. אויסערגעוויינלעכע פיינע מענטשן, אמתע אידעאַליסטן. און דורך זיי און דורך אַ פּאָר אַנדערע, וואָס זיינען געווען נאָענט מיט זיי, האָב איך שוין אָנגעהויבן באַקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור. וואָס פאַרא מין ליטעראַטור? איך בין מיך משער, אַז הויפּטזאַכלעך זיינען דאָס געווען די אויסגאַבעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, „יוזשני ראַבאָטשי", וואָס די אָנפירונג איז געווען אין אָדעס. אָט אַזוי האָב איך אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, צום סאָציאַליזם, סאָציאַלע באַוועגונגען. אין דער ביבליאָטעק, נאַטירלעך, זיינען קיין אומלעגאַלע אויסגאַבעס נישט געווען. אָבער אַזעלכע האַלב-צענזורירטע, אָדער וויסנשאַפטלעכע, סאָציאַליסטישע, ראַדיקאַלע אויסגאַבעס זיינען יאָ געווען אין דער ביבליאָטעק. און אַוודאי איז געווען זייער אַ סך ליטעראַטור וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און וועגן דעם 48סטן יאָר, און איך האָב דאָס אַלץ געשלונגען. און דאָס האָט מיך געמאַכט אַלץ באַוואוסטזיניקער.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען דעם באַקאַנטן מאַרקסיסטישן געלערנטן, סאָציאָלאָג, פילאָזאָף אַבראַם דעבאָ־

רין, זיין אמתער נאָמען איז געווען יאָפע. אויך ער איז געווען אין כערסאָן אין יענער צייט, מסתמא אויך אַ פּאָדנאַדזאָרנע, און ער און נאָך אַ צווייטער פון די פּאָדנאַדזאָרנע, וואָס איז געווען פון פאַך אַ לערער, זיי ביידע זענען געווען מיינע לערער, זיי האָבן מיך געגרייט איך זאָל שפּעטער האַלטן עקזאַמען פאַר זעקס קלאַסן גימנאַזיע. דערבאַרין איז געווען אַ בונדיסט. נאָך 1905 איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער טאָגצייטונג „פריינד", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע (עס איז געווען די פאָרזעצונג פון פּעטערבורגער „פריינד"). אָט דער דאָזיקער קרייז פּאָדנאַדזאָרנע, דאָס זיינען געווען מיינע אונטערפירער צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

איך האָב אויך אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג דעם ברודער פון סאַפיראָס חברטע, אַניוטע אַדאַריק. זיין נאָמען איז געווען פּאַוועל, אַ רוסישער יונגער בחור, אַ מחיהדיקער בחור. און ער האָט גענומען אַ ספּעציעלע וואוינונג, אַ צימער, און דאָס איז געוואָרן דער צענטער, אַזוי צו זאָגן, פון אונדזער באַוועגונג. שפּעטער נעבעך האָט מען אים אַרעסטירט. ער איז שוין געווען אַ קראַנקער, מיט טובערקולאָז, האָט מען אים פאַרשיקט, און ער איז אין סיביר געשטאָרבן.

איך בין געווען אַ רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַט. איך האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז ס'זיינען דאָ פאַרשיידענע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. און אויב כ'האָב נישט קיין טעות, איז נאָך דעמאָלסט „איסקראַ" נישט אַרויסגעגאַנגען; אָדער, אויב ס'האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסגיין, איז זי צו אונדז נישט דערגאַנגען, צו מיר אוודאי נישט. אָבער אין שטאָט זיינען געווען איינצלנע אינטעליגענטן, איינצלנע סטודענטן, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער באַוועגונג. אַלץ איז געווען פאַרדעקט מיט קאָנספּיראַציע, איינער פונעם אַנדערן האָט נישט געדאַרפט וויסן. אָבער צוביסלעכווייז בין איך געוואָרן באַקאַנט אָט אין די קרייזן און זיי האָבן מיך דערנענטערט.*

* איינער פון זיי איז געווען אַ ברודער פון אַ קיעווער סטודענט שאַך, וועגן וועלכן וול. מעדעם דערציילט מיט גרויס ליבע אין זיינע זכרונות.

דערוויילע וואָס האָב איך באַשלאָסן, און מיינע יונגע פריינד האָבן מיך צוגערעדט, איך זאָל אָפּגעבן אַן עקזאַמען אויף אַ לערער ביי דער גימנאַזיע. כ׳האָב עס געטאָן און כ׳האָב באַקומען אַ דיפּלאָם. און מיין פאָטער, וועלכער האָט כסדר געזאָרגט וועגן מיר, האָט געפועלט ביי דער פאַרוואַלטונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער מיידלשול — אַ געזעלשאַפטלעכע פי־לאַנטראָפּישע אינסטיטוציע — אַז מ׳זאָל מיך איינלאַדן אַלס לערער פון יידישער געשיכטע און יידישקייט, אַזוי ווי ס׳האָט ביי זיי געהייסן. דער לערער ביז אַהער איז געווען דער ברודער פון שמעון דובנאָוו. נאָך אַ פּאָר יאָר האָט ער פאַרלאָזן די דאָזיקע אַרבעט, און איך בין געוואָרן לערער אין דער מיידל־שול. נאַטירלעך, אַלץ איז געפירט געוואָרן אין רוסיש. יידישע געשיכטע אין רוסיש. איך האָב געהאַט די פליכט זיי צו באַקענען מיטן העברעאישן אַלף־בית. און איך פון מיין זייט האָב צו ביסלעך אַריינגעפירט אין מיין אַרבעט יידיש. כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען פאַר זיי שלום־עליכמען, רייזענען. הייסט עס, כ׳בין שוין געווען נישט נאָר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, נאָר אויך אַ פאַרדינער, אַ לערער. מיינע ערשטע טריט אין לערעריי.

וואָס איז געווען די ווייטערדיקע מיינע אַנטוויקלונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג?

אין שטאָט האָט זיך באַוויזן אַ נייער, פרישער מענטש, געקומען פון אָדעס. אַן עלטערער סטודענט, און ווידער אַ מאָל אַרומגעהילט מיט קאָנספּיראַציע, מיט געהיימעניש. ווער איז ער? צי האָט די פּאַרטיי, אָדער ריכטיקער דער „יוזשני ראַ־באָטשי״, אים געשיקט אַהער אַלס אַ שליח? ער האָט באַקומען אַ קאָנדיציע ביי זייער אַ רייכן יידן, איז געוואָרן דער לערער פון זיינע קינדער, און ער האָט טאַקע געוואוינט ביי דעם דאָזיקן רייכן יידן. כ׳געדענק נישט אויף וואָס פאַר אַ וועג, אויף וואָס פאַר אַן אופן, צי ער האָט מיך געפונען, צי איך האָב אים געפונען. מאַקס באַריסאָוויטש האָט זיך דערנענטערט צו מיר און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ווייטער פאַר מיר. ווייזט אויס, אַז די געשיכטע מיטן שטרייק (און דער שטרייק, ווי איך געדענק, איז געווען געוואונען), האָט דאָ משפּיע גע־

ווען. און דאָס איז מסתמא געווען דער וועג ווי אַזוי מאַקס באַריסאָוויטש איז געקומען צו מיר אָדער איך צו אים.

אין אַ געוויסער צייט אַרום פּאַרטרויט ער מיר אַ סוד. ער, הייסט עס, האָט שוין געהאַלטן, אַז איך פּאַרדין מ׳זאָל מיר אויסזאָגן אַזאַ סוד. מע גייט אָרגאַניזירן אין כערסאָן אַ געהיימע דרוקעריי. די דרוקעריי זאָל זיין ווייט הינטער דער שטאָט, טאַקע נענטער צו יענער לאַנדווירטשאַפטלעכער שולע, וועגן וועלכער איך האָב דערציילט. און די דרוקעריי זאָל זיין, הייסט עס, אונטער דער השגחה פון אַ פּאָר אַזעלכע סטודענטן פון דער דאָזיקער שול. די ערשטע זאַך איז — באַזאָרגן דעם שריפט פאַר דער געהיימער דרוקעריי. צוליב דעם האָט ער מיך אַריינגעצויגן.

אין שטאָט איז געווען אַ באַקאַנטער סטודענט, אַ גריך, — בכלל איז אין כערסאָן געווען אַ סך גריכן, און ס׳איז אַפילו געווען אַ גריכישע גאַס. דעם סטודענטס נאָמען איז געווען אַ גריכישער: טאַכטשאָגלע. איך האָב געוואוסט, אַז מיין חברטע סאַפּירא באַלאַנגט צו אַ קרייז, וואָס דער סטודענט טאַכטשאָגלע פירט. אָבער איצטער האָט מאַקס באַריסאָוויטש מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף אַריינקומען צו טאַכטשאָגלען און ער וועט מיר געבן דעם שריפט פאַר דער פּלאַנירטער גע-היימער דרוקעריי. איך בין געקומען. אַ קליינינקע דירהלע, עס דרייט זיך אַרום אַן אַלטיטשקע מאַמע, אַ גריכישע. די אינטעליגענץ, די אַריסטאָקראַטישקייט ליגט אויף איר פּנים. דער סטודענט טאַכטשאָגלע — אַ הויכער, עלעגאַנטער, אינ-טעליגענטער, באַשיידענער. אין אַ געוויסן אָוונט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, בין איך געקומען, מ׳האָט מיר איינגעפּאַקט אין אַ פּשוטן קאַשיק, וואָס מ׳גייט מיט אים אין מאַרק, דעם שריפט, און איך האָב געדאַרפט אָוועקגיין אַהין אין יענער פאָרשטאָט און ברענגען דעם שריפט. עס איז געווען פינצטער אין די גאַסן, און איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי איך האָב געטראָפן אין דעם דאָזיקן שטיקל וואַנדערונג. און אפשר, איך געדענק נישט, האָט איינער פון די רוסישע חברה מיך שטילינקערהייט געפירט, ביז וואַנען ער האָט מיך געברענגט אַהין. אַלץ איז

אַריבער בשלום, אויפֿן בעסטן אופֿן, און איך האָב איבערגעלאָזן דעם שריפֿט, באַקענט זיך מיט אַ פּאָר פֿון דער חברה און בין אַוועק צוריק. שפּעטער האָט מיך מאַקס באַריסאָוויטש געשיקט אין דער שטאָט ניקאָלאַיעוו, נישט ווייט פֿון כערסאָן, צו דער דאָרטיקער וויכטיקער גרופּע, אַפּנים איינע פֿון די צענטראַלע. איך האָב געדאַרפֿט זיין דער פֿאַרמיטלער צווישן כערסאָן און ניקאָלאַיעוו ביים ווייטערדיקן איינאָרדענען די דרוקעריי.

צום באַדויערן, און איך ווייס נישט גענוי פֿאַרוואָס, איז פֿון דעם אַלעמען גאָרנישט געוואָרן. און דערנאָכדעם איז געווען אַ שווערע אויפֿגאַבע אַוועקצונעמען דעם שריפֿט צוריק און אים באַזאָרגן דאָרט וואו מ׳האָט געדאַרפֿט. דאָס איז געווען מיין ערשטע, באמת רעוואָלוציאָנערע אַקציע אין יענע יאָרן. איינגעשטעלט זיך, געשלעפּט דעם שריפֿט אַהין און שפּעטער צוריק, באַקענט זיך מיט נייע, וויכטיקע טוערס פֿון ניקאָלאַיעוו.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז מיר באַשערט געווען זיך ווידער צו טרעפֿן מיט טאַכטשאַגלע. דאָס איז שוין געווען אין יענעם יאָר, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין יעקאַטערי־נאָסלאַוו און איך בין שוין געווען אַ בונדיסט. אין יעקאַטע־רינאָסלאַוו איז געווען אַ גרויסע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, און טאַכטשאַגלע איז געווען איינער פֿון די דאָרטיקע טוערס. עס איז אויך געווען דעמאָלסט אין יע־קאַטערינאָסלאַוו מיין פֿרוים מומע, סימע, סעראַפֿימאַ אילי־נאַטשנאַ, זי איז געווען איינע פֿון די פֿירערס פֿון דער דאָר־טיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. און אָט אין דעם יעקאַטערינאָסלאַוו האָב איך איבערגעלעבט אַזאַ שרעקלעכן מאָמענט: עס איז געווען די צייט פֿון דער מלחמה פֿון רוסלאַנד מיט יאַפּאַן. און ס׳פֿלעגן פֿאָרקומען מאָביליזאַציעס פֿון די סאָלדאַטן וואָס מ׳האָט געשיקט אויף דער מלחמה. אין איינעם אַ טאָג, איז אין יעקאַטערינאָסלאַוו באַשטימט געוואָרן די מאָביליזאַציע פֿון אַלע פֿאַרפֿליכטעטע, אַלע דאַרפֿן קומען אין דעם און דעם גרויסן פּאַרק און דאָרטן וועט די מיליטערישע

מאַכט איבערנעמען זיי אַלעמען צו זיך. די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויסע פּראָקלאַ־מאַציע צו די מאָביליזירטע: „סאָלדאַטן: גייט נישט אויף דער מלחמה! זאָגט זיך אָפּ צו דינען אַלס קעמפער אין דער מלחמה!". אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פאַרשיידענע חברה פון פאַרשיידענע זייטן און גענומען פאַר־שפּרייטן, פונאַנדערוואַרפן די פּראָקלאַמאַציע. איך בין געווען מיט נאָך אַ פּאָר בונדיסטן, מיר האָבן נישט געהאַט קיין שייכות, אַזוי צו זאָגן, צו דער דאָזיקער אונטערנעמונג, אָבער מיר האָבן געוואוסט וועגן דעם, אַז עס קומט פאָר, און עס וועט עפּעס פּאַרקומען. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געווען זייער אַ סך פּאָליציי. און ווען מ'האָט אָנגעהויבן פונאַנדער־וואַרפן די פּראָקלאַמאַציעס האָבן זיך די פּאָליציאַנטן אַ לאָז געטאָן און אָנגעהויבן כאַפּן די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געוואָרפן די פּראָקלאַמאַציעס, אָנגעהויבן מערדערלעך שלאָגן די יוגנטלעכע, צי יאָ שולדיק צי נישט שולדיק. אין דעם מאָמענט — און איך בין געווען נישט ווייט פון דאָרט — באַווייזט זיך טאַכטשאָגלע דער סטודענט, און ער כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער און שיסט אין דעם פּריסטאַוו. עס איז גע־וואָרן אַ גרויסע מהומה. נישט צונויפגערעדטערהייט האָט אַ גרופּע גענומען, אַזוי צו זאָגן, דעקן דעם טאַכטשאָגלע, און ער צוזאַמען מיט דער גרופּע האָבן זיך געלאָזט לויפן. פּונקט איז אָנגעקומען אַ וואַגאָן פון דעם עלעקטרישן טראַמוויי, און די גאַנצע חברה האָט זיך געפּרואווט אַריינכאַפּן אין דעם וואַגאָן. צי טאַכטשאָגלע איז יאָ דערלאָפן ביז דעם וואַגאָן צי נישט, אָבער אַזוי איז געשען, אַז פּאָליציי, זשאַנדאַרמען האָבן אים אָנגעיאָגט און האָבן אים געכאַפּט און אַוועקגע־פירט. עס האָט אים געדראָט, פאַרשטייט זיך, טויטשטראָף. אָבער טאַכטשאָגלע האָט געהאַט צוויי ברידער. איינער אַ פּולקאָווניק אין דער אַרמיי, דער צווייטער אַ געריכטס־פּראָ־קוראָר. און אַ דאַנק זיי און זייערע פאַרבינדונגען איז ער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויטשטראָף, און ער האָט באַקומען אייביקע קאַטאָרגע אין איינער פון די שווערסטע

קאַטאָרגע־טורמעס אין לאַנד, און ער האָט דאָרטן זייער שווער געליטן. ווי אַן אימפולסיווער יונגער מענטש האָט ער זיך געוועהרט, אָבער וואָס מער ער האָט פּראָטעסטירט אַלץ מער האָט מען אים געפּייניקט. יעדערער פון אונדז האָט זיך איינטערעסירט מיט דעם גורל פון טאַכטשאָגלע, און יעדערער פון אונדז האָט געטראָגן זיין געשטאַלט אין זיך, אין זיין האַרץ.

און אָט איז אַ שפּעטערדיקע דערמאָנונג: עס גייט אַריבער אַ פערצן־פופצן יאָר. עס קומט די רעוואָלוציע פון 1917, די פעברואַר־רעוואָלוציע. די רעגירונג פירט דורך אַן אַלגעמיינע אַמנעסטיע, און, פאַרשטייט זיך, אויך טאַכטשאָגלע איז אַמנעסטירט. ער קומט צו זיין משפחה אין אָדעס. און מיר ווייסן וועגן דעם, אַז ער איז דאָרט. און אָט קומט אַזאַ מאָמענט: מיר האָבן געהאַט (איך פאַרלויף אַ שפּעטערדיקע געשיכטע) אין אונדזערע הענט דעם אָרטיקן „סאָוועט ראַבאָטשיך אי סאָלדאַטסקיך דעפּוטאַטאָוו" און מיר האָבן דורכגעפירט אַלגעמיינע, דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער שטאָטדומע. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געזיגט, געהאַט אַ קאָלאָסאַלע מערהייט. און מ׳דאַרף אויסקלייבן אַ שטאָט־גאָלאָוואַ, אַ מעיאָר פון דער שטאָט כערסאָן. ווערט ביי אונדז באַלד געבוירן דער געדאַנק, טאַכטשאָגלע — ער איז דער פּאַסיקער, ער איז דער פאַרדינטער, ער איז דער כערסאָנער העלד, אים דאַרפן מיר מאַכן פאַר דעם שטאָט־גאָלאָוואַ. דער סאָוועט דעלעגירט מיך, מיט נאָך איינעם צי צוויי חברים, און מ׳גיט אונדז אַן אויטאָמאָביל, און מיר פאָרן מיט דער יבשה קיין אָדעס. מיר קומען צו טאַכטשאָגלע. מיר דערציילן אים צוליב וואָס מיר זיינען געקומען. אָבער מיר האָבן שוין נישט געדאַרפט וואַרטן אויף זיין ענטפער. פאַר אונדז איז געשטאַנען, אָדער ריכטיקער געלעגן, אַ קראַנקער, צעבראָכענער מענטש. קיין איין געזונטער גליד אין אים. אוודאי מאָראַליש, גייסטיק איז ער נאָך געווען געגוג שטאַרק. ער האָט אונדז געדאַנקט פאַר דעם, וואָס מיר האָבן אים געדענקט נאָך אַזוי פיל יאָרן. געדאַנקט פאַרן כבוד, וואָס מיר ווילן אים אָנטאָן.

אָבער אָננעמען דעם פּאָסטן קען ער נישט... און מיט דעם זיינען מיר אויך צעבראָכענע אַוועקגעפאָרן צוריק.

אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע

מאַקס באָריסאָוויטש איז געווען עלטער פון מיר, אי לויט די יאָרן אי לויט דעם סטאַזש זיינעם אין דער פּאַרטיי, אָבער איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון אים קיין דער-ציילונגען וועגן דעם. און אָט איז ער געקומען צו מיר און פאַרטרויט מיר, אַז ס'איז געקומען צו פאָרן אין שטאָט אַן אָנגעזעענער גאַסט, איך דאַרף זיך מיט אים באַגעגענען. איוואַן איוואַנאָוויטש איז געווען אַ הויכער יונג, אַ רוס. געקו-מען איז ער מיט אַ פולמאַכט צו געפינען „אַרבעטער" פאַר דער אָרגאַניזאַציע אין ראַיאָן פון אָבלאַסט וואָיסקאַ דאָנסקאָ-וואָ, אָדער ווי מ'רופט עס קורץ דער דאָן-באַסיין. איך האָב נישט פונאַנדערגעפרעגט זיך גענוי וואָס און ווען. כ'האָב זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַרלאָזט אויף מאַקס באָריסאָוויטשן, וועלכער איז געווען באמת באַפריינדעט מיט מיר. ווען ער האָט מיך געראָטן, נעמט אָן די אַרבעט, האָב איך מסכים געווען. פונקט איז געווען סוף לערניאָר, מיט דער שול בין איך נישט געווען פאַרבונדן ווייטער. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זאָגן אין דער היים, אַז איך פאָר העט העט ווייט, וועט ווערן אַ יאָמער, אַ געשריי: וואָס הייסט, איבערלאָזן אַזאַ טייערן פּאָסטן, קוים איינגעאָרדנט. אָבער כ'האָב אַ ביסעלע גע-שווינדלט און געזאָגט, איך פאָר קיין אָדעס צו מיין סאַפּיראַ. זי איז דאָרט, זי לערנט אויף די אַקושערן-קורסן נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט די פעלדשערשול. איך פאָר צו איר קיין אָדעס. נו, דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ געוויינטלעכע זאַך. אָפט מאָל פלעג איך זיך אַריינכאַפּן קיין אָדעס. האָב

איך איינגעפּאַקט מיינע זאַכן אין אַ קליין קעסטל, און זיך געזעגנט און געפאָרן קיין אָדעס. געקומען, האָט מיך דאָרטן באַגעגנט ווידער מאַקס באַריסאָוויטש. און דאָ האָט ער מיר גענויער דערציילט וואו איך דאַרף פאָרן. איך פאָר אין דער שטאָט מאַריופּאָל, וואָס ליגט ביים אַזאָווישן ים. מ'פאָרט מיט אַ שיף פון אָדעס, און מ'גייט אַריבער פון שוואַרצן ים אין אַזאָווישן ים, און דאָרט שטייט די שטאָט מאַריופּאָל. מאַריו־פּאָל איז אויך אַ גריכישער נאָמען. כערסאָנעס, ביז היינטיקן טאָג שטייט נאָך, יעדנפאַלס ביז דעמאָלסט, איז נאָך געשטאַנען אַ גריכישער מאַיאַק ביים סוף פון דניעפּער, ביים אַריינפאָרן אין שוואַרצן ים. דאָ זיינען געווען גריכישע קאָלאָניעס אַרום און אַרום, און דערפאַר הייסן די אַלע שטעט מאַריופּאָל, סע־וואַסטאָפּאָל, סימפעראָפּאָל, אַלץ אויף „פּאָל”. איך דאַרף פאָרן קיין מאַריופּאָל. און ער גיט מיר אַן אַדרעס, אַ „יאַווקע”, ווי עס האָט געהייסן. און די יאַווקע באַשטייט אין דעם: איך דאַרף קומען זיך מעלדן אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל, און גע־פינען די פעלדשערין, וואָס אַרבעט דאָרטן, יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. „נאַ דיר אַ בילעט, מאָרגן אין דער פרי גייט אַוועק די שיף. זאָלסט זיין פּינקטלעך, איך וועל אויך זיין ביי דער שיף.” כ'הייב נישט אָן צו געדענקען, צי ער האָט מיר געגעבן אַ פאָר רובל צושטייער פאַר דער רייזע צי נישט. און אָט אַזוי איז די זאַך באַשלאָסן געוואָרן. שטיל, רואיק. פאַרשטייט זיך, סאָפּיראַ האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער זאַך. מאָרגן אין דער פרי, בין איך געקומען צו דער שיף. מאַקס באַריסאָוויטש איז שוין געווען דאָרט, געשטאַנען צו־זאַמען מיט סאָפּיראַן. און ווען איך בין געקומען, האָט מען זיך געטראָפן. אין גיכן האָט די שיף געגעבן אַ פייף, און מ'האָט זיך צעקושט, און איך בין אַרויף אויף דער שיף. דאָס איז געווען מיין ערשטע רייזע אויף אַ ים. פון כערסאָן קיין אָדעס מיט אַ שיף איז אויך אַ גאַנץ היפּשע רייזע. אָבער דאָ איז געווען אַ גרויסע, אָקעאַנישע, אַזוי צו זאָגן, שיף. איך בין געווען אין אַ קאַיוטע נאָך מיט אַ צווייטן, אַ פרעמדער. פאַרשטייט זיך, כ'אָב געהיט די קאָנספּיראַציע — איבעריקנס

האָב איך נישט געהאַט וואָס צו היטן, ווייל די יאַוקע איז געווען ביי מיר אין קאָפּ.

געקומען קיין מאַריופּאָל, אַריין אין אַ שטיקל האָטעל מיט דעם קעסטעלע מיינעם, מיינע זאַכן, מישטיינס געזאָגט. און מאָרגן אין דער פרי געגאַנגען זוכן יעקאַטערינאַ איוואַנאַוונאַ. געקומען אין שפּיטאָל — קיין פאַמיליע אירע האָב איך נישט געוואוסט — כ׳האָב געוואוסט נאָר דעם ערשטן נאָמען. איך הייב זיך אָן נאָכפרעגן, איז דאָ יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ? מ׳קוקט אויף מיר. נאָך אַ מאָל יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אַהין, יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אַהער, נישטאָ דאָ אַזעלכע. באַווייזט זיך אַ פעלדשער, אַן עלטערער פעלדשער. ער באַגעגנט זיך מיט מיר גאָר פריינדלעך, און ער הייבט מיך אָן פונאַנדערפרעגן. איך דערצייל אים די זאַך, ער גיט מיר אַן עצה. כ׳ווייס נישט, צי האָט ער אַליין נישט פאַרשטאַנען וואָס ער טוט. אָט איז דער אַדרעס, גייט אַהין, דאָרט שטייט אַ גרויס געשעפט, אַ הורט־געשעפט פון דעליקאַטעסן. און ער רופט מיר אָן דעם נאָמען פונעם סוחר: גייט אַהין און שטעלט זיך פאָר פאַר דעם פאָטער, און ער וועט אייך זאָגן וואו עס געפינט זיך יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ.

געקומען אַהין, אַ יינגל פון כערסאָן, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין גויים, אין דער פרעמד, כ׳הייב נישט אָן צו וויסן ווער און וואָס. געקומען אין דעם גרויסן געשעפט, איך זע אַ ריזיק געשעפט, און איך הייב אָן פרעגן אויף דעם פאָטער. באַווייזט זיך אַ גוי, אַן אמתער רוסאָק, מיט ברייטע פּלייצעס און ער הערט מיך אויס וואָס איך וויל. ניין! נישטאָ דאָ קיין שום יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. — מ׳האָט מיר געזאָגט, איר זייט דער פאָטער. יאָ, איך בין דער פאָטער, נאָר איך ווייס נישט, זי איז נישטאָ, איך ווייס גאָר־נישט וואו זי איז און ווען זי איז, איך ווייס גאָרנישט. גייט אייך געזונטערהייט. אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין ערשטע יאַוקע.

אָבער מאַקס באַריסאָוויטש איז געווען פאַרזיכטיק, און ער האָט מיר געזאָגט: אין פאַל, אויב איר וועט די יעקאַ־

טערינאַ איוואַנאָוונאַ נישט געפינען, איז אַט גיב איך אייך אַ צווייטן אַדרעס, אַ צווייטע יאַווקע. איר וועט זיך אַריינזעצן אין דער זעלבער שיף, אין אַזאַ שיף, וואָס זי גייט פון מאַריו־פאָל ווייטער, און איר וועט קומען צו דער שטאָט טאַגאַנראָג. און דאָרטן, לויט דעם און דעם אַדרעס, וועט איר טרעפן אַ לערער פון אַ רוסישער שול, און ער וועט אייך געבן גענוי די גאַנצע אינפאָרמאַציע וועגן יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. גוט, פאָר איך שוין ווייטער. כ׳קום צו פאָרן אין טאַגאַנראָג גאַנץ פאַרטאָג, פרי. אַ קליינע רייזע. איך גיי אַראָפּ פון דער שיף, פאַרשטייט זיך אַלץ מיט מיין קעסטעלע, ווײַלע דאָ איז מיין גאַנצער פאַרמעגן. איך קום אַראָפּ אויף דער ערשטער גאַס, נישט ווייט פון דעם ברעג. איך גיב אַ קוק — וואָס טוט זיך דאָ, רבונו־של־עולם!? וואָס טוט זיך דאָ אַרום מיר? אַרום און אַרום — קאָזאַקן. אַט שטייט איין קאָזאַק, דאָרטן ווייטער אַ צווייטער קאָזאַק, אַ דריטער. נו, איך הייב אָן אַרבעטן מיט מיין קאָפּ, מיט מיין שכל, און איך זע, אַז דאָ איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. די קאָזאַקן גייען מיך נישט כאַפּן. דאָס איז טאַגאַנראָג, דאָס איז אָבלאַסט וואָיסקאַ דאָנסקאָוואָ. דאָרט איז נישטאָ קיין פּאָליציי, אַלץ איז דאָרטן קאָזאַקן. און איך גיי רואיק ווייטער. קיינער טשעפּעט מיך נישט, די גאַסן זיינען שטיל, און דאַנקען גאָט, איך בין שוין דאָ ביי דעם הויז, ביי דעם אַדרעס. איך קום אַריין אַהין. געפונען דעם דאָזיקן לערער, צו וועמען דער אַדרעס מיינער איז געווען, און איך דערצייל אים אין אַ פּאָר ווערטער וואָס מיט מיר איז געשען, און איך בעט אים: דערקלער מיר און העלף מיר. יאָ! ער ווייסט! געשען איז אַ קלייניקייט. יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אויפגעהערט אַרבעטן אין דעם שפּיטאָל און זי אַרבעט איצטער אין דעם שפּיטאָל פון די צוויי גרויסע זאַוואָדן הינטער דער שטאָט. גרויסע שטאָל־אייזן־גיסערייען. דאָרט איז דאָ אַ שפּי־טאָלעכל און דאָרט אַרבעט זי און אַהין גיי, פאָר צוריק אין מאַריופּאָל און דו וועסט געפינען די זאַוואָדן, וועסט געפינען דעם דאָזיקן שפּיטאָלעכל, און וועסט זיך באַקענען מיט דער יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. פאָר איך צוריק, צוריק אין מאַריו־

פאַל. מער קיין שטרויכלונגען אויף מיין וועג זיינען נישט געווען, און איך בין בשלום אָנגעקומען צו יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַן. כ'האָב זי געפונען. און איך דערציייל איר. און זי זאָגט מיר: גוט, איך וועל אייך צונויפפירן מיט אונדזער גרופּע, וואָס אַרבעט אין זאַוואָד. איר וועט אָנפירן מיט דער גרופּע, מיט דער גאַנצער אַרבעט. דאָ זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע זאַוואָדן, עס האָבן געאַרבעט 6-5 טויזנט אַרבעטער אויף יעדערן. זייער אַ גרויסע צאָל אַרבעטער זיינען געווען זין פון די קאַזאַקן, פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. ווי איך האָב דעמאָלסט פאַרשטאַנען, איז יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ געווען די באַפולמעכטיקטע פון דער פּאַרטיי, אַזוי צו זאָגן. איך זאָג „אַזוי צו זאָגן", ווייל אין דער אמתן איז אין יענער צייט די רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (אין וועלכער דער „בונד" איז אויך געווען באַטייליקט) גע- ווען צעשמעטערט. און קיין צענטראַל-קאָמיטעט, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען דאָס, און אַזוי ווי ס'איז געווען אין „בונד", שוין אין יענער צייט, — איז נישט געווען. עס זיינען געווען פּאַרטרויאונגס-לייט און אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע ראַיאָנען. אין אָדעס, ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט עס געהייסן יוזשני ראַבאָטשי. דאָ, אין מאַריופּאָל און אין אַנדערע שכנישע שטעט — האָט עס געהייסן „סאָציאַל דעמאָקראַטי- טשעסקי סאָיוז ראַבאָטשיך אָבלאַסטי וואָיסקאַ דאָנסקאָוואָ" (דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרבאַנד פון דאָ- נער ראַיאָן). אַזעלכע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס אַזוי ווי דאָ אין מאַריופּאָל, זיינען געווען נאָך אין עטלעכע שטעט און שטעטלעך אַרום. דאָ איז געווען זייער אַ סך קוילנגרובנס און זייער אַ סך אַרבעטערס האָבן געאַרבעט אין די קוילנמינעס. דאָס אַלץ איז געווען אָרגאַניזירט אין דעם דאָזיקן פאַרבאַנד. ווי איך האָב שפּעטער אָנגעהויבן זיך אָריענטירן, איז אַ טייל פון די טוערס געווען פאַרבונדן מיט לענינען, מיט לענינס קאָנספּיראַציעס.

כ'האָב זיך באַקענט מיט די אַרבעטער. געקומען אַ גרופּע 8—10 אַרבעטער, געזונטע יונגע חברה, אַלע קוואַליפיצירטע

אַרבעטער, נישט קיין שוואַרץ־אַרבעטער, אַלע גוט־פאַרדינענ־דיקע. וואוינען וואוינען זיי טאַקע אַלע דאָ. די זאַוואָדן האָבן געהערט צו אַ גרויסער בעלגישער קאָמפּאַני, און די קאָמפּאַני האָט אויסגעבויט די זאַוואָדן און גלייכצייטיק האָט זי אויסגע־בויט הייזער — ווי מ'האָט זיי גערופן אויפן דאָרטיקן לשון „קאַזאַרמעס" — הייזער פאַר די אַרבעטער אויף צו וואוינען. דאָס זיינען נישט געווען קיין קאַזאַרמעס, נאָר פשוטע וואוי־נונגען, קליינע וואוינונגען. אין יעדער געביידע פינף, זעקס, זיבן אַזעלכע וואוינונגען. און מיינע אַרבעטער, מיינע נייע חברים האָבן אויך געוואוינט אין אַזאַ מין דירה. עטלעכע פון זיי, אָדער אפשר אַלע, האָבן געוואוינט צוזאַמען. ס'איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָמונע. געווען אַ געדונגענע פרוי, אויך אַ קאַזאַטשקע, וואָס זי האָט געריימט און געקאָכט און באַדינט די אַלע חברה. און אַז איך האָב באַדאַרפט, בין איך געבליבן שלאָפן דאָרטן מיט זיי, אויסגעבעט אויף דער פּאָד־לאָגע. פריילעכע, מונטערע. אַז איך האָב אָנגעהויבן זיך אָריענ־טירן אין דער זאַך — האָב איך צוליב קאָנספּיראַציע נישט געוואָגט קומען נאָך אַ מאָל צו יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ און פרעגן וואָס ווייטער? איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז איצטער אין מיינע הענט. ווער איז די גרופּע? זיי האָבן זיך גערופן „קאָמיטעט". איך האָב גלייך זיך אָריענטירט: קיין מאַסנאַרבעט, קיין מאַסן־אַגיטאַציע קען דאָ נישט געפירט ווערן. ווייל אַלץ איז, אַזוי צו זאָגן, פאַר די אויגן פון דער פּאָליציי. מ'קען דאָ נישט מאַכן קיין מאַסאָווקעס, מ'קען דאָ נישט מאַכן קיין פאַרזאַמלונגען, און אַוודאי קען מען נישט טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע, אַזאַ אָדער אַן אַנדערע. די דאָזיקע חברה פונעם קאָמיטעט האָבן עס אויך פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען, אַזוי צו זאָגן, די פאַראַנטוואָרט־לעכע פאַר דער אַרבעט. אָבער קיין עצם אַרבעט האָבן זיי נישט געפירט. אפשר אַ מאָל האָבן זיי דעם אָדער יענעם אַגיטירט. אָבער איין זאַך פלעגן זיי יאָ טאָן: ווען איך, שפּעטער, האָב זיי געגעבן, למשל, אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז ערשט וואָס אָנגעקומען פונעם צענטער פונם ראַיאָן, האָבן זיי

געגומען די פּראָקלאַמאַציע און זיי האָבן זי פּאַרזיכטיק אויפֿן זאַוואָד געטיילט. צו ווען זיי האָבן געהאַט צוטרוי האָבן זיי דאָס אָפֿן געטיילט. צו ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי האָבן זיי עס פֿאַרבאַהאַלטענערהייט אַוועקגעלייגט ערגעץ דאָרטן אויף אַ טישל, אויף אַן אָרט. אָדער, במחילה, אין וואַשצימער, דאָרטן וואו כסדר זיינען אַריין און אַרויס אַרבעטער, דאָרטן אַוועקגעלייגט, און דאָרטן צעשפּרייט. דאָס איז געווען אייגנטלעך די הויפּט־אַרבעט פֿון דעם דאָזיקן קאָמיטעט. מיין אויפֿגאַבע, האָב איך פֿאַרשטאַנען, איז צו אויפֿקלערן, צו מאַכן מער באַוואוסטזיניק אָט אַ די חברה. כ׳האָב געזען, אַז זיי זיינען גאַנץ פּרימיטיוו. און איך פֿלעג פֿאַר זיי פֿאַרלייענען פֿון צייט צו צייט, אַ ביסל פֿון אַזאַ ביכל, און פֿון אַ צווייטן. אויב איך האָב נישט קיין טעות איז שוין געווען דעמאָלסט די ערפֿורטער פּראָגראַם פֿון קאַוטסקין און איך האָב דאָס געלייענט פֿאַר זיי צו ביסלעך. אויב נישט, איז מיין אייגענע תורה, וואָס איך האָב געקענט און וואָס איך האָב פֿאַרשטאַנען — האָב איך פֿאַר זיי אויסגעלייגט.

פֿון וואַנען באַקום איך די ליטעראַטור? איך קען זיך איצטער נישט דערמאָנען. זאָל זיין, אַז איך האָב באַקומען די ליטעראַטור דירעקט פֿון יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, אָדער זי פֿלעגט עס איבערגעבן איינעם פֿון דעם, אַזוי־גרופּענעם קאָמיטעט און ער האָט עס מיר איבערגעגעבן. אַזוי איז געגאַנגען מיין אַרבעט אין מאַריופּאָל. אַליין, מיט אייגענע כוחות, מיט אייגענעם שכל, אָן שום אָנפֿירונג, אָן שום אָנווייזונג, אָן שום דירעקטיוון. אַ מאָל פֿלעגט די חברה באַשליסן, אַז היינט קום איך נישט צו זיי אויפֿן זאַוואָד פֿירן די פּראָפּאַגאַנדע, נאָר זיי קומען אַראָפּ אין שטאָט. פֿלעגן זיי אַראָפּקומען געוויינטלעך אין אַ זונטיק, אָדער אַ יום־טוב, און אין איינעם פֿון די האָטעלן, האָטעל־רעסטאָראַנען, האָבן זיי באַשטעלט אַ באַזונדערן צימער, אַ באַזונדערן „קאַבינעט“, ווי ס׳האָט געהייסן, און באַשטעלט עסנוואַרג און טרינקעכץ די־והותר. פֿאַר די באַלעבאַטים און פֿאַר די אָנגעשטעלטע איז, נאַטירלעך, קיין שום חשד נישט געווען, אַז דאָ איז אַזאַ גרופּע, און ביים עסן, נאָכן

עסן, האָב איך געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן, פּראָבלעמען, אויסגעהערט זיי און איך האָב ווייטער עפּעס אַ מאָל פאַר־געלייענט. איז אָנגעקומען אַ נייע פּראָקלאַמאַציע, אַ נומער „איסקראַ" אָדער עפּעס אַנדערש, האָב איך פאַר זיי דאָס געלייענט, פאַרטייטשט. און אָט אין גיכן איז געווען דער ערשטער מיי, איז שוין געווען אַן אויפרוף פון ערשטן מיי, איר וועט אים פאַרשפּרייטן דאָרטן. אין שטאָט זיינען אויכעט דאָ קליינע זאַוואָדן, איז שטאָט זיינען דאָ אַ סך אַנדערע מיני אַרבעטער, און ס'איז זייער גוט, אַז מ'זאָל דאָ פאַרשפּרייטן דאָס בלעטל. און אַזוי האָבן מיר געטאָן. אין אַ פינצטערער נאַכט, אָרגאַניזירט זיך, אַראָפּגעלאָזט זיך אין די אַלע געסלעך און גאַסן, וואו עס האָבן געוואוינט די אַרבעטער, אָרעמע לייט, צעטיילט זיך, איין גרופּע איז געגאַנגען אויף איין זייט, די אַנדערע גרופּע אויף דער צווייטער זייט, ס'איז געווען אָפּגע־רעדט, אַז טאָמער געשעט עפּעס גיט מען אַ פייף, מ'זאָל וויסן. און אַזוי זיינען מיר געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון וואוינונג צו וואוינונג, אומעטום, וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, אַריינגעלייגט אַ פּראָקלאַמאַציע, אַריינגעוואָרפן, אַזוי ביזן סוף, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

קיין „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער" בין איך נישט געווען. ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל מיך אויסהאַלטן, ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל מיר געבן געלט. און אין גיכן האָב איך אין שטאָט געקריגן פאַרבינדונגען, איך האָב געקראָגן זייער אַ גוטע פּריוואַטע לעקציע אין הויז פון אַ יידישן גביר, וואָס זיין זאַוואָד איז געווען אין מאַריופּאָל גופא, אין דער שטאָט. אַ קליינער זאַוואָד, אָבער רייכע מענטשן. און איך האָב דאָרטן געלערנט מיט זייער מיידל. צו ביסלעך בין איך געוואָרן מערער באַקאַנט אין שטאָט ווי דער „געהיימער" יונגערמאַן מיטן נאָמען אַלכסנדר. אַזוי האָב איך געהייסן ביי די שקצים, סאַשקע.

האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין דעם יידישן שפּיטאָל פאָדערט זיך אַ פעלדשערין. בין איך אַוועק צו דעם פּרעזי־דענט פון דעם שפּיטאָל, אַ רייכער ייד. עמעצער האָט מיך

רעקאָמענדירט צו אים. איך האָב אים דערציילט, אַז מײַנע אַ שוועסטער האָט געענדיקט אין אָדעם די און די קורסן און איז אַ פעלדשערין־אַקושערין. און איך בעט אים מ׳זאָל זי אָננעמען אויף דעם פּאָסטן. און אַזוי איז דאָס געשען. מ׳האָט איר אויפגענומען אויף דעם פּאָסטן. איך האָב טעלעגראַפירט און זי איז געקומען. מ׳האָט איר אָפּגעגעבן אין שפּיטאָל אַ באַזונדערן צימער, אַ גרויסן. און איך בין געוואָרן דער לאָקאַטאָר אין דעם דאָזיקן צימער.

אין שטאָט זײַנען אויך געווען יידישע אַרבעטער. קליינע בעלי־מלאכות, קליינע פּלעצער וואו זיי האָבן געאַרבעט. צו ביסלעך, כ׳וויים נישט ווידער ווי אַזוי, האָבן זיי מיך דערקענט און איך האָב זיי דערקענט און זיך פאַרבונדן מיט זיי. צו ביסלעך האָב איך אויך פאַר זיי גענומען אָפּשפּאָרן אַ ביסל ליטעראַטור און געגעבן זיי. ווייזט אויס, אַז צווישן זיי זײַנען געווען אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין ביז מאַריופּאָל, ערגעץ אין „בונד" צי נישט אין „בונד", דורכגעמאַכט פּרוואוון פון דער באַוועגונג. און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט מיר צו קנעלן: הערט זיך איין, וואָס פאַר אַ זינען האָט עס? איר פאָרט אויפן זאַוואָד, איר פירט אָן מיטן קאָמיטעט דאָרטן פונעם זאַוואָד, און שטייט אין גאַנצן אין אַ זײַט, איזאָלירט פון אונדזערע יידישע אַרבעטער. וואו איז יושר, וואו איז דער אינטערנאַציאָנאַליזם? מ׳דאַרף אויסבילדן אַ שטאָטישן אַלגעמיין־קאָמיטעט.

מ׳דאַרף פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך בין געווען. איך בין געקומען פון כערסאָן, וואו דער „בונד" איז נישט געווען און איך האָב אין מאַריופּאָל נישט געהערט קיין וואָרט וועגן „בונד", אין מײַנע הענט זײַנען נישט אַרײַנגעפאַלן קיין שום אויסגאַבעס פון „בונד". געקומען אַהער קיין מאַריופּאָל, אַרומגערינגלט מיט קאַזאַקישע שקצים, פריינדלעכע, איך בין געווען אין אַן אמתער פריינדשאַפט מיט זיי, איך און סאַפּירא, גוטע, גוטמוטיקע. אַ פּאָר פון זיי האָבן געאַרבעט אויף די קליינע זאַוואָדן אין שטאָט. איך באַקום פון צענטער ליטעראַטור, אָבער אין דער גאַנצער ליטעראַטור פעלט מיר נישט

אריין קיין איין בלעטל, קיין סימן פון אַ בונדישער אויסגאַבע, און איך הייב נישט אָן צו וויסן וואָס הייסט עס אַ יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי. די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגע־הויבן מיט מיר צו קנעלן, האָבן אייגנטלעך אויך נישט גערעדט וועגן דעם. זיי האָבן נאָר גערעדט וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט, אַ טייל פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און ער זאָל אַרומנעמען די אַרבעט אויף די צוויי זאַוואָדן הינטער דער שטאָט, און אויף דער שטאָט גופא.

און אָט דערנענטערט זיך עפּעס אַ יום־טוב. מיר, דאָס הייסט דער זאַוואָדסקאָי קאָמיטעט און איך, מיר באַשליסן, אַז מיר וועלן מאַכן אַזאַ מין יום־טוב אין אַ פּריוואַטער שטוב, מיטן אָנטייל פון דער גאַנצער גרופּע אַרום און אַרום. מ'וועט צוגרייטן אַ ביסל משקה אויף די טישן, און האַלטן רעדעס, אַאַז"וו. אַ יום־טוב אַ פּאַרטייאישער, אַן אינטימער, און פאַר־שטייט זיך, אַן אומלעגאַלער, אַ געהיימער. איך האָב צוגעגרייט צו דעם יום־טוב אַ רעדע, וואָס איך האָב געדאַרפט האַלטן. מיין גאַנצע תורה האָב איך געשעפּט פון „איסקראַ". פון דער ס. ד.־ציייטונג, און וואָס ווייטער איז זי געוואָרן דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט אייגנטלעך נישט עקסיס־טירט. לענין האָט באַלד פון אָנהייב גענומען קאָמאַנדעווען און אַרוים מיט זיינע טעאָריעס. און פון „איסקראַ" אייגנטלעך האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַ „בונד", און אַז ס'ווערט געפירט אַ פּאָלעמיק מיטן דאָזיקן „בונד". דער יום־טוב איז מסתמא געווען אַ ניי־יאָר־פייערונג, 1903. און דאָ, ביי דער דאָזיקער פייערונג, ביי די געדעקטע טישן, ביים אָנטייל פון דרייסיק, פערציק מענטשן, בין איך אַרוים מיט מיין פראַגע: לאָמיר שאַפן אַ שטאָטישן קאָמיטעט; ס'איז אַן עוולה, וואָס מיר שטייען פון דער זייט פון די יידישע אַרבעטער, לאָמיר זיי אַריינגעמען און לאָמיר שאַפן איין געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע פון שטאָט און פון דעם זאַוואָד. עס זיינען דאָ טאַקע געווען אָנוועזנד אַ צאָל יידישע אַרבעטער, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט. עס זיינען מסתמא אויך געווען

אַ פּאָר „סימפּאַטיקער" אינטעליגענטן און אינטעליגענטקעס. און באַלד האָב איך געפּילט אַ קעגנערשאַפט צו מיין גאַנצער טעאָריע, צו מיין גאַנצן אינטערנאַציאָנאַליזם. אויף וויפל די חברה האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אין דער הויך, און וויפל זיי האָבן שווייגנדיקערהייט זיך איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן, געשמייכלט, — האָב איך געזען, אַז מיין זאַך איז אַ פאַרשפּילטע. איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון וואַנעט קומט די דאָזיקע קעגנערשאַפט — חלילה־וחס, קיין סימן פון אַנטיסעמיטיזם האָב איך ביי זיי קיין מאָל נישט געזען, קיין מאָל נישט געפּילט. אַ מאָל פלעגן זיי זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, אַז זיי פלעגן רעדן וועגן אַ ייִדן, דעם און דעם, האָבן זיי געזאָגט „יעוורעיטשיק", דער יידל, און דאָס איז געווען נישט אַזוי אַ באַליידיקונג־פאָרמע, נאָר דאָס איז געווען אין גאַנג פון דעם שמועס — אַזוי פלעגן זיי אייגנטלעך רעדן וועגן אַלעמען. אין שטאָט איז געווען אַ סך גריכן, פּאָליאַקן. האָט דער פּוילישער ביי דער חברה געהייסן פּאָליאַטשאָק, דער גריכישער האָט געהייסן „גרעטשאָנעק", אַזוי איז געווען דער נוסח פון זייער רעדן. קיין שום סימן פון אַנטיסעמיטיזם קיין מאָל ביי זיי נישט געפּילט, קיין מאָל און אַזוי אויך אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט זיך נישט געפּילט.

בין איך אָנגעגאַנגען ווייטער מיט דער אַרבעט, און איך האָב זיי פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין: זיי ווייסן גאָרנישט ווער ס'איז אַ ייד, זיי האָבן נישט צו טאָן מיט קיין יידן. אויפן גרויסן זאַוואָד צווישן 6-5 טויזנט אַרבעטער איז מסתמא נישטאָ קיין איין איינציקער ייד. קומען קומען זיי ס'רוב פון די קאָזאַקישע סטאַניצעס, וואו זיי האָבן קיין מאָל קיין יידן נישט געזען פאַר די אויגן. כ'האָב געפונען פאַר זיי אַ פאַרענטפערונג: ס'איז אַ ביסל נאַאיווקייט, אַ ביסל — געוואוינהייטן. און איך בין אָנגעגאַנגען ווייטער מיט מיין אַרבעט.

און אָט איז געקומען אַ גרויסע און וויכטיקע געשעעניש. צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט ווער איך איינגעלאַדן צו קומען קיין ראָסטאָוו, — אַ גרויסע שטאָט אויך אין דאַנ-

סקאַי ראַיאָן. און מ'גיט מיר דעם אַדרעס פון אַן אַדוואָקאַט. מ'גיט מיר אַן אַ דאַטע, אין אַט דער און דער דאַטע זאָלסטו זיין דאָרט. דאָס איז געווען אַ קאָנפערענץ פון דעם גאַנצן ראַיאָן טווערס, פאַראַנטוואָרטלעכע פון דעם ראַיאָן. אומגעפער איז דאָרטן געווען פון 10 ביז 20 יונגע לייט, און איך איינער פון זיי. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָ ווילן מיר אויסהערן באַלד אַ באַריכט פון דעם דעלעגאַט פון דעם גאַנצן פאַרבאַנד און פון די דאָן-אַרבעטער אין די אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום. דער פאַרבאַנד האָט געהאַט אַ דעלעגאַט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי, אויף דעם באַרימטן צוזאַמענ-פאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בריסל און געענדיקט אין לאָנדאָן, אָנגעהויבן אין יוני און געענדיקט אין אויגוסט 1903. דער „בונד" איז דאָ אויך געווען פאַרטראָטן ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פאַרטיי. און ווי באַוואוסט האָט זיך דאָס געענ-דיקט גאַנץ טרויעריק און דער „בונד" איז אַרויס פון דער פאַרטיי. די דעלעגאַציע פון „בונד" איז אַוועק פון דעם צוזאַ-מענפאָר. דאָס איז געווען דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

דער ראָסטאָווער דעלעגאַט, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון צוזאַמענפאָר, האָט דערציילט וועגן די אַלע צוזאַ-מענשטויסן מיט דער בונדישער דעלעגאַציע אויף דעם צוזאַ-מענפאָר. און פאַרשטייט זיך, ער האָט, ווי די גאַנצע פאַרטיי, פאַראורטיילט די האַלטונג פון דער בונדישער דעלעגאַציע, און פאַראורטיילט דעם אַרויסטריט פון „בונד" פון דער פאַר-טיי. דער באַריכט האָט געמוזט זיין אַ לענגערער. די באַדינ-גונגען זיינען געווען קאָנספּיראַטיווע. ראָסטאָוו איז ניט געווען קיין קליין שטעטל און ס'איז געווען פּאָליציייאישע סכנות. אַזוי אַז מ'האָט זיך געהיט. מ'האָט וואָס שנעלער געוואָלט פּטור ווערן פון די דעלעגאַטן, זיי זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן. איך געדענק נישט גענוי, צי מיר איז אויסגעקומען צו נעכטיקן אין ראָסטאָוו און צי אויף מאָרגן איז געווען די פאַרזעצונג. איך דערמאָן זיך נישט, צי ס'איז געווען אַ דיסקוסיע אַרום

דעם באַריכט בכלל און אַרום דער מעשה בונד בפרט. ס׳האָט זיך געענדיקט די קאָנפערענץ, מ׳האָט זיך געזעגנט מיט וועמען מ׳האָט געדאַרפט, און איך פאָר צוריק קיין מאַריופאָל. אין באַן פאָרנדיק, און טראַכטנדיק אַלץ מערער און מערער, וואָס דאָ האָט זיך אָפגעשפילט מיט מיר, באַשלים איך, די זאַך איז אַ דעצידירנדיקע: איך פאַרלאָז די פאַרטיי, איך געזעגן זיך מיט מאַריופאָל.

פאַרשטייט זיך, דער גרופע פון די זאַוואָדן, דעם אַזוי־גערופענעם קאָמיטעט האָב איך גאָרנישט דערציילט וועגן זיך, וועגן מיינע איבערלעבונגען. כ׳האָב זיי, אַזוי צו זאָגן, אָביעקטיוו דעם באַריכט איבערגעגעבן. און איבריקנס האָב איך געבראַכט שוין פרישע ליטעראַטור פון ראָסטאָוו. און דאָרטן איז שוין געווען אי „איסקראַ", אי אַנדערע באַריכטן וועגן דעם צוזאַמענפאָר. איך הייב זיך אָן מיישב זיין מיט מיין חברטע סאָפיראַ. זי פאַרשטייט מיך. זי פילט מיט מיר מיט. וואָס טוט מען? וואו נעם איך דעם „בונד"? ווי אַזוי קום איך צו זיי? איך בין געווען אַזוי פיל נאַאיוו, אַז איך האָב אָנגעשריבן אַן אָפיציעלן בריוו צו דעם הויפטקאָמיטעט פון דעם ראַיאָן אין ראָסטאָוו, אויפן קאָנספיראַטיוון אַדרעס. איך האָב דערציילט דעם אמת. אַזוי און אַזוי. כ׳האָב באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון דער פאַרטיי, און איך וויל אַריין אין דעם „בונד". און איך בעט נאָר איין זאַך: איר זאָלט מיר געבן אַן אַדרעס, אַ פאַר־בינדונג צום „בונד". פאַרשטייט זיך, קיין שום ענטפער האָב איך נישט באַקומען. גיי איינער אַליין, שלאָג זיך קאָפ אין וואַנט און זוך דעם „בונד" אַליין. איך האָב זיך אָבער דער־מאָנט, אַז דאָ ניט ווייט, אין דער גרויסער שטאָט יעקאַטערי־נאָסלאַוו, געפינט זיך אונדזער אַלטע חברטע סימע, סימע (גאָפנער), מיין פרוים „טיאָטיע" (מומע), וועלכע איז געווען מיט אַ פאָר יאָר עלטער פון אונדז. איך ווייס, אַז זי איז אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עפּעס האָב איך שוין געהערט, אַז זי איז אַ באָלשעוויטשקע, אַ לעניניסטקע. באַ־שליסן מיר ביידע, איך און סאָפיע: זי וועט בלייבן דערווייל דאָ אין שפּיטאָל — זי איז דאָך געווען מיין גאַנצע אויסהאַל־

טערין, און איך וועל אַליין פאָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און איך וועל, פאַרשטייט זיך, געפינען סימען און מיר וועלן איר בעטן, זי זאָל מיר העלפן, זי זאָל מיר געבן אַ פאַרבינדונג מיט דעם „בונד". עפּעס האָב איך געהערט, אַז אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז דאָ אַ „בונד".

איך קום אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אָפּגעשטעלט זיך דאָרטן אין אַכסניה אַ יידישער, אַלץ געווען מיטן קעסטעלע, מיט מיין רייכן פאַרמעגן, און איך בין אַוועק צו סימען. איך האָב זי געפונען. און זי האָט מיר געזאָגט אָפן, אַז זי איז פאַרבונדן מיט דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. פאַרשטייט זיך, זי באַרעכטיקט נישט מיין אַוועקגיין פון דער פאַרטיי. אָבער, פאַרפאַלן. אויב דו האָסט אַזוי באַשלאָסן, גוט. איך וועל דיר שאַפן אַ פאַרבינדונג מיטן בונד. אין אַ פּאָר טעג אַרום קריג איך פון איר צו וויסן, און איך קום און זי גיט מיר אָן אַדרעס צו אַ פּראָוויזאָר אין אַ גרויסן אַפּטייק, ער איז פאַרבונדן מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. אַזוי זאָגט זי מיר. זי ווייסט עס. ער איז, אַזוי צו זאָגן, די פאַרבינדונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. ווען דער בונד איז געווען אַ טייל פון דער פאַרטיי, האָט זי מסתמא ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געהאַט צו קומען מיט פּראָבלעמען צו אָט דעם פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. אַ קאָנספּיראַציע, אַ שטרענגע קאָנספּיראַציע. איך בין געקומען צום פּראָוויזאָר. איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין, דערציילט וואָס איך בין. די רעקאָמענדאַציע פון סימען איז געווען גענוגנד, אַז זיי זאָלן האָבן צו מיר צוטרוי. און ער האָט זיך חבריש באַצויגן צו מיר, באַהאַנדלט גוט, און געזאָגט, איך זאָל וואַרטן. ער וועט זיך צונויפשרייבן, צונויפרעדן מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד און ער וועט מיר געבן אָן ענטפער. הייסט עס, דער ענטפער וועט זיין צי זאָל איך בלייבן דאָ אין יעקאַטערינאָסלאַוו אָדער מע וועט מיך שיקן ערגעץ אַנדערש.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן אָריענטירן אין דער שטאָט, און אַ ביסל האָט מיר דער דאָזיקער פּראָוויזאָר צוגעהאָלפן, האָב איך זיך דערוואוסט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי:

אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז געווען שוין אַ גאַנץ היפּשע אָרגאַני־
זאַציע פון בונד, אָבער מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז געשען אַ
פּראָוואָקאַציע, די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, די פירערשאַפט, אַלע
זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין איין נאַכט. די גאַנצע אָרגאַ־
ניזאַציע איז צעשמעטערט געוואָרן, נאָר אַ פּאָר יחידים זיינען
געבליבן. אַגב, צווישן די אַלע אַרעסטירטע דעמאָלסט, איז
געווען אויך כאַנין, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט.
האָב איך געקראָגן אַ פּאָר פאַרבינדונגען צו די אַרבעטער.
אַרבעטער, וואָס זיינען שוין געווען אין דער יעקאַטערינאָסלאַ־
ווער אָרגאַניזאַציע פון בונד, אָבער איצט זיינען זיי געבליבן
כצאן בלא רועה. צוביסלעך האָב איך אָנגעהויבן צו באַקענען
נאָך אַרבעטער און איך האָב זיי דערציילט ווער און וואָס,
האָט מען אָנגעהויבן שאַפן אויף צוריק אַ קרייזל, איין קרייזל,
אַ צווייטן. איין קרייז האָב איך איבערגענומען און איך האָב
אים געפירט — יידישע אַרבעטער-מיידלעך. מיר פלעגן האָבן
אונדזערע צוזאַמענקונפטן אין אַזאַ מין יידישער טיי-האַלע, ווי
ס'האָט געהייסן. דאָרט האָט מען אונדז געגעבן אַ באַזונדער
צימערל, און דאָרט פלעגן מיר זיצן און טרינקען טיי, און איך
האָב פאַר זיי פאָרגעלייענט. דאָ, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב
איך צום ערשטן מאָל באַקומען אַ מאַסע בונדישע ליטעראַטור.
אַלץ דורך דעם זעלבן קוואַל. און איך האָב די דאָזיקע ליטע־
ראַטור גוט אויסגענוצט, אַליין געלערנט און געקנעלט מיט
מיין גרופּע.

אַזוי גייט אַוועק עטלעכע וואָכן. מיין סאַפּיראַ איז שוין
אויך געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. מיר האָבן צוזאַמען
גענומען אַ צימער. נישט קיין צו גרויסן צימער, אָבער אַ ריי־
נעם, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. איך וואַרט. אָט באַלד,
ס'מוז קומען אַן ענטפער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד.
ס'קען דאָך ניט זיין, אַהין אָדער אַהער. און אין איינעם אַ
שיינעם פרימאָרגן, קלאַפּט אין דער טיר עמעצער און איך
עפן. און איך דערזע פאַר זיך אַן איידעלן מענטשן, אַ יונגן
מענטשן, מיט אַ קליין בערדל, אַ חנעוודיקער, און ער זאָגט
מיר ער איז אַ שליח פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד. מ'האָט

אים געשיקט זען ווער איך בין, וואָס איך דאַרף אאז״וו.

מיט דעם הייבט זיך אָן דער נייער פעריאָד אין מיין לעבן — איך בין שוין אין בונד. איך בין שוין פאַרבונדן מיטן צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד. דער זיידענער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען און זיך מיט מיר געטראָפן, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי מאַרק ליבער, דער באַרימטער אָראַטאָר, דער באַרימטער אָרגאַניזאַטאָר פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד.

אַזוי האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע חברים, קאָזאַ-קישע שקצים. און עס זיינען געבליבן אין מיר זייער איינגע-נעמע, ליבע דערמאָנונגען אויף שטענדיק. אַ פּאָר פון זיי זיינען מיר נאָכגעפאָרן אַהער אין יעקאַטערינאָסלאַוו. און דאָ וייטער פאָרגעזעצט די פריינדשאַפט.

איך וויל פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט נאָך איין עפּיזאָד וועגן דער דאָזיקער גרופּע פאָלקסיינגלעך, פאָלקס-חברה, יונגע פיינע חברה. געווען אַ מאָמענט ווען זיי האָבן — כ'ווייס נישט צי זיי האָבן געהאַט אַ שליחות צי זיי האָבן עס געטאָן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו — זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זיי פאָרן אין אַ נאָענטער סטאַניצע פון די קאָזאַקן. וואָס איז? אין דער סטאַניצע, אין דער אָרטיקער טורמע זיצט אַ חבר, אַ פּאַרטיי-חבר, וואָס מ'האָט זיי געגעבן אָנווייזונגען אפשר איז מיגלעך אים צו באַפרייען. מיר זיינען געפאָרן אַהין אין סטאַ-ניצע און אָרומגעזוכט און אָרומגעפאָרשט. מ'האָט געשמעקט אָרום דער טורמע, וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן זיינען דאָ אַרויס-צוראַטעווען דעם דאָזיקן חבר. אַ מאָל האָט ער אַרויסגעקוקט דורך אַ פענצטער און אונדז געגעבן אַ צייכן. זיי האָבן געזוכט צווישן זייערע קאָזאַקישע פריינד אַ פאַרבינדונג, מ'זאָל קענען אַרויסכאַפּן דעם דאָזיקן בחור פון תפיסה. אָבער ס'האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. דער דאָזיקער עפּיזאָד כאַראַקטערי-זירט יענע גרופּע פריינדלעכע, חברישע, אמתע רוסישע מענטשן.

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין גאַנצער אַרבעט אין מאַריופאָל. עס איז געווען אַ קרייזל־אַרבעט, אָן שום מעג־לעכקייט פון מאַסן־אַרויסטרעטונגען. אַ געשלאָסענע גרופּע פון אַוואַנגאַרד־מיטגלידער. איך שטעל מיר פאָר, אַז בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 האָבן די „זאַוואָדן" סאָלידאַריש גע־שטרייקט, עס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען, און מיינע „תלמידים" זיינען געווען אָנפירערס און איניציאַטאָרן, אפשר אַליין נישט וויסנדיק, אַז זיי פירן אויס די געבאָטן פון לענינס פּראַקציע.

מיין אַרבעט אין „בונד"

יעקאַטערינאָסלאַוו און קיעוו

עס איז אַ גליקלעכער געפיל אין מיין לעבן: איך בין אין בונד!

אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, מיט אינטי־מער חברישקייט, מיט אַ יידישער אַטמאָספערע. איך פיל: איך בין אַנגעשלאָסן אין דער גרויסער בונדישער באַוועגונג! ווי ווייט און פרעמד האָט מיר איצט אויסגעזען מיין ביז־אַהעריקע נישט־יידישע אַרבעט! די טעטיקייט פון צ. ק. פון בונד אין גאַנצן לאַנד האָט אַלעמען באַגייסטערט, צוגעגעבן מוט, געפלאַנצט גלויבן.

איך געדענק זייער גוט, ווי אַזוי מיר, יונגע בונדיסטן אין יעקאַטערינאָסלאַוו פלעגן רעדן צווישן זיך וועגן די גרויסע פירער פון בונד, וועלכע מיר האָבן פערזענלעך קיין מאָל נישט געטראָפן: אַ! מעדעם... אָך, נוח... אָך, אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי)... מ׳האָט זיך געסודעט צווישן זיך: ווען אַלעק־סאַנדער איז אַריינגעקומען אין זאַל פון די זיצונגען פונעם צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. פאַרטיי, האָבן זיך מאָמענטאַל

אַלע דעלעגאַטן אויפגעהויבן, אים באַגריסט... מיר זיינען געווען שטאָלץ און באַגייסטערט צו האָבן אַזעלכע נעמען און פיגורן. אָבער דאָס האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צום היינטיקן באַגריף „קולט פון פערזענלעכקייט".

דער „בונד" האָט זיך לכתחילה נישט פאַרנומען מיטן דרום־ראַיאָן. נישט אין אָדעס, נישט אין ניקאָלאַיעוו, וואו איך האָב געוואוינט שפּעטער צוויי יאָר, נישט אין קיעוו, נישט אין יעקאַטערינאָסלאַוו זיינען נישט געווען קיין בונדישע אָר־גאַניזאַציעס. ערשט ווען דער בונד איז אַרויס אויף דעם לאָנ־דאָנער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי און פּראָקלאַמירט זיין זעלבסט־אויטאָנאָמיע און זיין איינציקע דעה איבער דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ערשט דעמאָלסט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן יידישע אַרבעטער אין דרום־ראַיאָן און אָרגאַ־ניזירן דאָרט בונדישע אָרגאַניזאַציעס. אוודאי זיינען געווען באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער אין די אַלע שטעט. אָבער זיי אַלע האָבן באַלאַנגט צו דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע.

אַז איך בין געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געטראָפן אַזאַ לאַגע, אַז קיין בונדישע אָרגאַניזאַציע איז נישטאָ. האָב איך אָנגעהויבן קלייבן צו ביסלעך די רעשטלעך, וואָס מ'האָט געקענט געפינען. בכלל זיינען אַ סך יידישע אַרבעטער אין יעקאַטערינאָסלאַוו געווען, אַזוי צו זאָגן, סעזאָן־אַרבעטער. זיי פלעגן קומען אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין דעם גוטן סעזאָן פאַרדינען געלט און פאָרן צוריק אַהיים אין די קליינע שטעטלעך. צוביסלעך האָב איך געקראָגן פאַרבינדונגען מיט געוועזענע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. זיך באַקענט מיט אַ ביסל אינטעליגענטע אַרבעטער, און ס'האָט זיך גענומען קלייבן מערער און מערער. געשאַפן אַ פּאָר קרייזלעך. איך האָב אַליין אָנגעפירט מיט איין קרייז. דער דורשט נאָך בונ־דישער ליטעראַטור, נאָך סאָציאַליסטישער ליטעראַטור בכלל איז געווען אומגעהייער. צו ביסלעך, מיט דער הילף פון אַ פּאָר אינטעליגענטן, וואָס איך האָב אויסגעפונען האָבן מיר אָנגע־

הויבן דרוקן פּראָקלאַמאַציעס (העקטאָגראַפּירט) אויף אונדזער אייגענער אַחריות. צווישן אָט די אינטעליגענטן איז געווען דער חבר בלום, וועלכן איך האָב שפּעטער, אין 1934, געטראָפן דאָ אין אַמעריקע בעת מיין קאַמפּיין פאַר די צישאָ־שולן. ער האָט מיט מיר צוזאַמען געדרוקט די עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעגעבן.

מאַרק ליבער האָט אונדז בפירוש געמאָלדן: דערווייל קענט איר זיך נישט אונטערשרייבן „יעקאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון בונד". מיט דעם דאַרפט איר וואַרטן אויף אַ באַזונדער ספּעציעלער דערלויבעניש פון צענטראַל־קאָמיטעט. דערווייל שרייבט זיך אונטער „יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַני־זאַציע פון בונד". די אַרבעט האָט זיך גערוקט פאָראויס מיט גרויס דערפאָלג. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּעק ליטעראַטור. ווי אַזוי איז אָנגעקומען צו אונדז די ליטעראַטור? געווען אין אַ סך שטעט אין רוסלאַנד אַזעלכע האַנדלס־פירמעס פאַר עקס־פּאָרט. זייער עובדה איז געווען אַליין פּאַקן און אַליין שיקן דורך דער באַן פּעקלעך סחורה, וואָס מ'האָט דורך זיי באַ־שטעלט אָדער זיי האָבן אַליין רעקאָמענדירט. די דאָזיקע האַנדלס־פירמעס האָבן געטאָן אַ סך אַרבעט פאַרן בונד. פּעק־לעך ליטעראַטור, כלומרשטע גוטע סחורה, זייד און סאַמעט האָבן זיי געשיקט און אַזוי האָבן מיר עס באַקומען. איך הייב נישט אָן צו געדענקען ווער איז געגאַנגען אָפּנעמען די פּעקלעך, איך צי עמעצער אַנדערש, און ווי אַזוי פלעגט דאָס געשען. צי איז דאָס געגאַנגען דורך יענעם חבר דעם פּראָוויזאָר פון דער אַפּטייק, וועגן וועלכן איך האָב דערציילט. אָבער אַזוי איז דאָס געשען: ס'האָט אָנגעהויבן אָנקומען אַלץ מערער ליטעראַטור.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ בירזשע. איין בלאָק אויפן פּראָספּעקט, נישט ווייט פון אַזאַ מין סקווער, אַ קליין גער־טנדל, — אָט דאָרטן איז געווען די בירזשע. אַלץ מערער און מערער אַרבעטער האָבן זיך געמאָלדן, און די ליטעראַטור דאָרטן אויפן פּלאַץ איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. איבער־געלייענט, גיב ווייטער, גיב ווייטער. טאָמער איז געווען עפּעס אַ קאָמפּליצירטער ענין, איז מען אַראָפּגעגאַנגען אין גערטנדל

און דאָרט, אין אַ פֿינצטערער אַלייע דערליידיקט דאָס, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט.

געווען אויך אַ פּאָר אָרטיקע סטודענטן, וועלכע האָבן געהאַט געלערנט אין שווייץ, אין זשענעווע, און זיי האָבן דאָרטן געוואוסט וועגן בונד. זיי זיינען נישט געוואָרן קיין בונדיסטן ווען איך האָב זיך מיט זיי געטראָפֿן, אָבער מ'האָט געקענט זאָגן זיי זיינען געווען סימפּאַטיקער פֿון בונד. און דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ שטיצפּונקט. די בירזשע אונדזערע איז געוואָרן אַ מאַסן-דערשיינונג, און באַלד האָט פּאָליציי אָנגעהויבן אַרבעטן מעשׂים כּדי פּטור צו ווערן פֿון דער בירזשע.

איין אינצידענט, זייער אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַר דער גאַנצער דעמאָלסטיקער באַוועגונג, איז ביי מיר אין קאָפּ איינגעקריצט געוואָרן אויף שטענדיק: איין מאָל אין אַן אָוונט קומט צו מיר אַ חבֿר און זאָגט מיר, אַז דאָ איז דאָ איינער אַ יונגער מאַן, וועלכער זאָגט ער איז ערשט היינט אַרויס פֿון טורמע. און ער איז הונגעריק, און ער האָט נישט קיין גראָשן, און בעט מ'זאָל אים העלפֿן. נו, ביי יענע באַדינ-גונגען פֿון קאָנספּיראַציע האָט מען זיך, פֿאַרשטייט זיך, נישט אַזוי שנעל מיט צוטרוי באַצויגן צו דעם דאָזיקן יונגן מאַן, נישט אַזוי שנעל אָנגעהויבן גלויבן אַלץ, וואָס ער דערציילט. אָבער דערציילט האָט ער, אַז ער און נאָך אַנדערע זיינען געווען אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער צוזאַמען מיט נאָך אַ חבֿר האָבן געשאַפֿן, און אָט זיינען זיי אַלע אַרעסטירט געוואָרן. ער איז געזעסן אַ לענגערע צייט, און סוף-כּל-סוף האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. באַלד האָבן חבֿרים אָנגעהויבן זאַמלען געלט אויפֿן אָרט. אַ גראָשן צו אַ גראָשן און באַלד האָט זיך אָנגעקליבן אין אַ היטל אַ היפּשע סומע, און דעם דאָזיקן חבֿר אַוועקגעגעבן די סומע. עמעצער האָט אים גענומען צו זיך איבערצונעכטיקן, און אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין קיעוו. דעם דאָזיקן עפּיזאָד באַשרייבט דער חבֿר לייביטשקע בערמאַן, וועלכער איז שפּע-טער געוואָרן אַ באַקאַנטער באַליבטער טוער אין בונד,

לייביטשקע, — אין זיין בוך „זכרונות”. ער רופט דאָרטן אָן דאַכט זיך, אויכעט מיין נאָמען, ווייל ווען ער האָט מיר געגעבן לייענען זיין מאַנוסקריפּט, האָב איך אים גלייך געזאָגט: יאָ, איך געדענק דעם עפּיזאָד ביזן היינטיקן טאָג, איך געדענק די דאָזיקע סצענע אַזוי ווי ס'וואָלט געווען נעכטן זיך אָפּגעשפּילט. ווער וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום שפּעטער, וועל איך זיך דערנענטערן צו דעם דאָזיקן חבר לייביטשקע, און וועל ווערן מיט אים פריינד און חבר ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן און זיין אַוועקגיין פון דער וועלט דאָ אין ניו־יאָרק.

די באַוועגונג איז געוואַקסן אַלץ מערער, און מיר האָבן שוין געוואַגט אַפילו צו אָרגאַניזירן איין גרעסערע פאַרזאַמלונג אין אַ יידיקער דירה, אַלץ איז אַראָפּגעגאַנגען בשלום. פון צייט צו צייט האָבן מיר געפּראַוועט אַ רעוואָלוציאָנערן יום־טוב. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געטראָגן קיין מאַסן־כאַראַקטער. געווען זיינען שוין דעמאָלסט אויך עס־עסאָווצעס אין יעקאַטערינאָסלאַוו. און מ'פלעגט זיך מיט זיי באַגעגענען פּריוואַט, חבריש. זייער גרופּע איז געווען אַ קליינע, אָבער די מענטשן וואָס זיי האָבן געהאַט זיינען געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער אידעע פון ס. ס., ווי ס'האָט געהייסן ציוניזם־סאָציאַליזם.

די באַוועגונג אונדזערע איז געוואַקסן אַלץ מער. און מיר האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער צווישן זיך רעדן, אַז איצט דאַרפן מיר שוין פאָדערן פון צ. ק. פון בונד ער זאָל אונדז דערלויבן זיך אָנצורופן און פּראָקלאַמירן דעם „יעקאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון בונד”. איך האָב געשריבן בריוו, געגעבן באַריכטן, דערציילט, — און חבר ליבער האָט דאָך מיט זיינע אויגן געזען אַ ביסל. און אָט איז געקומען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר מיר און פאַר די פּאָר חברים מיט מיר; עס איז געקומען דער חבר אַלעקסאַנדער, דאָס איז דער חבר אַרקאַדי קרעמער, פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. ער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאַטן פון בונד. איך הייב נישט אָן צו געדענקען, וואו איך האָב זיך געטראָפן מיט אָט די דריי

מענטשן: אַרקאַדי און די צוויי יאַטן. עס איז געווען עפּעס אַ וואוינונג מיט טרעפּלעך מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג. דאָס איז געווען די וואוינונג פון איינעם פון די סימפּאַטיקער פון בונד. אויף דעם אַדרעס, האָט מען מיר געמאָלדן, אַז איך זאָל קומען, דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן. כ׳האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט, כ׳האָב דערציילט וועגן דער אַרבעט גענוי. זיי זיינען געקומען מיטן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז אויס „אָרגאַניזאַציע״, פאַר דער גאַנצער עפנטלעכקייט ווערט געמאָלדן „דער יעקאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון בונד״.

איך בין שוין געווען צו פיל באַקאַנט אין שטאָט. שפּיאָנען זיינען מיר נאָכגעגאַנגען.

איין מאָל בין איך צופעליק אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג נישט פון בונד. אָבער עס זיינען שוין געווען דעמאָלסט די ליבעראַלע ערב־פרילינג שטימונגען אין רוסלאַנד, מ׳האָט אונדז נאָר שטראָפירט מיט אַ פּאָר רובל און אַרויס־געלאָזט. מיין חברטע סאַפּיראַ איז שוין אויך געקומען פון מאַריופּאָל קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און אַ דאַנק סימען האָט זי דאָ געקראָגן אַרבעט אין רייכע הייזער אַלס אַ פעלדשערין און זי האָט גאַנץ גוט פאַרדינט. איין מאָל זיינען מיר ביידע געגאַנגען אין גאַס, און אַ פּאָר שפּיאָנעם האָבן איר אָנגענומען אַז זי איז סימע, וועלכע האָט, ווי געזאָגט, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער ס. ד.־אָרגאַניזאַציע. צוויי שפּיאָנעם האָבן אונדז „באַגלייט״ אין מיין צימער און דאָרטן איבערגעדרייט אַלץ. אָבער נאָר אירע זאַכן האָט מען דאָ באַזוכט. ס׳האָט זיך געענדיקט בשלום. עס איז געווען קלאָר, אַז מיין לאַגע פון „קאָנספּיראַציע״ איז קאַליע געוואָרן.

חבר אַרקאַדי האָט גלייך אויפן אָרט מיר געמאָלדן: אייך נעמען מיר אַריבער קיין קיעוו. איר וועט ווערן אַ מיטגליד פון קיעווער קאָמיטעט פון בונד. איר קומט אָן אויפן פּלאַץ פון דער „פּינטיפּליושקע״. — ווער איז דאָס דער „פּינטיפּליושקע״? — דאָס איז דאַוויד זאַסלאַווסקי. ער האָט באַלאַנגט צו דער אָרגאַניזאַציע, אויף זיין אָרט האָט מען מיך אַריינגענומען צום קיעווער קאָמיטעט. מ׳האָט באַלד אָפּגערעדט אַלצדינג

און אַרקאַדי גיט מיר אַן אַדרעס, אַ „יאַווקע״ מיט אַ צעטעלע. איך בין געווען אויסערגעוויינטלעך צופרידן; קיעוו, קאָמיטעט פון בונד. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אַלץ דערציילט סאַפּירען און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו. מיט מיר איז מיטגעפאָרן אַן אַרבעטער פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע, אַ סטאָליער־אַרבעטער. דאָס איז געווען פאַר מיר זייער באַקוועם, ער האָט געקענט גוט קיעוו. מיינע פאַר זאַכן, מיין באַרימט קעסטעלע — האָב איך געלאָזט ביי אים, און זיך באַלד געלאָזט אין שטאָט אַריין זוכן די „יאַווקע״.

אַזוי ענדיקט זיך מיין קאַפּיטל אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אויפגעקומען, אויפגעבויט אַן אָרגאַניזאַציע. איצט פאַרלאָזט מיין אַרבעט און עס קומט — קיעוו.

די ראָל פון קיעוו פאַרן בונד, און די ראָל פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין קיעוו איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע צוליב עטלעכע טעמים. ערשטנס, קיעוו איז געווען אַ שטאָט אויסערן תחום המושב. אַחוץ די וואָס האָבן געקענט באַווייזן, אַז זיי זיינען קיעווער, האָט קיין ייד נישט געקענט וואוינען אין קיעוו, סיידן אומלעגאַל. טאָג־טעגלעך זיינען אַהער געקומען יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין וואוינרעכט אין קיעוו, און אָפט האָט מען אַזעלכע געכאַפּט און אַרויסגעשיקט פון שטאָט. עס זיינען געווען אַזעלכע סצענעס גענוג.

דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, געשטערט דער אַרבעט פון בונד. אויך די פירער פון קאָמיטעט זיינען אַלע געווען געקומענע, אָן וואוינרעכט, נישט נאָר איך.

צווייטנס, אין קיעוו איז געווען אַ גרויסע יידישע אינטעליגענץ, פאַרכאַפּט פון דער אַלגעמיינער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג און פון די ס. ס. קיעוו איז געווען אַ שטאָט מיט אַ גרויסער צאָל יידישע סטודענטן. און איינע פון די אויפגאַבעס פון דער אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט זיין: ווערבירן פאַרן בונד די אינטעליגענץ און די יידישע סטודענטן. אין קיעוו האָבן די יידן געלעבט גאַנץ גוט מאַטעריעל. ביס־

לעכוויז האָט דער בונד איינגעשטעלט גוטע באַציאונגען אין די „העכערע קרייזן". און דאָס האָט געקענט און געדאַרפט זיין א פינאַנציעלער קוואַל פאַר דעם גאַנצן בונד. די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז איצט געווען איינשטעלן פאַרבינדונגען מיט די יידישע אַרבעטער, און זיי האָבן געאַרבעט און גע־וואוינט אין דעם אונטערשטן טייל פון קיעוו, אויף דעם אַ"ג פאָדאָל. נאָר דאָ האָט געקענט געשאַפן ווערן אַ בונדישע באַוועגונג אָן אָרגאַניזאַציע.

ד. זאַסלאַווסקי האָט נאָך אין 1899 זיך באַטייליקט אין דער „סטודענטן־אָרגאַניזאַציע", וואָס איז שפּעטער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ „גרופּע אינטעליגענטן — יידן" און נאָך שפּעטער אין דער בונדישער גרופּע „פרייהייט". אין „רויטן פּנקס" (1919—1921) האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון בונד אין קיעוו". דערציילט ער:

„דאָס יאָר 1903 קאָן מען רעכענען פאַרן אָנהייב פון דער אַרבעט פון דער קיעווער בונדישער אָרגאַני־זאַציע. דער צענטראַל־קאָמיטעט שיקט אַ ספּעציעלן אָרגאַניזאַטאָר (ח' איסאַק, צביהם ברודער)... ס'ווערט אָרגאַניזירט אַ 'סכאָדקע'... אַ געהיימער קאָמיטעט... ס'האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ גרויסע און לעבעדיקע אַרבעט. צווישן די אַרבעטער האָט די גרופּע געהאַט גרויס דערפאָלג. אויף קאָנסטאַנטינעווער גאַס אויף פאָדאָל האָט מען אָרגאַניזירט אַ 'בירזשע' — גאָר אַ נייעם פאַר קיעוו... מ'האָט אָרגאַניזירט פאַך־קאָמי־סיעס... די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט נישט דערגרייכט אַפילו ביז הונדערט... נאָר ווי אַן אינטע־ליגענטישע גרופּע אין דער גרויסער שטאָט האָט זיך די קיעווער אָרגאַניזאַציע אויסגעטיילט אין בונד — אַנטוויקלט אַ גרויסע ליטעראַרישע טעטיקייט, אַרויס־געלאָזט אַ רייע פּראָקלאַמאַציעס... דעם 1טן מיי 1904 איז איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע בונדישע מאַסאָווקע אין וואַלד. דאָס איז געווען אַ גרויס געשעע־

ניש אין לעבן פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע... אין 1904 הייבט זיך אָן דאָס היסטאָרישע לעבן פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד.”

אַזוי האָט אויסגעזען די קיעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד, ווען איך בין אַהער געקומען מיטן פּערזענלעכן בריוול פון ח׳ אַרקאַדי. זיך באַקענט מיט די אַנדערע חברים פון קאָמיטעט, אַלע נישט קיין היגע, אינטעליגענטן — נישט קיין אַרבעטער. עס האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע אַרבעטס־פּאַרטיילונג: איך — פאַר דער מאַסע; זייער ראָלע איז געווען אָנצוהאַלטן די גאַנצע קאָנספּיראַציע אין זייערע הענט, טראָגן די פאַרבינדונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, געווינען סימפּאַטיקער צווישן דער אינטעליגענץ, פּראָפּאַגאַנדירן זיי פאַרן בונד. מיין אַרבעט, מיין ראָל איז געווען פירן די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער אויפן פּאָדאָל. געוואוינט האָב איך אין שטאָט צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים, און געוואוינט האָבן מיר אין אַ יידישן האָטעל. די יידן, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם האָטעל, האָבן זיך מיט דער הכנסה געטיילט מיט דער פּאָליציי און דערפאַר האָט די פּאָליציי גאַראַנטירט, אַז עס קענען דאָרט וואוינען יידן אָן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ און מ׳וועט קיינעם נישט אַרעסטירן. און דאָס איז געווען אַ זיכערער פּלאַץ פאַר אונדז.

געווען נאָך איין חבר, וואָס איך האָב אין קיעוו מיט אים זיך באַפריינדעט. דאָס איז געווען סאַניע גורעוויטש. ער איז געווען דער העלד פון דער האָמלער זעלבסטשוץ, זעלבסטבאַשיצונג אין פאַל פון אַ פּאָגראָם אין שטאָט. ער איז געווען דער פייערדיקער אָנפירער פון דעם זעלבסטשוץ אין האָמלע. דאָ, אין קיעוו, האָט ער נישט באַלאַנגט צום קאָמיטעט, ער האָט באַקומען אַן אייגענע פונקציע: אַרום קיעוו זיינען געווען אַ סך שטעטלעך מיט בונדישע אָרגאַניזאַציעס. איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיטעט פאַרן גאַנצן יידישן ראַיאָן פון קיעוו. אַ מין „צענטראַל־קאָמיטעט” פאַרן דאָזיקן קיעווער ראַיאָן פון בונד. און סאַניע האָט זעלבשטענדיק געפירט די דאָזיקע

אַרבעט. ווי כ׳האָב געזאָגט, כ׳האָב זיך מיט אים זייער באַ־פריינדעט. ער איז געווען יונג און פריש און מוטיק, געווען אַ גוטער רעדנער. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער וואוינונג נישט צוזאַמען מיט אונדז, און איך פלעג זייער אָפט קומען צו אים, אפילו געבליבן נעכטיקן ביי אים.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, נאָך 1905, איז סאַניע אַרעסטירט געוואָרן און איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז מ׳האָט ביי אים געפונען רעוואָלווערן. ער איז געזעסן אַ לענגערע צייט אין טורמע. סוף־כל־סוף האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר. פאַראַן עטלעכע ווערסיעס ווי אַזוי ער איז אומגעקומען. אין ניו יאָרקער אויסגאַבע פון „בונד", די דריי־פיר בענדיקע „דור־רות בונדיסטן" ווערט דערציילט דורכן ח׳ שלום הערץ און ער זאָגט, אַז ער וויסט עס פון אַ זיכערן קוואַל: אין אַ סי־בירער דאָרף איז געווען אַ גרופּע פאַרשיקטע, און ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנטער־רעוואָלוציע איז אין איינעם אַ פינצטערן פרימאָרגן אונטערגעצונדן געוואָרן די וואוינונג וואו די אַלע פאַרשיקטע האָבן געוואוינט און סאַניע איז פאַר־ברענט געוואָרן אין דעם דאָזיקן פייער. דאָ, אין ניו־יאָרק, איז געווען זיין ברודער, דער באַקאַנטער בונדיסט וועמען איך האָב באַקענט אין אַמעריקע, מישאַ גורעוויטש. און ווי איך געדענק, האָט ער מיר דערציילט אַן אַנדער ווערסיע: אין אַ קריגעריי מיטן קאַראַול אויף דער באַרזשע, וואָס האָט געפירט די פאַר־שיקטע, איז סאַניע דערשאָסן געוואָרן.

די באַוועגונג אין קיעוו האָט אָנגעהויבן וואַקסן. עטלעכע יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך דערנענטערט צו מיר, גע־האָלפן אין דער אַרבעט. אויף פּאָדאָל איז געווען טעטיק די „בירזשע", וואו מ׳פלעגט זיך סיסטעמאַטיש צונויפקומען. עס פלעגן זיין אויך צוזאַמענקומען אין געוויסע לאָקאַלן.

איך, פאַרשטייט זיך, פלעג שטענדיק דאָרט זיין אויפן פּלאַץ. די דאָזיקע בירזשע האָט נישט נושא־חן געווען ביי דער זשאַנדאַרמעריע. אין איינעם אַ אָוונט איז אָט דער גאַנצער ראַיאָן אין פּאָדאָל מיט דער בירזשע געוואָרן אין אַ מאָמענט

אַרומגערינגלט פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן, אַרום און אַרום. צו אַנטלויפן איז געווען אוממעגלעך. אומעטום שטויסטו זיך אָן אויף די סאָלדאַטן. און דער פּלאַן איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַרויסכאַפּן וואָס מער מענטשן און זיי אַרעסטירן, דורך זיי געוואָר ווערן וואָס די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט. איך מיט נאָך אַ יינגערן חבר זיינען געווען אַריינגעכאַפּט. מען האָט אונדז צוגעשטעלט צו אַ סאָלדאַט און געהייסן ער זאָל אונדז היטן. מ׳האָט אַזוי שטייענדיק געטראַכט וואָס עס וועט פאַרקומען ווייטער. אָבער ווי געזאָגט, דאָס איז שוין געווען די צייט פון ערב-פרילינג, דער ערב-פרילינג האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. די נייע באַציאונג צו דער רעגירונג און פון דער אַנדערער זייט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט געווירקט. און ווייזט אויס, דער סאָלדאַט וואָס האָט אונדז געהאַלטן פון ביידע זייטן האָט עס נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן, ווען מיר האָבן אין אַ סעקונדע איינער צום צווייטן אַ מאַך געטאָן מיט די אויגן און — האָפּ! און מיר האָבן גענומען לויפן. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך אונדז, ער האָט נישט געשאָסן, און מיר זיינען אַנטלאָפן. אַרויסרייסן זיך פון דעם רינג איז געווען אוממעגלעך. איך בין אַוועק אין איין הויף, אַרום און אַרום זיינען געווען דירות. אין דער פינצטער האָב איך זיך איינגעאָרדנט אין אַ קאָרידאָר אויף די טרעפּ, און דאָרט האָב איך איבערגעוואַרט אַ שעה-צוויי און דערנאָך בין איך אַרויסגעגאַנגען בשלום און געקומען אין מיין האָטעל. אָט דאָס איז געווען די אַטמאָספערע אין קיעוו אין יענער צייט. אַוודאי צו קיין מאַסן-אַקציעס האָט דאָ נישט געקענט קומען. די באַוועגונג איז נאָך אַלץ געווען אַ געצוימטע, אַ קאָנספּיראַטיווע, אַ באַהאַלטענע.

דאָס איז געווען די צייט פון דער מלחמה צווישן יאַפּאַן און דער צאַרישער רוסלאַנד. און דאָס איז געווען נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם. אין קיעוו איז געווען איין צייטונג, וואָס האָט געפירט אַנטיסעמיטישע העצעריי, און אָט איז געקומען אַ מאָמענט, אין שטאָט האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן, אָט-אָט וועט אויסברעכן אַ פּאָגראָם. די בונדישע

אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. מ׳דאַרף אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ. פאַרשטייט זיך, דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער אַרבעט. מיר האָבן אין אַ יידישן האָטעל געדונגען צוויי צימערן, מאָביליזירט די בעסטע חברה, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין דער אָרגאַניזאַציע. צוויי צענדליק חברים האָבן מיר אַריינגעשטאָפּט אין די צוויי צימערן אין דעם האָטעל. מיר האָבן דאָ געגעכטיקט, געוואַרט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געווען די פראַגע וועגן געווער. אונדזער קאָמיטעט, אין אַ שטרענגער קאָנספּיראַציע, האָט געשאַפן אַ קויש מיט רעוואָלווערן. ווי אַזוי שטעלט מען עס צו אויפן פּאָדאָל, אָט אין דעם האָטעל? פון שטאָט אין קיעוו ביזן פּאָדאָל איז געווען אַ גאַנץ גוטער מהלך. גיין מיט אַזאַ שווערן קויש מיט רעוואָלווערן, האָט מען נישט געקענט טראַכטן. ס׳איז געווען געפערלעך אויכעט. נעמען אַ דראָשקע און אַריינזעצן זיך פאָרן אויף פּאָדאָל, איז אַי ס׳איז נישט געווען קיין געלט, אַי ס׳איז געווען נישט קאָנספּיראַטיוו. האָט מען באַשלאָסן, אַז די בעסטע זאַך איז מ׳זאָל אַריינגיין אין טראַמוויי, וואָס איז געגאַנגען פון אויבן שטאָט ביז אַראָפּ. אַזוי זיינען מיר מיטן שווערן קויש רעוואָלווערן אַריין אין טראַמוויי און געקומען בשלום ביזן עק פּלאַץ, וואו ס׳איז געשטאַנען דער האָטעל. מיר זיינען אַראָפּ פונעם טראַמוויי מיטן קויש רעוואָלווערן בשלום, און אַריין אין האָטעל. די שימחה איז געווען גרויס, צו קיין פּאָגראָם איז נישט געקומען אין קיעוו.

מיר האָבן געפּרואווט מאַכן אַן עפנטלעכע אונטערנעמונג. דאַכט זיך, דאָס איז געווען לכבוד דעם ערשטן מיי. מיר האָבן געגרייט אַ גרויסן צוזאַמענקום אין וואַלד הינטער קיעוו. אָבער דער שפּיאָנאַזש איז געווען אומגעהייער גרויס, נאָך גרעסער ווי אין פּאָדאָל. מיר האָבן אויסגעשטעלט פּאַטרולן. זיי האָבן געדאַרפט מיט סיגנאַלן ווייזן וואוהין צו גיין. מיט פאַרדרום האָבן מיר געמוזט דעם יום־טוב אָפּרופן, ס׳איז געווען אוממעג־לעך אַריינצוקומען אין וואַלד. פּאָליציי מיט שפּיאָנעס אַרום און אַרום, נישט אַריינצוקומען.

יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן ווערן באַוועגלעכער. און אַט האָבן זיי גערופן אַ גרויסן פאָלקס־מיטינג אין אַ בית־מדרש אין דעמיעוויקע. דעמיעווקע איז געווען אַ פאָרשטאָט פון קיעוו און דאָרטן האָבן יידן געמעגט וואוינען. אַ סך יידן פלעגן האַנדלען אין קיעוו און ביי נאַכט שלאָפן אין דעמיעווקע. עס איז געווען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. איך געדענק נישט גענוי צי מיר האָבן זיך פריער צונויפגערעדט מיט די, וואָס האָבן צוגעגרייט די פאַרזאַמלונג, צי מיר האָבן זיך אַריינגעשטופּט, אַזוי צו זאָגן, מיט גוואַלד. אַ גרויסע גרופּע בונדיסטן האָבן פאַרנומען די ערטער, און אין אַ געוויסן מאָמענט איז סאַניע גורעוויטש אַרויף אויף דעם באַלעמער און האָט אָנגעהויבן רעדן. ער האָט פאָלעמיזירט מיט די ליבעראַלן און קאַדעטן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. אַ חבר פון פּאַדאָל, אַ פאָלקסטימלעכער אינטעליגענט, אַ זייער געטרייער בונדיסט, וואָס האָט געוואָלט „באַרואיקן" דורך אָנשרעקן דעם עולם, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אַרויפגעשאָסן אין סופיט אַרויף. דאָס האָט געמאַכט די טרעוואָגע נאָך גרעסער. סאַניע האָט געמוזט אַריבערשרייען און באַרואיקן דעם עולם. און ער האָט ווי עס איז געענדיקט רעדן. און מיר האָבן מיט סאַניען די ערשטע זיך אַרויסגעכאַפּט פון בית־מדרש.

מיר האָבן אויך געהאַט קאָנטאַקטן מיט אַנדערע פּאַרטייען. איין מאָל האָבן די ס. ס. (ציוניסטן סאָציאַליסטן) אַראָפּגעבראַכט אַ „גרויסן רעפערענט" — דאָס איז געווען שמואל ניגער, דעמאָלסט נאָך אַ יונגער בחור. אַ צאָל בונדיסטן און אויך איך זיינען געקומען צום רעפעראַט.

געווען נאָך אַ גרופּע, וואָס מיט איר האָבן מיר אָנגעהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען. דאָס איז געווען די אוקראַאינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. זי איז נישט געווען אָנגעשלאָסן אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נישט געטרויט די רוסישע אַסימילאַטאָרן. זיי האָבן געוואוסט אונדזער פּאַרטיי־לאַגע, און מיר האָבן געוואוסט זייער לאַגע.

אַט זיצן מיר אין אַ וועגעטאַרישן קאַפע מיטן פירער פון

דער אוקראַינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איך גיב אים רוסי־שע ליטעראַטור פון בונד, ער האָט מיר געגעבן אוקראַינישע ליטעראַטור. ער עצהט זיך מיט אונדז: ווי אַזוי זאָגט איר אויף יידיש די ווערטער „אָרגאַניזאַציע”, „פּראָקלאַמאַציע”, „קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג”. ער האָט נישט קיין געהעריקע טערמינאָלאָגיע אויף אוקראַיניש.

קיין פאָרמעלע זיצונגען פון דעם קאָמיטעט פלעגן נישט פאָרקומען. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויפן חברישן אופן. זאָגן מיר איין מאָל די חברים צו מיין גרויסער איבערראַשונג: מיר ווילן אַרויסגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן דער מלחמה מיט יאַפּאַן. שרייב אָן אַזאַ אויפרוף. נו, איך בין אַוועק אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, — ס׳איז געווען אַ גרויסע ביבליאָ־טעק, איך בין געווען אָפט אַ גאַסט אין דער דאָזיקער ביב־ליאָטעק און זיך גענומען שרייבן די פּראָקלאַמאַציע. איך האָב זיך אָנגעלייענט אַ סך רוסישע ליבעראַלע צייטונגען. כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, אָנגעשריבן די פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש. די חברים האָבן זי איבערגעלייענט, געפונען זי איז גוט. נו, און איצט דאַרף מען עס אָפּדרוקן. פּונקט דעמאָלסט האָב איך געהאַט אַ גאַסט פון יעקאַטערינאָסלאַוו, מיין חברטע סאַפירע. האָבן מיר איר געבעטן: נאַ דיר די פּראָקלאַמאַציע, נאַ דיר אַן אַדרעס, פאָר צו קיין בערדיטשעוו און גיב עס אַוועק.

כ׳האָב געוואוסט, אַז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע עלטערע חברים, חברים מיט אַ סטאַזש און הויכבילדונג, וועלכע זיינען אין דעם קאָמיטעט פון בונד, שטייען זיי העכער פון מיר. זיי האָבן אָבער ניט גענוג באַהערשט די יידישע שפּראַך. מיין פּראָקלאַמאַציע, מיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט, האָט מיר צוגעגעבן חשיבות אין מיינע אויגן. אָבער איך האָב געפילט: איך דאַרף לערנען, לייענען. געווען אין אונדזער קרייז אַן עלטערע חברטע, דעמאָלסט האָב איך געוואוסט איר נאָמען, איצט קען איך זיך נישט דערמאָנען. דאָס איז געווען אַ געבילדעטע אינטעליגענטע פרוי, און איך האָב געהאַלטן אין איין דיסקוטירן מיט איר איין פראַגע, וואָס האָט דעמאָלסט מיך

געמאַטערט: ווי אַזוי בינדט זיך דאָס איינס מיטן אַנדערן: פון איין זייט זיינען מיר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, דאָס הייסט פאַר פרייהייט, וואָס וויל אויפקלערן די מאַסע, און מיר זיינען קעגן לענינס פּראָיעקטן ווי אַזוי צו בילדן די פּאַרטיי. און פון דער אַנדערער זייט, שטרעבן מיר צו דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט"...

אָט אַזוי האָב איך געאַרבעט אין קיעוו איבער אַ יאָר צייט. ס'האָט זיך געשאַפן אַ נייע פּאָליטישע אַטמאָספערע. אָט איז ערב-אָקטאָבער 1905. קיינער האָט זיך נישט פאָר־געשטעלט, אַז ס'וועט פּאַרקומען אַזאַ איבערקערעניש, אַז דאָס גאַנצע לאַנד וועט בלייבן שטיין. באַנען און טעלעגראַפן און אַלץ, אַלץ אין שטרייק. מ'האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט די רעוואָלוציע...

אין דער צייט הייבט מיך אָן מאַטערן מיין פאָטער מיט בריוו. פון וואַנען האָט ער געהאַט מיין אַדרעס? און ער שרייבט מיר: דו מוזסט קומען קיין כערסאָן. דו מוזסט זיך שטעלן צום פּריזיוו. דו קענסט אונדז נישט שטעלן אין אַזאַ לאַגע. אויב דו שטעלסט זיך נישט, וועט מען אונדז באַשטראָפן מיט 300 רובל. דער פאָטער מאַטערט מיך און איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. די חברים פון קאָמיטעט זאָגן, אַז ער איז גע־רעכט, און דער קאָמיטעט דערלויבט מיר צו פאָרן צוריק אַהיים.

צוויי וואָכן איידער איך פאָר קיין כערסאָן, בין איך געווען פאַרבעטן צוגאַסט צו אַ משפּחה אין אוריעוו, בעסאַ־ראַביע. צוויי ברידער, יונגע חברה פון אַ פאַרמעגלעכער משפּחה, וואָס זיינען געווען אין דער קיעווער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיך איינגעלאַדן צו זיך. איך האָב זיך ביי זיי געפילט גאַנץ אָנגענעם. געווען אין שטעטל אַ גרופּע בונדיסטן, און זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו זייער אַ צוזאַמענקום, און איך האָב גערעדט צו זיי.

אין אוריעוו האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן

מיטן בונדיסט ח׳ הערץ גילישענסקי, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידישן לעבן פון רומעניע.

אין אַ קורצער צייט האָט מיין אוריעווער „וואַקאַציע״ זיך געענדיקט, און איך בין געקומען קיין כערסאָן. עס האָט גע־הייסן: איך וועל איבערקומען דעם פּריזיוו, און וועל באַלד צוריקקומען צו דער באַוועגונג...

מיין ערשטע לערער־פּראַקטיק
אין תלמוד־תורהס פאַר יינגלעך

צוריק אין מיין היימשטאָט. קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז דאָ נישטאָ. קיין בונד אַוודאי נישט. אַ פּאָר פּועלי־ציון דרייען זיך דאָ אַרום און האַלטן מיט מיר אין איין דיסקוטירן. איך האָב זיך געפילט זייער שלעכט אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט. נאָך דעם קיעווער גערויש, טומל — שטיל, אַ שטילע שטאָט. אָבער אין לאַנד קאָכט. עס איז ערב רעוואָלוציע. די אונטערערדישע באַוועגונג רייסט זיך פאָרויס. פּלוצלונג באַקום איך אַ טעלעגראַמע, איר אינהאַלט איז געווען: „קיין שום קרעדיט איוואַנאָוון״. ס׳האָט געמיינט: נישט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן מיט דער רעגירונג, מיט די קאַדעטן. ס׳איז געווען אַן אינסטרוקציע פון צענטראַל־קאָמי־טעט פון בונד. אָבער אין כערסאָן האָב איך נישט געדאַרפט האָבן די אָנווייזונג... כ׳האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט. נאָר איין מאָל, איין איינציקן מאָל, בין איך געקומען צו דער עפנטלעכקייט. אין שטאָט איז געווען אַ לעגאַלער קלוב פון אינטעליגענטן, דער קלוב פלעגט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען אין דעם שטאָטישן קלוב, יידישע אינטעליגענץ האָט אויך באַלאַנגט צו דעם קלוב. האָט דער קלוב מיך איינגעלאַדן: היות איך בין געקומען פון דער גרויסער שטאָט קיעוו, זאָל איך זיי

דערציילן וואָס טוט זיך אין לאַנד, וואָס פאַר אַ שטימונג, וואָס פאַר אַן אַטמאָספערע. אַזוי בין איך אויפגעטראָטן אין דעם דאָזיקן קלוב און גערעדט — דאָס איז געווען אַ לעגאַלע זאַך, אַזוי צו זאָגן. און איך האָב זיי דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. פאַרשטייט זיך איך האָב געדאַרפט רעדן אויף רוסיש. אין דער אָרטיקער צייטונג האָט וועגן דעם קיין באַריכט נישט געקאָנט זיין.

עס קומט אַלץ נענטער און נענטער צום אויסבראָך פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אַלגעמיינער שטרייק. כערסאָן איז אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט. נישט נאָר פון פּעטערבורג, מאָסקווע, קומען נישט אָן קיין צייטונגען, נאָר אַפילו פון קיעוו, אַפילו פון אָדעס, וואָס איז דאָ דערלעבן. נישטאָ קיין צייטונגען, נישט קיין טעלעגראַף, נישט קיין פּאָסט. און ווען שפּעטער ווערט שוין באַוואוסט, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט, ווערט אָרגאַניזירט אַ מאַניפעסטאַציע מיט רויטע פענער, כ׳ווייס אַליין נישט פון וועמען. ווייזט אויס, אָרגאַניזירט פון יחידים, קיין שום אָרגאַניזאַציע איז אין שטאָט נישט געווען. די קאַדעטן זיינען יאָ געווען אָרגאַניזירט.

מען באַווייזט זיך נישט אַרומצוקוקן, און אַזוי ווי איבערן גאַנצן לאַנד, אַזוי איז אויך דאָ ביי אונדז אין שטאָט אַרויסגעשפּרונגען אַ פּאָגראָם. אַ פּאָגראָם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די יידישע גאַסן און געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער. און דאָ ווייטער איז מיר באַשערט געווען זיך אָנצוטרעפן מיטן נאָמען טאַכטשאָגלע, וועגן וועלכן איך האָב דערציילט. ה׳ טאַכטשאָגלע האָט געהאַט אַ ברודער אַ פּולקאָווניק אין כערסאָן, אין היגן גאַרניזאָן. און ווען דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, האָט ער געגעבן אַ קאָמאַנדע, און אַרויסגעפירט זיינע סאָלדאַטן, און האָט זיי געבראַכט פּנים-אל-פּנים צו די פּאָגראָמשטשיקעס און געמאָלדן, „אויב איר וועט ווייטער וואַגן צו פּאָגראָמירן, וועל איך געבן אַ פאַראָרדענונג צו שיסן!״, און מיט דעם איז דער פּאָגראָם אָפּגעשטעלט געוואָרן. שפּעטער האָט מען געזאָגט, אַז ער

האָט געהאַט אַ גערי‏כט, ווייל ער האָט עס געטאָן אויף זיין אייגענעם אחריות.

נאָך דעם פּאָגראָם איז דאָך די שטימונג געוואָרן אַן אַנדערע.

און אָט קומט פאַר אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דער אוידיטאָריע. מסתמא האָבן דאָס גערופן די קאַדעטן. זיי זיינען געווען טעטיק, פריי. אַ טאָג, צוויי, פאַר דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, מיט אַ מאָל קומט צו מיר אַראָפּ ח׳ יונה פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ (יונה קאָיגען). כ׳היב נישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי ער האָט געטראָפן צו מיר, און וואָס אייגנטלעך איז געווען זיין אויפגאַבע. זאָגט ער מיר, איך זאָל פאַרלאַנגען אַ וואָרט בעת דעם גרויסן מיטינג. און איך האָב אַזוי געטאָן. איך האָב דאָרטן גערעדט וועגן דעם פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע. די אוידיטאָריע האָט רעאַגירט קאַלט, נישט דעצידירט.

מיין טאַטן האָט זיך איינגעגעבן מיך צו באַפרייען פון סאָלדאַטשענע, פון דער קאַזאַרמע, און איך האָב באַקומען אַ „וויסן בילעט״. איצט האָט זיך געשטעלט פאַר מיר די פראַגע, וואָס ווייטער?

די גאַנצע סיטואַציע אין לאַנד האָט זיך שנעל געענדערט. פריער קאָנטר־רעוואָלוציע, דערנאָך די פּראָפּאַגאַנדע פאַר לעגאַליטעט, פאַר אַ לעגאַלער באַוועגונג, פאַר אַ לעגאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער בונד גיט אַרויס אין ווילנע אַ לעגאַלע צייטונג. וועגן אַן אומלעגאַלער טעטיקייט פון בונד הערט זיך נישט. זאָל איך זוכן נייע קאָנטאַקטן מיטן צענטראַל־קאָמיטעט? בין איך זיכער מיט מיין פּערזענלעכער קאָנספּיראַציע?

איך בין נישט געווען דער איינציקער. עס זיינען אַרומגעגאַנגען אַ סך אַזעלכע „פאַרלוירענע״ בונדיסטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין בונד פון 1904־5. מ׳איז אַרומגעגאַנגען בטל, זיך געפּילט דערשלאָגן, וואַכעדיק, פּראָזאַאיש.

אַ סך בונדיסטן האָבן זיך געוואָרפֿן צו די שיפֿסגעזעלשאַפֿטן, געגומען זיך גרייטן צו מאַכן די רייזע איבערן ים.

איך האָב וועגן עמיגראַציע נישט געטראַכט, נישט געפּרוּווט אַפֿילו רעדן מיט מיין איינציקן פֿריינד — סאַפֿירע. איך האָב געהאָפֿט: ס'וועט קומען אַן ענדערונג.

סאַפֿירע איז געקומען צו פֿאָרן פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו. זי האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין אַן אָרטיקן זעמסקי־שפּיטאָל, אין אַ שפּיטאָל פֿון דער מלוכיש־אויטאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „זעמסטוואָ". און איך באַגלייט איר אַהין. דאָס איז אַ דאָרף ווייט פֿון שטאָט, אָבער אַ גרויסער דאָרף, און אַ גאַנץ פֿיינער שפּיטאָלעכל. איך פֿאַרבלייב מיט איר דאָרט, אָפּגעריסן פֿון אַלעמען. איך לייען, איך באַקום די בונדישע לעגאַלע צייטונג און איך הייב זיך אָן צו אָריענטירן אין דער לאַגע. די בונדישע באַוועגונג האָט זייער שטאַרק געליטן. כ'האָב נישט די מיגלעכקייט איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט צוריק מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אין ווילנע איז טעטיק דער פֿאַרלאַג „די וועלט", וועלכער גיט אַרויס בראָשורן. און איך באַשליס אויסצוניצן די גרויסע ביבליאָטעק פֿון דער זעמסטוואָ, וואָס פֿלעגט פֿון כערסאָן שיקן ביכער אַהער און איך שרייב אָן דאָ, אין סאַפֿירעס צימער, צוויי בראָשורן אויף יידיש. איין בראָשור „וואָס איז אַזוינס זעמסטוואָ?", די צווייטע בראָשור וועגן די שטאָט־ראַטן: „ווי אַזוי אַרבעט די שטאָט־דומע?" — צוויי פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע בראָשורן, וואָס דערציילן וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען. איך שיק עס אַוועק קיין ווילנע אויפֿן אַדרעס פֿון „די וועלט", און איך וואַרט אויף אַן ענטפֿער. קיין שום ענטפֿער באַקום איך נישט. איך שרייב נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. ענדלעך האָב איך באַקומען אַ קורץ בריוועלע: מ'גיט מיר אָנצוהערן, אַז ס'איז א ו י ס „די וועלט", זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן צו דרוקן. אייערע בראָשורן זיינען גוט, ס'וואָלט געווען גוט זיי אַרויסצוגעבן, אָבער צום באַדויערן — אפֿשר, אפֿשר וועט זיך ענדערן.

אין אייזאַמקייט און אין צווייפל פאַרענדיקט זיך דער טייערער פעריאָד פון מיין בונדישער אַרבעט, פריער אין יעקאַטערינאָסלאַוו און דערנאָך אין קיעוו. איך קער זיך אום צוריק קיין כערסאָן. עס קומט אַ גרויסע פּאַוזע אין מיין לעבן.

אין 1908 זיינען מיר געוואָרן אַ פאַמיליע פון דריי. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. פאַרשטייט זיך, איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן עפּעס פּרנסה. אין כערסאָן איז געווען אַ רוסישע צייטונג, וואָס איז געלעגן אין יידישע הענט, אונטערן נאָמען „יוג" (דרום). כ'האָב געפּרואווט אַריינגיין אין דער צייטונג און כ'בין געוואָרן איר רעפּאָרטער. דאָס איז געווען אַ קליינינקע צייטונג, און ליטעראַריש, פאַרשטייט זיך, קיין שום ווערט נישט געהאַט, אָבער אַ דאַנק איר האָב איך זיך באַקענט מיט נייע געביטן, וועלכע זיינען מיר געווען ביז אַהער אין גאַנצן פרעמד. אין שטאָט איז געווען אַ „בירזשע" פאַר תבואה־סוחרים און מעקלערס, פאַר אַנדערע געלט־געשעפטן. דאָס איז געווען אַן אָפיציעלע אינסטיטוציע. די צייטונג האָט געהאַט אַן אינטערעס צו האָבן באַריכטן פון דאָרטן, און איך האָב דאָס געטאָן. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ נייע וועלט, און כ'האָב זייער אַ סך געלערנט פון דעם. אַ צווייט פעלד פאַר מיר איז געווען די זעמסטווע. אין כערסאָן איז געווען די זעמסטווע פאַר דער גאַנצער גובערניע, די גובערניאַלע זעמסטווע, דאָ איז אויך געווען די לאָקאַלע זעמסטווע פאַר דער כערסאָנער אַרומיקער געגנט. די זעמסטווע האָט געפירט אַ גרויסע אַרבעט אויסער דער שטאָט: בילדונג און דערציאונג, זאָרג וועגן דער ווירטשאַפט, יורידישע הילף, סטאַטיסטיק. דאָס זיינען געווען גרויסע געביטן און גרויסע אַרבעטן.

אין זעמסטווע איז געווען ווייניקער ביוראָקראַטיע ווי אין דעם מלוכישן אַפּאַראַט, און אין אַ געוויסער מאָס אויכעט אַ ביסל ליבעראַלע פאָלקסטימלעכקייט. כ'האָב אָנגעהויבן

אריינקומען אהער און באקומען יעדעס מאל פריש מאטע־
ריאל, באארבעטן עס, צוגעגרייט צום דרוק, — אט דאס איז
געווען מיין ארבעט. איך האב א סך געלערנט פון דעם,
ס'איז געווען פאר מיר אלץ נייע זאכן, אלץ נייע געביטן,
מיט וועלכע יידישע מענטשן האבן געהאט זייער וויניק צו
טאן. פון שטאנדפונקט פון פרנסה איז עס געווען זייער
וויניק, א פאר מאל האב איך געפרואווט אפדרוקן ארטיקלען
אויף ארטיקע טעמעס, אבער קיין וויטערע אויסזיכטן זיינען
פאר מיר נישט געווען.

האב איך אנגענומען א פאסטן אלס לערער אין דער
ארטיקער תלמוד־תורה פאר יינגלעך. דאס איז געווען א
פילאנטראפישע אינסטיטוציע, אבער אוועקגעשטעלט מא־
דערן, א פיינע געביידע, בשכנות מיט א צווייטער אינסטי־
טוציע, א האנטווערקער־שול. דער דירעקטאר איז געווען אן
אינטעליגענטער מענטש, ה. נאדלער, וועלכער איז געווען דער
הויפט־זינגער אין דעם כאר פון דער גרויסער „ניקאלאיעווער"
שול. נאטירלעך, אלץ איז אין דער תלמוד־תורה געווען גע־
פירט אין דער רוסישער שפראך. די יינגלעך זיינען געקומען
פון ארעמע קרייזן, פון די הינטערשטאט־געסלעך, דער עיקר
פון די זאבאלקעס. אין ת"ת האט געהערשט א שטרענגע
דיסציפלין, ווי אין א פילאנטראפישער אינסטיטוציע.

איין מאל האב איך דא געהאט אזא איבערלעבונג:
מ'פלעגט געבן די קינדער עסן, זיי פלעגן באקומען איין מאל
אין טאג א מיטאג. אלץ איז געפירט געווארן אויף א פיינעם
אופן, מיט דער זעלבער דיסציפלין. און אט טאקע אין דער
אנוועזנהייט פון דעם פרעזעס, האט איין יינגל, א צווייטער,
אוועקגעלייגט דעם לעפל, אויפגעהערט עסן און געזאגט אין
דער הייך: ס'איז פול מיט ווערעם! דער פרעזעס איז געווען
א קלוגער מענטש, ער איז געווען א דאקטער אויכעט, און
גלייך אויפן ארט האט ער זיך געשטעלט פאר די קינדער,
אריינגעלייגט אין מויל א לעפל געקעכטס און געמאלדן: איר
קאנט עסן!

דער קליינער עפיזאד האט אויף מיר געמאכט א שרעק־

לעבן איינדרוק, דאָס צוזאַמען מיט דער גאַנצער פילאַנטראָפי־שער אַטמאָספּערע, וואָס האָט געהערשט אין שול, דאָס אומגליקלעכע לערנען מיט די ייִנגלעך אויף רוסיש; די דים־ציפלין אין קאָרידאָר און ווען מ׳האָט אַרויסגעלאָזט די קינדער אויף אַן איבעררייס אין הויף, און אַלץ אויף רוסיש געפירט; דאָס איז פאַר מיר געווען זייער פּיינלעך; כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן טוישן, אפשר געפינען עפּעס אַ בעסערן, אַ מער אַנטשפּרעכנדיקן פּלאַץ פאַר מיר.

כערסאָן איז געווען די גובערניאַלע שטאָט, נישט ווייט איז געווען די שטאָט ניקאָלאַיעוו, אַ גרעסערע שטאָט ווי כערסאָן, מיט אַ גרויסער אינדוסטריע, הויפּטזאַכלעך שיף־אינדוסטריע, און מיט אַ גאַנץ גרויסער ייִדישער באַפעל־קערונג. כ׳געדענק נישט ווי אַזוי ס׳איז געקומען צו דעם, אַז איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט ניקאָלאַיעוו. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳זוכט דאָרט אַ לערער, אויך אין אַ תלמוד־תורה פאַר ייִנגלעך. איך האָב אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דער תלמוד־תורה און מ׳האָט מיר געענטפערט: יאָ, קום צו פאָרן, גיב אַ פּראָבע־לעקציע און אויב די פּראָבע־לעקציע וועט זיין גוט, וועסטו דעמאָלסט באַקומען די אַרבעט. און אַזוי איז געווען. כ׳בין געקומען אין ניקאָלאַיעוו, און געגעבן די פּראָבע־לעקציע, פאַרשטייט זיך, אַלץ אין דער רוסישער שפּראַך, און איך האָב נושא־חן געווען און בין איינגעלאַדן געוואָרן צו אַרבעטן אין דער תלמוד־תורה. כ׳האָב אַריבערגע־בראַכט אַהער דאָס ביסל פאַרמעגן, און מיין פרוי און קינד, און מיר זיינען געוואָרן בירגער פון ניקאָלאַיעוו. פרעמדע, כ׳האָב קיינעם נישט געהאַט אין שטאָט, געפּרואווט איין שטיקל וואוינונג, דערנאָך אַ צווייטע דירה, און ענדלעך זיך איינגעאָרדנט און אָנגעהויבן אַרבעטן.

די תלמוד־תורה אין ניקאָלאַיעוו איז געווען אונטערן איינפלוס פון די אָרטיקע ציוניסטן־העברעאיסטן. די תלמוד־תורה האָט באַלאַנגט, אַזוי צו זאָגן, צו דער קהילה, און יעדן

יאָר אָדער יעדן צווייטן יאָר האָט מען געקליבן אַ פֿאַר־וואַלטונג פֿון דער תּלמוד־תּורה. איצט, אין דעם מאָמענט, איז די תּלמוד־תּורה געווען אין די הענט פֿון אַ ניי־אויסגע־קליבענער פֿאַרוואַלטונג — ציוניסטן און העברעאיסטן. דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער שול איז געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענטש, אַ יידישלעכער, אָבער ער האָט געפּרואווט איינ־שטעלן אַ העברעאיסטישן קורס אין דער תּלמוד־תּורה. איך האָב גענומען אַרבעטן, און כ׳האָב זיך געפֿילט בעסער ווי אין דער כּערסאָנער תּלמוד־תּורה, ווייל דאָ האָט אַ ביסל געשמעקט מיט רעפֿאָרם־פּעדאַגאָגיק. ס׳איז נישט געווען קיין קלאָרע ליניע ביי דעם פֿאַרוואַלטער, פּונקט ווי ביי מיר אַליין איז נישט געווען קיין קלאָרע ליניע וואָס פֿאַר אַ רעפֿאָרמען, וואָס אייגנטלעך דאַרף מען דאָ מאַכן ניי, אויסבעסערן. און אַזוי איז געגאַנגען די אַרבעט. איין יאָר און צווייטן יאָר, אויך דאָ זיינען געווען יינגלעך, יידישע קינדער פֿון אָרעמע קלאַסן און איך האָב ווידער אַ מאָל געפֿילט דעם ווילדן רים, דעם ווילדן איינפֿאַל פֿון אַרויפֿצווינגען אויף אָט די דאָזיקע קינדער רוסיש און אַ ביסל העברעאיש. כ׳האָב אָנגעהויבן צו ביסלעך אונטערקנעלן מיטן פֿאַרוואַלטער, עפּעס אַריינטראָגן אַן ענדערונג בנוגע יידיש. און איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרליי־ענען יידישע מעשיות פֿאַר די קינדער. פֿון צייט צו צייט האָט מען געמאַכט אַ געמיינזאַמען צוזאַמענקום פֿון אַלע קלאַסן, פֿון אַ היפּשער צאָל קינדער, און איך האָב פֿאַר זיי געלייענט, און דאָס האָט געהאַט דערפֿאָלג. כ׳האָב אַפֿילו אָנגעהויבן איינפֿירן זיי זאָלן שרייבן אויף יידיש. אַזוי איז אָנגעגאַנגען מיין אַרבעט אין די צוויי יאָר.

אין ניקאָלאַיעוו איז געווען אַן אָרטיקע רוסישע צייטונג, אַן אָפּטיילונג פֿון דער גרויסער צייטונג אין אָדעס, „אָדעסקיע נאָוואָסטי״. דאָס איז געווען אַ גרויסע צייטונג מיט אַ סך זייטן און זי איז געווען געפֿירט אינטעליגענט און ליבעראַל. דער רעדאַקטאָר איז געווען אַ באַקאַנטער יידישער אינטעלי־גענט אין אָדעס און ער האָט איינגעפֿירט אין ניקאָלאַיעוו אַן אָפּטיילונג פֿון „אָדעסקיע נאָוואָסטי״. איך געדענק שוין נישט

קלאָר, צי יעדן טאָג, צי יעדע פּאָר טעג, ס׳האָט געהייסן „אַטקליקי" (אָפּקלאַנגען), דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג געווידמעט פאַר אָרטיקע אינטערעסן, אָרטיקע פראַגעס.

דער רעדאַקטאָר פון די „אַטקליקי" איז געווען אַ יונגער מענטש, און מיר האָבן זיך אין גיכן באַפריינדעט, און ער איז געווען זייער צופרידן מיט מיין אַרבעט. איך האָב אָנגע־הויבן דרוקן דאָרטן אַרטיקלען, אַלץ וועגן אָרטיקע ענינים. איך בין געווען פּאַרזיכטיק און איך האָב זיך נישט אונטער־געשריבן אונטער די אַרטיקלען מיט מיין נאָמען, איך האָב געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים — ס. דאַווידאָוו.

צום סוף פון די צוויי יאָר קומט פּאָר אין דער תלמוד־תורה אַ רעוואָלוציע, ריכטיקער אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. ווידער אַ מאָל אַ פאַרזאַמלונג פון דער קהילה, פון אַלע חשובע מענטשן, וואָס האָבן אַ דעה אין דער תלמוד־תורה, און מ׳האָט אויסגעקליבן אַ נייע פאַרוואַלטונג. די נייע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון פרימיטיווע, קאָנסערוואַטיווע יידן, און באַלד ווי מ׳האָט זיי אויסגעקליבן, זיינען זיי געקומען אין דער תלמוד־תורה און אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען: דאָס איז נישט גוט, און דאָס איז נישט גוט, און דאָס דאַרף מען ענדערן אאַז״וו. דער פאַרוואַלטער האָט נעבעך געפילט די פּלאָג און עס זיינען פאָרגעקומען אַ פּאָר מאָל זיצונגען פון דעם פּעדאַגאָגישן ראַט, צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער נייער אָרטאָדאָקסישער פאַרוואַלטונג. און דאָ, אויף די זיצונ־גען, איין מאָל, אַ צווייט מאָל, איז געקומען צו שאַרפע רייד פון מיין זייט און אויך פון דער זייט פונעם דירעקטאָר. באַלד ווי ס׳האָט זיך געענדיקט דאָס לערניאָר, דאָס איז געווען דער צווייטער לערניאָר מיינער, האָט מען מיך אַרויסגערופן פון פּאָליציי און מ׳האָט מיר געמאָלדן: לויט דעם באַשלוס פון דעם גראַדאָנאַטשאַלניק פון דער שטאָט ניקאָלאַיעוו, ווערסטו אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן די שטאָט ניקאָלאַיעוו אין משך פון 2־3 טעג.

ניקאָלאַיעוו איז געווען אין דעם יידישן תחום־המושב, אַזוי ווי כערסאָן א״אַנד. אָבער אַזוי ווי ניקאָלאַיעוו איז געווען

א פאַרט און מ׳האָט דאָרטן געבויט שיפן פאַר דער רעגירונג, האָט דעריבער דער גראַדאָנאַטשאַלניק געהאַט אַ גרויסע מאַכט, און ס׳איז געווען אין זיין רשות. די יידן, וואָס זיינען שטענדיקע איינוואוינער, ווערן באַטראַכט ווי בירגער פון ניקאָלאַיעוו, אָבער די ניי-געקומענע זיינען געווען אין זיין רשות זיי יאָ אַריינלאָזן אָדער נישט אַריינלאָזן, אַרויסשיקן אָדער נישט אַרויסשיקן. און דאָס האָט ער געטאָן מיט מיר. ווי אַזוי דאָס איז געשען, פאַרוואָס דאָס איז געשען, צי דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַט דער נייער אָרטאָדאָקסישער פאַרוואַלטונג, צי ס׳איז עפּעס געפאַלן אַ חשד אויף מיינע רוסישע אַרטיקלען — דאָס איז געבליבן פאַר מיר אַ סוד. ס׳קען זיין, ווען כ׳בין מער געניט, וואָלט איך געקאָנט אַפּעלירן צו אַ העכערער מאַכט מ׳זאָל מיך איבערלאָזן, אָבער סיי ווי סיי, האָב איך באַשלאָסן מיט דער דאָזיקער נייער פאַרוואַלטונג נישט מיטצואַרבעטן. און אַזוי האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט ניקאָלאַיעוו און צוריקגעקומען צו מיינע עלטערן קיין כערסאָן (1909-1910). איך בין ווייטער געשטאַנען פאַר אַ פּראָבלעם, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען מיט פּרנסה.

ערשטע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען

אַ יאָר צייט בין איך געווען אין כערסאָן, געזוכט פאַרשיידענע מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען. אין דער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין מיין באַוואוסטזיין אַלס לערער. איך האָב זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ דין-וחשבון פון מיין אויפגאַבע אַלס לערער, אַלס פאַכמאַן, אַלס פּעדאַגאָג, און אַלס יידישיסט — אָנהענגער פונעם געדאַנק וועגן אַ שול אין דער מוטער-שפּראַך פון די קינדער. אין אונדזער וואונדערבאַרער שטאָטישער ביבליאָטעק האָב איך אָנגעהויבן שטודירן פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור. דער עיקר האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט שפּראַך-מעטאָדיק. אין דער דייטשער

שפּראַך איז געווען זייער אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור, און אַ גאַנץ פּראָגרעסיווע, און וואָס מער איך האָב געלייענט אָט אַ די ביכער, אַלץ שווערער איז מיר געוואָרן מיין פּערזענלעכע פראַגע: וואָס ווייטער?

אין פּעטערבורג איז געווען די באַרימטע געזעלשאַפט, „חברה מפיצי השכלה", אָדער ווי דאָס האָט געהייסן אויף רוסיש „אָבשטשעסטוואָ פּראָסוויעשטשעניאַ יעווריעיעוו", אויף קורץ אָ. פּע. די ווייטע געזעלשאַפט אין פּעטערבורג האָט מיך פאַראינטערעסירט און ס'איז געווען אַ היפּשע ליטעראַטור וועגן איר געשיכטע, וועגן איר טעטיקייט. איך האָב אויך געלייענט זייער אינטענסיוו דעם יידיש-רוסישן זשורנאַל „וואָסכאָד", אין וועלכן שמעון דובנאָוו איז געווען דער הויפּט-מיטאַרבעטער. און איך באַשלים און איך וואָג און איך שרייב אָן אַ גרויסע אַרבעט פאַר דעם זשורנאַל חמ"ה — „וויעסטניק פּראָסוויעשטשעניאַ" (פריער האָט ער געהייסן „וויעסטניק אָבשטשעסטוואַ"), אַ חודש-זשורנאַל, אַ גראָבער, גוט רעדאַגירט. מיין אַרטיקל הייסט „שלום-עליכם פאַר קינדער", און איך גיב אָן אַ רשימה, וועלכע ווערק פון שלום-עליכם קאָן מען ניצן אין שול צו לערנען און צום פאָרלייענען און צום זעלבשטענדיקן לייענען. און שטעלט אייך פאָר מיין גליק, אַז אין דעם נומער 11, אין 1912טן יאָר, באַווייזט זיך אָפּגעדרוקט אָט די דאָזיקע אַרבעט מיינע „שלום-עליכם פאַר קינדער". דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און איך האָב ווייטער אָנגעהויבן צו שרייבן אויף אַנדערע שול-פראַגן. אין דעם זעלבן יאָר, נומער 18, האָב איך אָפּגעדרוקט אַ גרויסן אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן „אָנגעווייטיקטע פראַגעס פון אונדזערע שולן"; מיט אַ יאָר שפּעטער „די פּערספּעקטיוון פון אונדזערע פאָלקשולן", „די מלמדים און דער חדר". פאַרלויפנדיק אַ ביסל ווייטערדיקע יאָרן, דרוק איך אָפּ אין 1914-15 אַ גרויסע אַרבעט „די ווערק פון י. ל. פּרץ פאַר קינדער-לייענער", וואָס מ'קאָן פון פּרצן לערנען אין שול, אין קלאַס, וואָס מ'קאָן פאַר זיי פאָרלייענען א.אַז"וו. דאָס איז שוין געווען אין צייט פון דער מלחמה. איך האָב געשיקט פּרצן דעם דאָזיקן אַרטיקל און

כ׳האָב באַקומען פון אים אַ קאַרטל אין דער רוסישער שפּראַך, וואו ער שרייבט: „די צענזור דערלויבט נישט ביי אונדז קיין שום בריוו אין יידיש, דערפאַר שרייב איך דיר אויף רוסיש", און ער האָט אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט דער אַרבעט מיינער. (נחמן מייזיל האָט אין זיין בוך „י. ל. פּרצס בריוו און באַגעגענישן" אָפּגעדרוקט דעם דאָזיקן בריוו פון פּרצן). שפּעטער אַ ביסל האָב איך דאָ אָפּגעדרוקט אַן אַרבעט „אַברהם רייזענס ווערק פאַר קינדער".

אַזוי בין איך אין די פאַר יאָר 1912—14 געגאַנגען פאָרויס ליטעראַריש, פּעדאַגאָגיש און געזעלשאַפטלעך. דער סעקרעטאַר פון דעם זשורנאַל פון חמפ״ה און מסתמא אויך דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען א. טשעריקאָווער. דורך בריוו האָבן מיר זיך באַקאַנט און באַפריינדעט און ער האָט מיר יעדעס מאָל צוגעשיקט מיט גרויס צופרידנקייט דעם האָנאָראַר פאַר יעדן אַרטיקל. ווידער אַ מאָל האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ נייע וועלט — נייע פריינד, נייע מעגלעכקייטן, נייע אינטערעסן. אין 1916, אין די נומערן 49-50, האָב איך אָפּגעדרוקט אין צוויי נומערן אַ גרויסע אַרבעט „ווי אַזוי אָוועקצושטעלן דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך". דאָס איז פאַקטיש געווען דער אָנהייב פון מיין אַרבעט אַלס מעטאָדיסט, מיין אַרבעט ווי אַזוי צו לערנען יידיש אין שול מיט די קינדער. איך האָב אויך איינגעפירט מיטן הסכם פון טשעריקאָווערן אין יעדן נומער פונעם זשורנאַל אַן אָפּטיילונג, „צווישן לערער". איך האָב זיך געשטעלט אין קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ סך לערער דורך דער דאָזיקער אָפּטיילונג, און די אָפּטיילונג האָט זייער אויסגענומען. אונטער דעם נאָמען ס. קאָן האָב איך געגעבן אין זשורנאַל אַ סך רעצענזיעס איבער ביכער פאַר קינדער, פאַר דער שול, לערנביכער פאַר קינדער. אונטערן זעלבן פסעוודאָנים האָב איך אָפּגעדרוקט אַ גרויסן רעפעראַט וועגן דעם בוך פון באַרימטן שווייצאַרישן פּעדאַגאָג רודאָלף הילדעבראַנד „וועגן לערנען די מוטער-שפּראַך אין שול און וועגן נאַציאָנאַלער דערציאונג און בילדונג". דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך בוך, וואָס האָט אויף מיר

געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק, און איך האָב מיין באַגייסטערונג אַרויסגעבראַכט אויף די בלעטער פונעם זשורנאַל.

ווען שוין לעבנדיק אין ניו־יאָרק, האָב איך אויך פאַרעפנטלעכט מיין גרויסן בוך „מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור" (בוענאָס־איירעס, פאַרלאַג „יידבוך", 348 זייטן), האָב איך דאָ גענוי דערציילט וועגן הילדעבראַנדן און זיין מעטאָדישער לערע ווי אַזוי אויסצונוצן דעם שפּראַך־לימוד פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג פון די קינדער. הילדעבראַנדס ווערק (ווי אויך דאָס בוך פון זיין פריינד ד"ר גרייערץ) האָבן מיך געשטאַרקט און פאַרפעסטיקט אין דער איבערצייגונג, אַז דער יידישער שפּראַך אין דער לימודים־סיסטעם פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול — איז באַשערט צו שפּילן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ראָל. „הילדעבראַנדס בוך, האָב איך געשריבן, איז באמת נישט קיין מעטאָדיק, נאָר גיכער אַ פּעדאַגאָגישע פּאָעמע, אָנגעשריבן צום לויב פונעם גרויסן ווערט פון דער מוטער־שפּראַך ווי אַ לימוד אין שול. קיין אַנדער וואָרט וואָלט זיך גאָרנישט צוקלייבן: עס איז אַ געניאַלע פּעדאַגאָגישע פּאָעמע, אַ פּראָדוקט פון אמתער קינסטלערישער שאַפונג, אָנגעשריבן מיט אַ גלענצנדיקן סטיל, — — — — פון דער אַנדערער זייט, איז אַלץ וואָס ווערט פאַרטיידיקט אינעם בוך — אַ פּועל־יוצא פון לאַנגיאָריקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אַלץ איז דורכגעדרונגען מיט אַ פילאָסאָפישער סיסטעם אין פּרט פון וועלט־באַנעם און איינהייטלעכקייט פונעם פּעדאַגאָגישן קוק אויף די אויפגאַבן פון דערציאונג און בילדונג".

הילדעבראַנד בויט זיין פּעדאַגאָגיק און שפּראַך־מעטאָדיק אויף פינף יסודות, וועלכע זיינען גענוג דורכגעאַרבעט אין זיין בוך. ווען דער לימוד פון דער מוטער־שפּראַך (און ליטעראַטור) וועט זיין אַוועקגעשטעלט אויף אָט די יסודות, וועט ער געבן די קינדער די מעגלעכקייט „אַריינצודרינגען אין דער גאָרער טיפקייט פון יענעם וואונדערלעכן וואַרשטאַט, וואו עס שאַפט זיינע ווערק דער גייסט פון דער שפּראַך אָדער דער מענטשלעכער גייסט בכלל — אין יענער סודותפולער לאַבאָ־

ראַטאָריע, וואָס געוויינלעך ווייזט זיך אונדז אויס איז זי פאַר־באָרגן אונטער זיבן שלעסער, און וואָס דער שליסל צו איר געפינט זיך ביי יעדן אין די הענט אין געשטאַלט פון די געוויינלעכסטע פשוטע אויסדריקן פון זיין לשון״.

כ׳דערמאָן זיך, אַגב: אין 1918, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין קיעוו, האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש נחום שטיף מיר אויסגעדריקט זיין באַגייסטערטקייט און אַנטציקונג מיט הילדעבראַנדס לאָזונגען. מיין גאַנצע ווייטער־דיקע פּעדאַגאָגישע און קולטור־טעטיקייט אין קיעוו און שפּע־טער אין וואַרשע — איז דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו יידיש און יידישער ליטעראַטור, מיט גלויבן אין דער שול, וואָס איז באַזירט אויף דער מוטער־שפּראַך פון קינד. דאָס איז געווען מיין יידישיזם. אויף דעם האָב איך געבויט מיין שפּראַך־ און ליטעראַטור־מעטאָדיק. און דאָס איז אויך געווען אין פולער האַרמאָניע און טיף געבונדן מיט מיינע בונדישע איבערצייגונגען.

מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען גאַנץ טרויעריק. איך האָב געמוזט געפינען אַ גוטן לערער־פּאָסטן.

אין אָדעס האָט די חברה מפיצי השכלה געשאַפן זומער־קורסן פאַר יידישע לערער, לערער וואָס זיינען טעטיק אין די שולן, און איך האָב באַשלאָסן אָנצוקומען אויף די דאָזיקע קורסן. זיך פאַרשריבן און אָנגעהויבן אַרבעטן. דער קורס האָט אַרומגענומען אַ סך געביטן — אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכע און אויך פּעדאַגאָגיק. באַוואוסטע פּעדאַגאָגן, יידישע, יידיש־רוסי־שע, פון פּעטערבורג האָבן געגעבן לעקציעס פון נאַטור־וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, ליטעראַטור אאַז״וו. זיי האָבן גע־געבן פאַרשיידענע מוסטער־לעקציעס. דאָס האָט מיך זייער שטאַרק פאַרכאַפּט, און דאָס האָט מיך ווידער אַ מאָל אַוועק־געשטעלט פאַר נייע פּראָבלעמען, נייע באַקאַנטשאַפטן. ס׳איז געווען אַ גרויסע צאָל צוהערערס אויף די קורסן. 40־50 פון זיי זיינען געווען יידישיסטן. איינער פון זיי איז געווען ישראל

רובין, אַ צווייטער איז געווען ש. גילינסקי, וועלכער איז געקו־מען פון וואַרשע זייער אַ באַגייסטערטער. אין וואַרשע האָט זיך געררודערט מיט זיין שול אין דער יידישער שפּראַך, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט האַלב לעגאַל, ווייל די יידישע דירעקציע איז געווען פּאָליציייאיש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס דאָרטן טוט זיך. אויף די קורסן איז מען זיך צוזאַ־מענגעקומען אַ פּאָר מאָל אויף נישט־אָפיציעלע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, און מ׳האָט דאָרטן פייערלעך פּראָקלאַמירט: מיר הייבן אָן בויען אַ שול אין דער יידישער שפּראַך. איין מאָל האָט מען געמאַכט אַ גרויסע עקסקורסיע און מ׳איז געפאָרן הינטער דער שטאָט אָדעס, צו מענדעלע מוכר־ספרים, וועלכער האָט דאָרטן געוואוינט.

אין אָדעס אויף די קורסן האָב איך זיך דערנענטערט צו איינעם פון די באַקאַנטסטע יידישע פּעדאַגאָגן חיים פיאַל־קאָוו, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון חמפ״ה און אויך אָן אינסטרוקטאָר פון די אָפּע־שולן. געווען אויך אַ צווייטער אינסטרוקטאָר, מיר האָבן זיך שפּעטער אין קיעוו באַפריינדעט, דאָס איז געווען יעזעקיל קאָנטאָר. איך האָב אָנגעהויבן רעדן צו פיאַלקאָוו וועגן מיין אַרבעט אין שול. פיאַלקאָוו איז געוואָרן פאַראינטערעסירט: איך האָב פאַר אייך איינע פון די בעסטע שולן אין גאַנצן לאַנד. כ׳וועל אייך געבן אַ בריוול, כ׳וועל אַליין שרייבן און איר וועט פאָרן אַהין און איר וועט זיך מיט זיי באַקאַנען און איר און זיי וועלן באַשליסן. איך בין זיכער, אַז איר וועט בלייבן דאָרט. דאָס איז געווען די מיידל־שול אין דער שטאָט גאָלטע. גאָלטע איז געווען אַ קליין שטעטל, אָבער עס איז געווען פאַרבונדן דורך אַ בריקל איבערן טייך מיט נאָך צוויי יידישע שטעטלעך (גאָלוויאָפּאָל און באָהאָפּאָל), און די מיידל־שול, וועגן וועלכער איך רעד דאָ, האָט באַדינט אַלע דריי שטעטלעך.

איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין באַן און געקומען קיין גאָלטע. באַקענט זיך מיט דער פאַרוואַלטערין און מיט דער דירעקטריסע פון דער שול מרים ראַפּאַאילאָווגע זאַלקינד־איינ־האָרן און מיט פרוי מרגליות, וועלכע איז געווען די פּאַקטישע

„באַלעבאָסטע” און אויף איר נאָמען איז געווען די דערלוי־בעניש פאַר דער שול. איך האָב פאַרבראַכט דאָרטן אַ טאָג צייט, מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין דער שול און מ׳האָט מיר געוויזן אַלץ. אַלץ איז געווען גלענצנד, פיין, ביידע פרויען האָבן זיך געהאַלטן זייער קולטורעל, אינטעליגענט. און זיי האָבן מיר געמאָלדן: איך ווער איינגעלאַדן פאַר אַ לערער אין דער שול. דאָס איז געווען אַ גרויסער טריאומף, אַ סך לערער האָבן מיר מקנא געווען. איך בין געקומען צוריק קיין אָדעס. אין גיכן האָבן די קורסן זיך געענדיקט, און איך בין געפאָרן אַהיים קיין כערסאָן. ווידער אַ מאָל האָב איך זיך גענומען פאַקן און געקומען קיין גאָלטע, איך בין דאָרט געווען לערער צוויי אָדער דריי לערניאָר, און דאָס איז ווידער אַ מאָל געווען אַ וויכטיקער און אַן אינטערעסאַנטער עטאַפּ אין מיין לעבן בכלל און אין מיין ווייטערדיקער פּעדאַגאָגישער אַרבעט בפרט.

אַ גרויסע שול אין אַן אייגענער גרויסער געביידע, ספּעציעל געבויט פאַר דער שול. אפשר די איינציקע גרויסע געביידע אין גאַנצן שטעטל. אַלץ ציכטיק, ריין, אין די גרעסטע בלאָטעס האָבן די קינדער קיין שטויבעלע, קיין קליין ביסעלע בלאָטע נישט אַריינגעטראָגן אין די קלאַסן. אַלץ האָט געשמעקט מיט אייראָפּעאישער קולטור. די צוויי פרויען, מרים ר. זאַלקינד און מרגליות, אַריסטאָקראַטיש־חסידישע טיפּן. אין שול האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דאָס דערציען די קינדער מיט מוזיק און געזאַנג, אויך האַנטאַרבעט, קינסטלערישע האַנטאַרבעט. אַלץ איז געווען אויף אַ הויכער קולטור־מדרגה. דער אידעאַל איז געווען: אַרויפשלעפּן די קינדער צו אַ העכערער קולטור בכלל. אין אַלגעמיין איז די שול געווען באַקאַנט ווי אַ העברעאיסטישע שול. עס איז געווען אַזאַ מין נייער מאָדערנער טיפּ פון אַ פאָלקסשול, אָבער סוף־כל־סוף איז דאָס געווען אַן איזאָלירטער אינדזל פון קולטור אין דעם שטעטל מיט זיינע בלאָטעס. קיין שום קאָנטאַקטן מיט דער באַפעלקערונג, קיין שום עפנטלעך לעבן. צו די אַלע אויסגערעכנטע מעלות האָבן זיך אויך אויסגעטיילט די

חסרונות פון דער שול. ערשטנס, עס איז געווען אַן אַנגע־צויגענער סטיל אין שול פון העברעאיסטיש־ציוניסטישן כאַראַקטער; די לערער פון די פאַריקע יאָרן — די שול האָט עקסיסטירט שוין זעקס יאָר — האָבן דאָס געשאַפן אַט דעם סטיל, אַט דעם כאַראַקטער פון דער שול. געווען אַ סך שעהען פון העברעאיש און תנך. עטלעכע פון די געוועזענע לערערס דאָ אין דער שול האָבן שפּעטער מיט יאָרן פאַרנומען אין ארץ־ישראל און אַפילו אין מדינת ישראל, הויכע פּאָסטנס. דעם הויפּט־טאָן לגבי דעם העברעאיזם האָט געגעבן דער „מורה״, דער לערער פון העברעאיש. נישט קיין יונגער מענטש, אַריבערגעקומען פון ארץ־ישראל, ער פירט די זאַך מיט ברען, מיט ענטוזיאַזם. פאַרשטייט זיך, ער רעדט נאָר העברעאיש, מיט אַלעמען און מיט די קינדער. ער רעדט און לערנט מיט דער הברה הספרדית. ער פאָדערט פון די מיידלעך און ער באַמיט זיך זיי זאָלן פאַרשטיין און זיי זאָלן פּראַקטיצירן דעם אונטערשייד פון אַרויסרעדן אַ ח ביז כ, אַ ט ביז אַ ת אאַז״וו, און קיינער האָט אים נישט געשטערט, אַלע האָבן דאָס אָנגענומען פאַר ליב, ער איז אַפילו געווען אין אַ געוויסער מאָס דער ליבלינג פון די קינדער און פון דער פאַרוואַלטונג. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער זיך קאָמפּראָמיטירט אין שול, און ס׳איז אויסגעבראָכן מיט אים זייער אַ שווערער סקאַנדאַל. גאַלאָמבן און מיר האָט מען איבערגעגעבן אויספאָרשן די זאַך און אַנטשיידן...

די חברה מפיצי השכלה האָט אויף דער שול אַ גרויסן איינפלוס, זי גיט גרויסע סובסידיעס פאַר דער שול. אַ פאָלקיסטישע שול אויף רוסיש, אָבער העברעאיש האָט געהערשט. אַ קליינע כאַראַקטעריסטיק צו דער דאָזיקער אַטמאָספערע: מיר האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט אין דער שול, און געבעטן די פּראָטאָקאָלן פון דעם פּעדאַגאָגישן ראַט, מיר זאָלן זיך אויף אַזאַ אופן באַקענען מערער. האָט מען אונדז געגעבן דעם פּראָטאָקאָל־בוך; און צו אונדזער איבעראַשונג האָבן מיר איבערגעלייענט איין פּראָטאָקאָל, וואָס איז געווען געזאָגט קלאָר און דייטלעך: אויסהענגען אַ פּלאַ־

קאַט אין קאָרידאָר פון שול, און עס זאָל זיין געזאָגט, אַז עס איז פאַרבאָטן די קינדער צו רעדן יידיש אין די קאָרידאָרן אין די צייטן פון די פּאַוזעס. מיר האָבן שוין דעם פּלאַקאַט נישט געטראָפן...

די אַטמאָספערע אַרום דער שול איז געווען אַן אַנגעבלאָזענע. מיר האָבן קיין מאָל נישט געזען קיין טאַטע־מאַמע, קיין עלטערן. קיינער האָט נישט געוואוסט און איך האָב וועגן דעם נישט גערעדט, אַז איך בין אַ בונדיסט, אַ יידישיסט.

איך און גאָלאָמב זיינען אָנגעקומען אין דער שול אין זעלבן יאָר. אַ. גאָלאָמב איז געקומען אַהער אַ יונגער לערער, מיט גרויס באַגייסטערונג פון די גראָדנער קורסן פון אָפּע. ער האָט געלערנט נאַטורוויסנשאַפט, אויך העברעאיש. אַ שטיק צייט האָב איך נישט געקאָנט דערגיין, פאַרשטיין, צי איז ער טאַקע אַ העברעאיסט לויט זיין איבערצייגונג, אָדער ניין. צו ביסלעך האָבן מיר זיך נענטער באַקענט, האָב איך געזען, אַז ער ענדערט זיך, ער ווערט געשטימט יידישיסטיש. לויט אונדזער פאָרשלאָג ווערט טאַקע איינגעפירט אין שול אַ ביסל שעהען פאַר יידיש־פּראָגראַם. דאָס איז אָבער געווען לויט דער דאַמאָלסטיקער איינשטעלונג פון דער חברה מפיצי השכלה, וועלכע האָט אויך אָנגעהויבן אַלץ מערער דערנענטערן זיך צו יידיש, און האָט אָנגעהויבן ווירקן, אַז מ'זאָל איינפירן יידיש אַלס לימוד אין די פאָלקסשולן, וועלכע אָפּע סובסידירט. איך האָב געהאַט לעקציעס פון יידיש, און דאַכט זיך גאָלאָמב אויכעט. איך האָב דערזען פאַר זיך גאָר אַנדערע קינדער. קינדער מיט אַ זאַפטיקן יידיש, אַ מחיהדיקע יידישע שפּראַך, די שפּראַך פון אָט די דריי שטעטלעך פון שלום־עליכמען. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן פאַר מיר קאָמפּאָזיציעס און איך האָב פון זיי געפאָדערט אַלץ מערער, און זיי האָבן געשריבן וואונדערלעכע פאָלקס־מעשיות. אין איינעם פון די נומערן פון „וויעסטניק פּראָסוועשטשעניאַ", האָב איך געשריבן אויף דער טעמע „די קינדער און יידיש". די גאַלטער שול אין אַלגעמיין איז געווען פון אַ העכערן טיפּ. די פאַרוואַלטונג פון דער שול, די דירעקטאָרן, האָבן געהאַט אַן אַמביציע צו הייבן

די אַלגעמיינע פּראָגראַם פון דער שול, העכער פון די אַפּי־ציעלע פאָדערונגען פון אַ פאָלקסשול. דאָס האָט, אגב, געמוזט אַנגיין געהיים פאַר דעם שול־אינספּעקטאָר, וועלכער איז געקומען פון צייט צו צייט רעווידירן, אינספּעקטירן. די שול האָט געאַרבעט, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ טאָפּלטער פּראָגראַם: אַ פּראָגראַם פאַרן אינספּעקטאָר, אַ פּראָגראַם פאַר זיך. און צו כאַראַקטעריזירן יענע אַמאָליקע יאָרן, אָט דער זעלבער „מורה״ האָט נישט געהאַט קיין שום דיפּלאָם אַלס לערער, מ׳האָט אים גאָר נישט געקאָנט באַשטעטיקן ביי דעם אינ־ספּעקטאָר. און דעריבער האָבן די קינדער געוואוסט און אַלע האָבן געוואוסט, טאָמער חלילה קומט דער אינספּעקטאָר, דאַרף ער פאַרשווינדן. און עס זיינען געווען פאַלן ווי ער איז אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פענצטער, ווען דער אינספּעקטאָר איז געקומען. אָט אַזוי האָט געאַרבעט אַ יידישע שול אין יענע יאָרן.

איך האָב געמוזט זייער אַ סך גרייטן זיך, דערגאַנצן מיינע ידיעות, כדי איך זאָל קאָנען גיין אין גלייכן וועג מיט דער פאָ־דערונג פון דער פאַרוואַלטונג. כ׳האָב אַ סך געאַרבעט. כ׳האָב געפילט עפּעס אַ פאַרהאַנג צווישן מיר און די לערערס, צווישן מיר און די עלטערע קינדער. מ׳דערוואַרט פון מיר מער, מער ווי איך קאָן געבן. ד״ר י. קלויזנער האָט דעמאָלסט געוואוינט אין אָדעס, האָט אים די שול איינגעלאַדן און ער האָט געהאַט אַ רעפעראַט, פאַרשטייט זיך, אויף רוסיש. איך דערמאָן זיך נישט, צי דאָס איז געווען אַן עפנטלעכער רעפעראַט און ס׳איז געקומען אַ זייטיקער עולם אויך, צי נאָר פאַר די לערערס און די עלטערע תלמידות. אויך איך האָב געהאַט מיט דער צייט אַ רעפעראַט וועגן שלום־עליכמען, ווידער אַ מאָל, פאַרשטייט זיך, אויף רוסיש...

פערזענלעך האָב איך זיך געפילט איזאָלירט, מיט גאַ־לאָמבן די ערשטע צייט זיינען די באַציאונגען געווען קאַלט, פרעמדלעך. שפּעטער ערשט האָט זיך איינגעשטעלט אַ פער־זענלעכע פריינדשאַפט, אָבער נישט קיין אידעאיש־געזעל־שאַפטלעכע. געווען אויך אַ צווייטער מענטש, מיט וועלכן איך

האָב יאָ געקאָנט רעדן, דיסקוטירן, — דאָס איז געווען דער שפּעטער באַרימטער און טראַגיש־אומגעקומענער שרייבער, דער נסתר, פּיניע קאַגאַנאָוויטש. זיין פרוי האָט געאַרבעט אין ערשטן און צווייטן קלאַס, און געווען אַ גוטע לערערין, רחל. זיי האָבן טאַקע געוואוינט אין שכנות מיט אונדז, געהאַט אַ קליינע דירה, פּונקט ווי מיר האָבן געהאַט. נסתר האָט שוין דעמאָלסט געהאַט אַ נאָמען אין דער עפנטלעכקייט אַלס שרייבער. מיר פלעגן שפּאַצירן זייער אַ סך צוזאַמען און מיר האָבן גערעדט, דיסקוטירט. ער איז געווען פּועלי־ציוניסטיש, און ער האָט זיך צו ביסלעך אָריענטירט, אָדער איך האָב אים אָריענטירט ווער איך בין לויט מיינע איבערצייגונגען. דאָס זיינען געווען אייגנטלעך די צוויי מענטשן פון אַן אינטימען קרייז. מער האָב איך קיינעם נישט געהאַט אין שטעטל. די פאַרוואַלטונג, וועלכע איז אויסערלעך געווען זייער טאַקטיש און קולטורעל, איז סוף־כל־סוף געווען פאַר מיר אַ פרעמדער עלעמענט. אין דעצעמבער 1912 הייבט אָן אַרויסגיין אין פּעטערבורג די לעגאַלע בונדישע צייטונג „די צייט“, אַ וואָ־כנצייטונג. זי האָט עקסיסטירט ביז פעברואַר 1914. דאָס איז געווען מיין גאַנצע גייסטיקע שפּייז. איך האָב געזען אין דער „צייט“, אין וואָס פאַר אַ מצב דער „בונד“ געפינט זיך, פּאַק־טיש איז די איין און איינציקע גרויסע שטאָט מיט אַ געוויסער בונדישער באַוועגונג געווען וואַרשע. עס איז געווען די צייט פון די גאָסודאַרסטווענאַ דומעס. אין דער צווייטער דומע האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע געשפּילט אַ גרויסע ראָל. וואַרשע האָט אויסגעקליבן אַ דעפּוטאַט אַ סאָציאַ־ליסט, אַ מיטגליד פון פּ.פּ.ס. דער בונד האָט פאַר אים גע־אַרבעט און יידישע אַרבעטער האָבן אָפּגעגעבן פאַר אים אַ סך שטימען. אינעם קליינעם שטעטל האָב איך כמעט ווי נישט געזען די גרויסע רוסישע ליבעראַלע פּרעסע. און אַפילו דעם „פריינד“ אויך כמעט ווי נישט געזען. איך האָב געלעבט אין אַ פּאָליטישן וואַקואום. אַ ביסל פלעג איך אויפלעבן ווען איך פלעג זיך מיט מיין משפחה אַראָפּכאַפּן קיין כערסאָן אויף אַ לענגערער זומער־וואַקאַציע. דאָ האָב איך זיך אָנגע־

לייענט אין דער שטאָטישער גרויסער ביבליאָטעק, אַלע גרויסע רוסישע זשורנאַלן און אויך פרישע ביכער.

דאָ, אין כערסאָן, איז אויך געווען מיין אַלטער חבר שלמהקע באַנדאַרטשוק — נישט קיין בונדיסט אָבער אַ פּאָליטיש-באַוואוסטזיניקער, אַ הונדערט-פּראָצענטיקער יידישיסט. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַרבראַכט אַ סך צוזאַמען. און פון אונדזערע שמועסן איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן: לאָמיר שאַפן אַ סעריע קליינע בראָשורן, קליינע ביכלעך אונטערן נאָמען „בריוו צו יידישע עלטערן", וועגן דעם חדר, וועגן דערציאונג, וועגן יידיש און וועגן דער נייטיקייט פון אַ שול אין דער מוטער-שפּראַך פון קינד אאַז"וו. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט און איך האָב אָנגעשריבן די ערשטע בראָשור, דעם ערשטן נומער פון אָט דער געפּלאַנטער „ביבליאָטעק". שלמהקען איז מיין אַרבעט געפעלן געוואָרן. מיר האָבן אויסגעגלייכט, אויסגערעדאַגירט, און באַשלאָסן זי אָפּצודרוקן. אין כערסאָן איז נישט געווען קיין יידישע דרוקעריי. האָט מען געמוזט דאָס איינאָרדענען אין אָדעס, און טאַקע אין דער דרוקעריי פון ביאַליק-ראַווניצקי. קיין גרויסער גביר איז מיין חבר שלמהקע נישט געווען, אָבער ער האָט צונויפגעקלאַפּט די פּאָר רובל וויפל ס'האָט געדאַרפט קאָסטן און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס מיט מיין כתב-יד און איבערגעגעבן אין דער דרוקעריי. אַלץ איז געווען בשלום. אָבער אַ צייט שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען צוריק קיין גאַלטע נאָך דער וואַקאַציע, האָט שלמהקע מיר געשריבן: ס'איז געשען אַן אומגליק מיט אונדזער בראָשור. דער יידישער צענזאָר האָט די בראָשור קאָנפיסקירט, און אַזוי, נישט איך און ער האָבן נישט געזען קיין איין קאָפּיע פון דער דאָזיקער בראָשור. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן שוין נישט געטראַכט וועגן פאָרזעצן די אויסגאַבע, און דער גאַנצער געדאַנק איז ליקווידירט געוואָרן.

ערשט אין מער ווי 50 יאָר אַרום, דאָ אין ניו-יאָרק, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז אין דער ביבליאָטעק פונעם ליובאַוויטשער רבין, בראש מיט ר' חיים ליבערמאַן, וועלכער איז

דער אָנפירער פון דער ביבליאָטעק, געפינט זיך אַן עקזעמפּלאַר פון מיין בראַשור, און איך האָב געבעטן ר׳ חיים ליבערמאַן ער זאָל מאַכן פאַר מיר אַ קאָפּיע און איך האָב לעבעדיקער־הייט דערזען די גאַנצע בראָשור. מיר ביידע, איך און שלמהקע, זיינען געווען געגוג פּאַרזיכטיק, און מיין נאָמען איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן אַלס מחבר פון דער בראָשור. אויף דעם שערבלאַט איז אָנגעשריבן „בריוו צו יידישע עלטערן, אַרויס־געגעבן דורך שלמה באַנדאַרטשוק כערסאָן״. די דאָזיקע קאָפּיע האָב איך איבערגעגעבן דעם ייווא.

געקומען צוריק אין גאַלטע, גלייך זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. אינצווישן בין איך ווידער אַ מאָל געווען אויף די זומער־קורסן פון „אָפּע״ אין אָדעס, און דאָרטן האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ סך לערער יידישיסטן, אַזוי צו זאָגן אַ יידישיסטישע פּראַקציע אויף די קורסן. איך האָב שטאַרק מקנא געווען אַט אַ די דאָזיקע לערער פון די גרויסע שטעט מיט גרויסע אַמביציעס און וואַגעגישן. געקומען צוריק אין גאַלטע, און זיך נאָך מער ווי פריער געפילט איזאָלירט. און דאָ געשעעט מיט מיר אַ נייע צרה. ווי באַקאַנט האָט יעדער לערער אין צאַרישן רוסלאַנד נישט נאָר געדאַרפט האָבן אַ דיפּלאָם, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט יעדן יאָר, צום נייעם לערניאָר, באַשטעטיקט ווערן פון דאָס ניי אין דעם דאָזיקן פּאָסטן. און אָט באַקום איך אַ מעלדונג: מען באַשטעטיקט מיך נישט אויף ווייטער אויפן לערערפּאָסטן אין דער פאָלקשול אין גאָלטע. פרוי מרגליות איז געפאָרן צום אינספּעקטאָר און נישט געקאָנט פון אים אַרויסבאַקומען וואָס איז די סיבה. איך אַליין האָב אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען נעמט זיך עס? מיט יאָרן צוריק איז ביי מיר אין כערסאָן פאָרגעקומען אַן „אָביסק״. זשאַנדאַרמען זיינען געקומען און מ׳האָט געזוכט ביי מיר, געגישטערט, די שיך אַפילו געהייסן אויסטאָן. צום גליק האָט מען גאָרנישט געפונען. מ׳האָט נאָר צוגענומען ביי מיר עטלעכע מיינע מאַנוסקריפּטן. און אפשר איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט דעם אינצידענט אין ניקאָ־לאַיעוו, וועגן וועלכן איך האָב דערציילט ווען דער גראַדאָ־

נאַטשאַלניק האָט מיך משלח געווען פון ניקאָלאַיעוו. און אפשר, האָב איך געטראַכט, איז געווען נאָך אַ פלעק אויף מיר, דאָס וואָס איך האָב באַקומען אַלס אַן אַבאָנענט די פּעטערבורגער בונדישע „צייט". ווי ס'זאָל נישט זיין, איך האָב זיך געוואָרפן קיין אָדעס, דאָרטן איז געווען אַן אָפּטיילונג פון אָפּע, און בראש איז געשטאַנען דער באַרימטער אינדוסטריאַליסט־פינאַנציסט, עפים וויינשטיין. מיין גוטער פריינד, י. קאַנטאָר, וועמען כ'האָב שוין דערמאָנט, איז געווען אַן אינסטרוקטאָר פון אָפּע, האָבן אַלע אָנגעהויבן אַרבעטן ביי דער אָרטיקער און ביי דער צענטראַלער שול־מאַכט פון דער גאַנצער גובערניע, אָפּצושרייען די גזירה, — מסתמא געאַרבעט אויך מיט געלט. און נאָך גרויסע שוועריקייטן און מאַטערנישן, וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן, האָב איך סוף־כל־סוף באַקומען די דערלויבעניש צוריק צו גיין צו דער אַרבעט אין גאַלטע.

אויך פּעדאַגאָגיש בין איך געווען נישט באַפרידיקט: וואָס וועל איך זיין, אַ גוטער בעל־מלאכה? אין שווייצאַריע און אין דייטשלאַנד האָבן געבלאָזן נייע ווינטן, נייע אידעען, אַ סך פון די פרישע דייטשישע ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש. אָבער איך האָב דאָס אַלץ נישט געזען. איך האָב געפילט, אַז ס'איז אַ ווידעראַנאַנד צווישן מיר מיט אָט דער דאָזיקער פּעדאַגאָגיק. איך האָב אויך געפילט, אַז ס'פעלט מיר סיסטעמאַטישע בילדונג. ערגעץ האָבן זיך געשאַפן שולן אין דער יידישער שפּראַך, ס'איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ שול אויף יידיש, — און איך דאַרף דאָ אַרבעטן קאָנספּיראַטיוו. איך בין צוגעפאָרן קיין קיעוו, און איך בין געווען דאָרט צו גאַסט אין דער יידישער שול, וואָס מ'האָט דאָרטן געפירט אין גאַנצן אויף יידיש, אין דער באַרימטער דעמיעווקער שול. איך האָב זייער מקנא געווען זייערע לערערס. נישטאָ פאַר מיר קיין מעגלעכקייט אָנצואווענדן מיין יידישיזם, מיין פּעדאַגאָגישן אידעאַל. עס האָט זיך געשאַפן ביי מיר אַן אידעאַישער, אַזוי צו זאָגן, קריזיס. כ'האָב געפילט, כ'דאַרף זיך פאַרפולקאָמען אין קינדער־

פּסיכאָלאָגיע, אין טעאָריע און פּעדאַגאָגיק. הייב איך אָן פירן קאָרעספּאָנדענץ מיט דער פּעטערבורגער חברה מפיצי השכלה, וועלכע האָבן מיך שוין געקענט גוט אַלס מיטאַרבעטער אין דעם „וויעסטניק", און איך בעט זיך ביי זיי, זיי זאָלן מיר העלפן קומען לערנען אין שווייץ אָדער אין דייטשלאַנד אויף אַ יאָר, צוויי. די זאַך האָלט ביים פאַרווירקלעכט ווערן. פאַר־ענדיקט דעם לערניאָר, קום איך ווידער אַ מאָל אויף זומער אַהיים, און דאָס איז שוין 1914. איך לעב מיט דער האָפענונג, אַז אָט־אָט וועט פאַרווירקלעכט ווערן מיין טרוים, אָבער פּלוצלונג קומט אין מיין לעבן אַ נייע שרעקלעכע קאַטאַ־סטראָפע. אונדזער איינציק טעכטערל, אַ פּעאיק, שיין קינד, שרהלע, ווערט אין משך פון אַ פּאָר טעג פאַרברענט פון דער געפערלעכער קראַנקייט, דיפטעריט. קוים באַוויזן מיר קומען צו זיך, איך און מיין פרוי, און עס ברעכט אויס אַ נייע קאַ־טאַסטראָפע, נישט מיינס פּערזענלעך, נאָר אַ וועלט־קאַטאַ־סטראָפע, די ערשטע וועלט־מלחמה (1914—1918). דאָס מאַכט אַן ענד צו מיין טרוים וועגן פאָרן קיין אויסלאַנד, און עס נעמט אַ שטיק צייט ביז וואַנען איך און מיין פרוי ברעכן עס איבער, מיר באַהערשן זיך, און מיר נעמען זיך איינשטעלן אונדזער לעבן אויף נייע וועגן.

איך שרייב אָט די שורות 60 יאָר נאָך אונדזער גרויזאַמער איבערלעבונג. דער ווייטיק האָט אין מיר געלעבט די אַלע 60 יאָר און ווי לאַנג איך וועל נאָך לעבן, וועל איך ווייטער טראָגן אין זיך דעם ווייטיק פון אונדזער גרויסן אומגליק. איך שרייב די שורות ווען כ'בין שוין אין די נייינציקער יאָרן, איך שרייב עס צען יאָר נאָכן טויט פון מיין פרוי סאַפירע, דאָ אין ניו־יאָרק. פאַר די צען יאָר האָט זיך מיין טרויער־מאַטערניש צוליבן טויט פונעם קינד נאָך מער פאַרשטאַרקט.

שרעקלעך איז דער טויט פון אַ קינד, טראַגיש איז דער טויט פון אַן איינציק קינד פאַר טאַטע־מאַמע. אַ פּאָר מאָמענטן פון שרהלעס טויט, פון אירע לעצטע שעהען פאַרפאָלגן מיך

וואו איך שטיי און גיי. אירע לעצטע דריי ווערטער — „רופט אריין דעם דאָקטאָר" — אויפן קראַנקן־בעט אין שפּיטאָל, קלינגען אין מיינע אויערן אָן אויפהער. איך פיל אויף מיינע הענט איר קערפּערל, וואָס איך טראָג אים נאָך דער אָפּעראַציע אין דער פּאַלאַטע פון שפּיטאָל. אַ טאַטע טראָגט צו דער עקידה זיין אייגן קינד, זיין בלוט און פלייש...

איך בין אַ פּאַרוואַלטער פון אַ יידיש־שול פאַר קינדער פון די פליטים

אויגוסט 1914, עטלעכע וואָכן פאַרן אָנהייב פון קריג האָט די גאָסודאַרסטווענע דומע, דווקא די רעאַק־ציאָנערע, אָנגענומען אַ ליבעראַלן געזעץ, פון ערשטן יולי 1914, וועגן דעם, אַז אין שולן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זאָל מען איינפירן דעם לימוד, אָדער די לימודים, אויף דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש פאַרן ווייטער־דיקן יידישן לעבן. מלחמה. דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט פון יידישע בעזשענצעס, פליטים פון פּוילן, פון ליטע. אויף אַ לאַנד־באַראַטונג פון דער חברה מפיצי השכלה, נאָך לאַנגע דעבאַטן, ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן שולן פאַר היימלאָזע קינדער. און דער ערשטער פּונקט פון דער רעזאָ־לוציע זאָגט אַזוי: חוץ רוסישע שפּראַך, רוסישע געשיכטע און געאָגראַפיע פון רוסלאַנד, וואָס לויטן געזעץ פון ערשטן יולי 1914 דאַרף מען דאָס לערנען אויף רוסיש, ווערן אַלע לימודים געלערנט אויף יידיש. די רעזאָלוציע רעדט בפירוש: אַלע לימודים אין די שולן **פאַר קינדער פון די פליטים**. די אָנ־גענומענע רעזאָלוציע האָט געזאָלט זיין אַ באַוואָרעניש, אַז מ'זאָל חלילה נישט וואָגן איינפירן די יידישיסטישע שול־

סיסטעם, די נייע לערנסיסטעם אין די עקסיסטירנדיקע נאָרמאַלע שולן פאַר יידישע קינדער בכלל.

די לערערשאַפט און די דעמאָקראַטישע שולטוערס האָבן געשטעלט די חברה מפיצי השכלה פאַר אַ פאַקט: אַלע שולן פאַר די קינדער פון די פליטים האָט מען שוין געפירט אויף יידיש. אַזעלכע שולן אין דער מוטער־שפּראַך פון יידישן קינד האָבן שוין עקסיסטירט אין אַ פופצן שטעט פון צענטראַל־רוסלאַנד, וואָס איז געווען פול מיט פליטים. די חברה מפיצי השכלה האָט די דאָזיקע שולן סובסידירט, אָדער אויסגעהאַלטן אין גאַנצן. די יידישיסטישע לערערשאַפט האָט שוין אויסגעאַרבעט די פּראָגראַם פאַר די שולן, צו ביסלעך געשאַפן לערנביכער אאַז״וו.

איינע אַזאַ שול פאַר די קינדער פון היימלאָזע האָב איך אין 1915 איבערגענומען אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דער חברה מפיצי השכלה און אירע באַפולמעכטיקטע — אין דער שטאָט מאַריופאָל. איך בין געווען דער פאַרוואַלטער און דער הויפּטלערער. עס איז געווען אַ הונדערט קינדער און מ׳האָט צוגעפּאַסט אַ לאָקאַל פאַר דער שול. די קינדער האָבן באַקומען מאַלצייטן. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלער דאַמען־קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָרגט, אַז די קינדער זאָלן האָבן די געהעריקע קליידונג, שוכוואַרג. אויך מיין פרוי האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט פאַר די היימלאָזע דער־וואַקסענע. דער מאָסקווער קאָמיטעט פון אָזע האָט איר גע־שיקט קיין טאַמבאָוו, און דאָ האָט זי געאַרבעט ווי אַ פעלד־שערין און ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. מיין אַרבעט אין דער מאַריופאָלער שול, סיי פּעדאַגאָגיש־דערציעריש, סיי געזעל־שאַפטלעך, איז געווען זייער אַ שווערע: עס איז דאָך נישט געווען קיין נאָרמאַלע פאָלקשול. אָבער די שטימונג אין דער שול איז געווען אַ גוטע, מונטערע.

אַ בעקער-אַרבעטער פון סוכאַרעס
פאַר דער אַרמיי

מלחמה-צייט. מ׳האָט געקאַנט דערוואַרטן, אַ ליאַדע טאָג קאָן מען דיך רופן אין דער אַרמיי. אין פּעטערבורג האָבן יידישע כלל-טוער און די חברה מפיצי השכלה זיך שטאַרק באַמיט, אַז מ׳זאָל די לערערס פון די שולן פאַר היימלאָזע קינדער, געליטענע פון דער מלחמה, באַפרייען פון מיליטער-דינסט. אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. די רעגירונג איז אויף דעם נישט מסכים געווען. מיין פאָטער רופט מיך אַהיים. האָב איך פאַרלאָזן די שול און געקומען צוריק קיין כערסאָן צוזאַמען מיט מיין פרוי. אין שטאָט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער שפּיטאָל פאַר די זעלנער פאַרוואונדעטע אויפן פראָנט. און סאַפירע איז געוואָרן אין דעם שפּיטאָל אַ הויפּט-קראַנקן-שוועסטער. זעענדיק די אומגליקלעכע רוסישע זעלנער, אָפט יונגע פויערישע קינדער, האָט זי אַ ביסל פאַרגעסן אין אירע אייגענע צרות.

פאַר מיר איז געווען איין אויסוועג: אַריינבאַקומען זיך אין אַ פאַבריק, וואָס אַרבעט פאַר דער אַרמיי. מ׳האָט שטאַרק געיאָגט מ׳זאָל צושטעלן וואָס שנעלער און וואָס מערער סוכאַרעס פאַר דער אַרמיי. איך האָב שווער געאַרבעט הגם דער עצם-„פאַך״ גופא איז געווען אַ לייכטער. כ׳האָב זיך געפילט ווי אַן אמתער פּראָלעטאַריער. מיינע מיטאַרבעטער זיינען געווען יונגע שיקסעס און עלטערע פרויען קריסטלעכע, וואָס האָבן ביי זייער אַרבעט געהאַלטן אין איין זינגען. אַזוי איז אַריבער אַ יאָר און עטוואָס מערער.

רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע

(1917־18)

עס דערנענטערט זיך דאָס יאָר 1917. די פּאָליטישע לאַגע אין פּעטערבורג איז אַן אָנגעשטרענגטע. דער אויטאָריטעט פון דער רעגירונג און פון צאַר איז שטאַרק געפאַלן. אָבער קיינעם חלומט זיך נישט, אַז עס איז ערב־רעוואָלוציע און מלוכה־איבערקערעניש. איך האָב זיך פאַר דער צייט באַפריינדעט מיט אַ יונגן חבר, זיין נאָמען איז געווען שענדעראָוויטש. אַ פּאַרטיי־טוער, אַ מענשעוויק. אַ פרעמדער אין כערסאָן. ער האָט דאָ געלעבט אומלעגאַל, דאָס הייסט, ער האָט זיך נישט צוגעשטעלט צו דער מאָביליזאַציע. און אָט אונדז ביידן, מיר און דעם חבר שענדעראָוויטש, איז באַשערט געוואָרן צו ווערן אין גיכן די אָנפירער פון דעם אָרטיקן סאָוועט ראַבאָטשיך אי סאָלדאַטסקיך דעפּוטאַטאָוו, אין פעריאָד פון דער קערענסקי־רעוואָלוציע און שפּעטער.

דער פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע אין אונדזער שטאָט האָט זיך געענדיקט זייער טרויעריק. די דייטשע אַרמיי, אָדער ריכטיקער, די עסטרייכישע, האָט אָקופּירט גאַנץ אוקראַינע, לויט אַן אָפּמאַך מיט דער „צענטראַלער ראַדע פון אוקראַינע". אויך קיין כערסאָן איז געקומען אַ גרויסע אָפּטיילונג פון דער עסטרייכישער אַרמיי צו אָקופּירן, איבערנעמען די שטאָט. אַזוי ווי אָבער אין שטאָט איז געווען אַ סך געוועזענע זעלנער, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן אין אומקערן פון דער מלחמה צוריק, האָבן זיי קעגן אונדזער ווילן, קעגן דעם ווילן פון די פירער פון סאָוועט, און קעגן דעם ווילן פון דער שטאָט־דומע, דורכגעפירט אַן אויפשטאַנד פון די פראָנטאָוויקעס קעגן די עסטרייכער. דאָס האָט געדויערט קאַרגע צוויי וואָכן, פאַרשטייט זיך געקאָסט אַ סך קרבנות. אַן ענלעכער אויפשטאַנד

איז אויך געווען אין אונדזער שכנהשער שטאָט ניקאָלאַיעוו. אַט דעם פּעריאָד 1917—18 האָב איך באַשריבן אין מיין בוך „אין די טעג פון רעוואָלוציע אין איינער אַ שטאָט" (וואַרשע 1928, פאַרלאַג פון ח. בזשאָזע).

אַזוי ווי מיין בוך איז אַרויס אין 1928, ד"ה אין יענע יאָרן ווען סטאַלין און די געפּעאו האָבן געבושעוועט אין לאַנד אָן רחמנות, און איך האָב געהאַט מיין גאַנצע משפּחה אין כערסאָן און אַדעס, האָב איך אין מיין גאַנצער באַשריי־בונג פון דער רעוואָלוציע אין אונדזער שטאָט — פיגורירט נישט אונטער מיין נאָמען, נאָר אונטער בוכשטאַב ח׳ אַ. איך נעם אַרויס עטלעכע פראַגמענטן פון מיין בוך, — דער היינ־טיקער לייענער וועט קריגן אַ באַגריף וועגן פאַרלויף פון די רעוואָלוציע־געשעענישן אין אונדזער פּראָווינץ־שטאָט און אויך וועגן מיין ראָל אין דעם גרויסן קאָלעקטיוו — דעם „ראַט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן"; ווי אַזוי איך בין מגולגל געוואָרן פון לערער־וואַרשטאַט אין מאַריופּאָל, פון אַט דער לערער־ און פאַרוואַלטער־פּאָזיציע — צו אַ בעקער־אַרבעטער אין אַ סוכאַרעס־וואַרשטאַט, און פון דאָרט אין קאָכיקן רעוואָ־לוציע־וואַרשטאַט; ווי אַזוי איך האָב זיך געדאַרפט אַן עצה געבן מיט די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּאָליטישע, געזעל־שאַפטלעכע, פינאַנציעלע פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן פון סאָוויעט.

און אַט זיינען אַ פּאָר פראַגמענטן פון מיין בוך, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיין ווייניקייט און וואָס שילדערן ווי אַזוי אונדזער גאַרניזאָן פאַרברידערט זיך מיט די אַרבעטער און מיטן ראַט.

עס איז דער הויכפּונקט פון דער איבערקערעניש אין די ערשטע געציילטע טעג פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע. אַ פּאָר אָפיצירן פירן דורך די איבערקערעניש אינעם אַר־טיקן גאַרניזאָן, זיי ברענגען דאָס צאָלרייכע מיליטער דאָ אַהער צו דער געביידע פון דער שטאָט־דומע און מאַני־פעסטירן די פאַרברידערשאַפט.

...און ווען דער קאָפּ פון זעלנער־צוג האָט זיך אָנ־
געהויבן צו דערנענטערן צו דער געביידע פון שטאָט־ראָט און
עס האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון דער מיליטערישער
מוזיק, האָבן זיך נעבעך די בורזשואַזע פּרעזידיום־לייט פון
„געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט" געמוזט מטריח זיין אַרויס אויף
דער גאַס, זיך אַוועקגעשטעלט אין די אָפיציעלע קליידער, מיט
די שטאָטישע אַמט־קייטן אויף די העלדזער, אויף אַ גרויסן
טיש — און באַגריסט די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי... אַרום
איז געשטאַנען אַ ים מיט מענטשן, אַלע באַלקאָנען און ביימער
זיינען געווען שוואַרץ און באַשאָטן מיט צושויער, וועלכע
האָבן אָן אַ סוף געשריען „הוראַ" און „זאָל לעבן די רעוואָלו־
ציאָנערע אַרמיי".

אויף דעם זעלבן טיש זיינען געשטאַנען די פאַרשטייער
פון אַרבעטער־ראָט. יונגע, אָרעם אָנגעטאָן, מוטיקע און אויפ־
געשרויפטע, און אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז פון איצט אָן
ווערט דער בעל־הבית פון שטאָט דער ראָט פון אַרבעטער־
און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, אַז די טעג פון א"ג „געזעלשאַפט־
לעכן קאָמיטעט" האָבן זיך שוין פאַרענדיקט. די געלאַסענע
מיושבדיקע אינטעליגענטן און בורזשואַזע בעלי בתים פונעם
„געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט" האָבן אין דעם מאָמענט באַקו־
מען אַן אָנשוילעכע לעקציע וועגן דעם, אַז יאָ — אין רוסלאַנד
איז געשען אַ רעוואָלוציע, און די מאַכט געפינט זיך אין
די הענט פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק.

אונדזערע צוויי חברים זיינען אויך, פאַרשטייט זיך,
געווען ביי דעם טיש. ח' א. האָט אין לעצטן מאָמענט אויסגע־
פירט אַ באַזונדערע און אינטימע מיסיע. פאַר די פאַרלאָפענע
פאַר וואָכן האָט ער זיך נאָענט באַפריינדעט מיטן נייעם יונגן
קאָמאַנדיר יאַראָשטשוק, וועלכער האָט געהאַלטן דעם גאַנצן
אַפּאַראַט פון דעם גאַרניזאָן אין זיינע הענט. אויפן פּלאַץ, אין
ברען פונעם פּאַראַד, האָט זיך דער אַדיוטאַנט יאַראָשטשוק
דערמאָנט, אַז... נעכטן אין אָוונט האָט ער אין דער היים,
אין זיין פּריוואַטער וואוינונג, געלאָזן זיין יונגע פרוי, וועלכע
האָט געוואוסט, אַז ער איז אַוועק אויף אַ געפערלעכער רע־

וואָלוציאָנערער עובדה מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן... זי איז דאָ אין שטאָט אַ פרעמדע, עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג, און ער האָט איר נאָך גאָרנישט צו וויסן געגעבן. זי מוז דאָרט שטאַרק ליידן, מיינט — גאָט ווייסט וואָס. און דער נייער יונגער קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציע בעט זיין פרישן פריינט, ח׳ א., ער זאָל אים טאָן די טובה, צוגיין צו אים אַהיים, באַרואיקן זיין פרוי און ברענגען זי צום שטאָט־ראָט, צום אָרט פון דער באַגריסונג. אונדזער חבר א. האָט טאַקע געטראָפן די שיינע און אוממיטלבאַרע סלאַווישע פרוי אין אַ שרעקלעכן היסטערישן צושטאַנד, אין אמתע ליידן און קרעמפן... איר ערשט וואָרט איז געווען: סלאַוואַ באָגו... אונדזער חבר האָט געבראַכט צו פירן די פרוי פונעם העלדישן אַדיוטאַנט אַהער צו דעם גרינעם טיש, וואָס שטייט אויף דער גאַס לעבן דער טיר פון שטאָט־ראָט, און אָט שטייט זי און שיינט פאַר פרייד — צוקוקנדיק זיך, ווי איר מאַן אין זיין נייעם טשין, וואָס ער האָט באַקומען פון דער רעוואָלוציע, לאָזט דורך פאַרביי זיך דעם מאַרש־צוג פון דער באַנייטער אַרמיי...

וויפל מענטשן האָבן אין דעם דאָזיקן מאָמענט פאַרגאָסן ליכטיקע טרערן פון אויפריכטיקער שמחה, פון העכסטן גליק! ווייניקע פון די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט די גאַסן, האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָזיקער מאָמענט באַטייט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רע־וואָלוציע, — אַלע האָבן אָבער געפילט דעם הייליקן עקסטאַז פון דער דאָזיקער פייערלעכקייט...

וואונדערבאַר און ממש קינאָמאַטאָגראַפיש האָבן אויס־געזען די מעטאַמאָרפאָזעס פון די דאָזיקע טעג! נעכטן אַ קנעכטישע אַרמיי, וואָס האָט זיך געלאָזט פייניקן און באַגנ־בהנען פון אַ גרויסער כאַפּטע אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן; היינט — פולע ברידערשאַפט און גלייכהייט, גרענעצלאָזער צוטרוי און גלויבן. נעכטן — אַ תהום צווישן ייד און נישט־ייד, אַן אַטמאָספער אָנגעזאָפּט מיט שנאה און פאַראַכטונג צו יידן; היינט — פרייע פאַרבינדונג צווישן פרעמדע מענטשן

פון פאַרשידענע נאַציעס, אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן שטאַנדן און טשינען. ייד און קריסט, אַרבעטער און בורזשוא, זעלנער און בירגער — אַלץ האָט זיך פּאַראייניקט און צוזאַ־מענגעגאָסן אין די דאָזיקע ערשטע טעג פון דער בלוטלאָזער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, אויף אַלעם האָט גערוט איר שכינה...

פּאַטריאָטישע שטימונגען

א...ונדזערע צוויי אַלטע חברים געפינען זיך אויך אונטער דער זעלבער שטימונג און באַטראַכטן זיך איצט אויך אַלס „אָבאָראָנצעס", ד"ה פּאַר אָנהענגער פון דער סאָציאַ־ליסטישער ריכטונג, וואָס זאָגט, אַז די מלחמה דאַרף פּאַר־געזעצט ווערן, אַז דער נצחון פון דייטשלאַנד וואָלט איצט באַטייט אונטערגאַנג פון דער רעוואָלוציע, צוריק אויפשטעלן דעם צאַרישן רעזשים אאַז"וו. אַנדערש איז געוואָרן די פּסי־כאָלאָגיע פון אַלעמען אַרום. פריער פלעגט מען לייענען אין די דעפּעשן וועגן אַ מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי, האָט עס יעדן געפריים; איצט — טוט עס וויי, מען וואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף די ידיעות פון אונדזער פראָנט; מען איז צופרידן, ווען אויפן מערב־אייראָפּעאישן פראָנט באַקומט די אַנטאַנטע אַ נצחון, דריקט אויף די דייטשן. פריער זיינען די צילן פון דער מלחמה געווען אַ ווייטע אַבסטראַקציע, אַ קאַפּריז פון צאַר און זיינע אימפּעריאַליסטישע מקורבים. איצט — האָט דאָס געקראָגן אַ קאָנקרעטן אינהאַלט, אַ לעבעדיקן אינטערעס, געוואָרן באַפרייאונגס־מלחמה. אין סאָוויעט הערן זיך רופן און אויסגעשרייען: אויפן פראָנט! עס ווערן אָנגענו־מען באַשלוסן וועגן קאַמף מיט די דעזערטירן, וועלכע האָבן היינט בעת דער רעוואָלוציע קיין רעכט נישט צו פאַרבלייבן דעזערטירן, ווייל זיי פעלשן דערמיט אין זייער חוב לגבי דער רעוואָלוציע. פון דער טריבונע ווערן מיט גאַל און האַס אויסגעלאַכט און פאַראורטיילט יענע, וואָס קויפן זיך אויס פון

דער מלחמה, פֿאַרשטעלן זיך כלומרשט פֿאַר אַרבעטער, וואָס האָרעווען אויפֿן פֿראָנט. זיי ווערן געקרוינט מיט די נעמען פּהדנים, „היטער פֿון זייער הויט", פֿאַררעטער און פֿאַרקויפֿער פֿון פֿאָטערלאַנד.

אין מאָמענטן פֿון אַזעלכע רעדעס אין סאָוועט זיצן אונדזערע צוויי באַקאַנטע חברים אין פּרעזידיום און פֿילן זיך ווי אויף אַ באַשולדיקונגס-באַנק, זייערע פּנימער פֿלאַמען פֿון בושה און עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז דאָס רעדט מען פֿון זיי, אַז דאָס מיינט מען נאָר זיי... דער חבר א. האָט שוין לאַנג, פֿון יענעם באַרימטן זונטיק אָן, פֿאַרוואָרפֿן זיין סוכאַרעס־פֿאַבריק, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער מלחמה, און אָט איצט דוכט זיך אים, די גאַנצע שטאָט וויים פֿון זיין צביעות, אַלע פֿרייען זיך איבער זיין בזיון.

און ווי אין די אַמאָליקע צייטן גייען אַרום אונדזערע צוויי חברים אויף אַ לאַנגן שפּאַציר הינטער דער שטאָט — אָפּגעריסן זיך פֿון דער קאָכעדיקער אַרבעט, אַרויסגעריסן זיך פֿונעם הויז פֿון סאָוועט, וואו זיי האָבן איצט פֿאַרברענגט גאַנצע טעג און נעכט. שפּאַצירן זיך אַזוי אונדזערע חברים און פֿירן אַן אינטימען שמועס: „מען מוז מאַכן אַ סוף צו דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, מען טאָר נישט נאַרן די רעוואָלוציע און די חברים פֿון אויספֿיר־קאָמיטעט, מען מוז זיך מתוודה זיין — אַז מיר זיינען דעזערטירן און מען דאַרף גיין אין קאַזאַרמע..." — מען דאַרף פּשוט קומען צום פּולקאָווניק קאָנסטאַנטינאָוו און אים זאָגן: ברודער־לעבן, אַזוי און אַזוי, נעם אונדז פֿאַר זעלנער! — „ווי זשע, גאַרנישט מעלדן אַפֿילו דעם אויספֿיר־קאָמיטעט, אָן אַ זיי געזונט? אַזוי קליינמוטיק אַנטלויפֿן פֿון דער גרויסער אַרבעט? — און דעם סאָוועט לאָזן אַזוי? זיי וועלן זיך קאָנען באַגיין אָן אונדז? ס'וועט נישט אונטערגיין די אַרבעט? — „און סיי ווי, וואָס — דער פּולקאָווניק קאָנסטאַנטינאָוו וועט אונדז דען צונעמען פֿאַר פּשוטע זעלנער, געבן אַ ביקס אין האַנט און שיקן אויפֿן פֿראָנט? ער וועט דאָך אונדז באַלד מאַכן פֿאַר דעפּוטאַטן און שיקן אין דעם זעלבן ראָט אַלס זייערע פֿאָרשטייער! היינט

צו וואָס פּראַוועט די קאָמעדיע, זיך פאַרשטעלן פאַר בעלי־תשובה?״

אַזוי גייען אַרום אונדזערע חברים שעהען לאַנג און מ׳רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, און מען עסט זיך אַליין, געקרענקט פון פאַרצווייפלונג און בזיון, פון ספיקות — צי זיינען נישט אַ מאָל די אינטערנאַציאָנאַליסטן אין גאַנצן גערעכט, אַז מען דאַרף שליסן שלום, אַז מען דאַרף אויפהערן די נאַרישע מלחמה... און עס בלייבט ביי אונדזערע חברים: מען דאַרף פאַרטרויען די גאַנצע זאַך דעם קאַטאָרזשאַנין אַנאַסאָוון,* זאָל ער האַנדלען ווי ער פאַרשטייט, זאָל ער קומען אין איספּאָלקאָם, אַלץ דערציילן, און זאָלן זיי דאָרטן אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין.

אַנאַסאָוון איז גוט, ער ווייסט נישט פון די אַלע ספיקות: אַלע אַמנעסטירטע פּאָליטישע זיינען לויט אַ באַפעל פון פּעטערבורג באַפרייט געוואָרן פון צו גיין אויפן פראָנט. אַנאַרכיסטיש געשטימט, פאַרשטייט אַנאַסאָוו בכלל נישט די גאַנצע טראַגעדיע פון די צוויי יידלעך. (אַנאַסאָוו זאָגט אַז ער איז נישט קיין ייד... אַלע גלייבן, אַז ער איז אַ רוס — אַזוי ווירקט זיין אויסשפּראַך, זיין טורמע־קליידונג, זיין גאַנצער אויסזען. נאָר איין מאָל, זייענדיק ביי אים צו גאַסט אין זיין קאַנצעלאַריע אין טורמע, אינעם קאַבינעט פונעם געוועזענעם אַלמעכטיקן אויפזעער פון דער קאַטאָרגע — דעם באַרימטן דאַווידאָוו, — האָט חבר א. באַמערקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז אַנאַסאָוו איז גאָר אַ ייד... אַנאַסאָוו האָט אים באַוויזן די טעקע פון טורמע־אַרכיוו מיט זיין גאַנצער „דיעלע״. און אָט בלעטערנדיק די דאָזיקע טעקע, האָט ח׳ א. דערזען אַ יידיש בריוועלע צו אַנאַסאָוון פון זיין פאָטער, וואָס הויבט זיך אָן: „לבני היקר״ אאַז״וו. אויף דער פראַגע: ס׳טייטש? היתכן? — האָט אַנאַסאָוו שטאַרק געלאַכט און געהאַלטן אין איין טענהן: ס׳איז אַ מיספאַרשטענדעניש! ער איז קיין ייד נישט! גאָר אַ נייעס? עס איז געשריבן אויף

---

* די פּאָליטישע אַמנעסטיע האָט אים באַפרייט פון דער כערסאָנער קאַטאָרזשנער טורמע.

יידיש? עס איז נישט צו אים!). אַ דער אַנאַסאַוו האָט עס איצטער אויסגעהערט ערנסט דעם ווידוי פון אונדזערע צוויי חברים, און כאָטש ער איז בכלל קעגן דער מלחמה און פאַרשטייט נישט — צוליב וואָס דאַרף מען „אָט די גאַנצע געשיכטע", דאָך נעמט ער אויף זיך די מיסיע, ער וועט עס דורכפירן אין איספּאָלקאָם...

ווער ווייס ווי אַזוי אַנאַסאַוו האָט די פראַגע געשטעלט אין אויספיר־קאָמיטעט (אין דער אָפּוועזנהייט פון אונדזערע צוויי חברים), אָבער אויף מאָרגן האָט ער זיי פייערלעך געבראַכט פּאַפּירלעך מיט שטעמפּלען, אַז זיי זיינען באַפרייט פון צו שטעלן זיך צום מיליטער, אַז זיי „זיינען מאָביליזירט צו דער אַרבעט אין ראַט". און געזאָגט האָט ער דערביי: קיינער האָט גאָרנישט געטראַכט אויף זיי זיך צו באַליידיקן, אַלעמען זיינען געווען פאַרשטענדלעך די רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון פון זייער דעזערציע בעתן צאַריזם און זיי דאַרפן זיך אומקערן צו זייערע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ! נישטאָ וואָס איצט מורא צו האָבן פאַר די, וואָס כאַפּן אין די גאַסן דעזערטירן; נישטאָ וואָס צו שעמען זיך פאַר קיינעם, מ'איז מענטשן מיט אַלעמען גלייך, מ'קאָן שטיין אויף איין ברעט מיט יעדן אָפיציר, וואָס קלינגט אַזוי האָפערדיק מיט זיינע שפּאָרן, מ'דינט דעם פאָטערלאַנד און דער רעוואָלוציע באַגלייך מיט אים. און שפּעטער אַ ביסל, ווען מ'האָט אַרויסבאַגלייט עטלעכע היגע מיליטער־טיילן אויפן פראָנט — אונדזערע זעלנער, די רעוואָ־לוציאָנערע פאָלקס־קינדער, — אַרויסבאַגלייט מיט גרויס פּאַראַד, באַשיטנדיק זיי מיט בלומען, מיט מתנות און רעדעס, — האָבן שוין אונדזערע חברים אַפילו געהאַט דעם מוט צו האַלטן פאַר זיי אויפן וואָקזאַל אַ דרשה, רופנדיק זיי צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע אויפן פראָנט מיט דער זעלבער געטריישאַפט, ווי מיר דאָ „אין טיל".

און באמת — אין די ווערטער איז נישט געווען קיין פאַלשקייט. גרויס איז געווען די אַרבעט פונעם ראַט בכלל,

פון אונדזערע חברים בפרט. דער סאָוויעט איז געוואָרן די אַלזייטיקע מאַכט אין שטאָט. אויפגעהערט האָבן צו פונקציאָנירן די געריכטס־אַנשטאַלטן, דער שטאָט־ראַט — אַלץ איז געווען קאָנצענטרירט אינעם סאָוויעט. אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען אויך געווען דאָ. די באַפעלקערונג האָט געזען אין דעם הויז דעם סימבאָל פון גערעכטיקייט און אָרדענונג, פאָלקס־הערשאַפט און פאָלקס־ווילן. דער סאָוויעט האָט געמוזט שאַפן צענדליקער אָפּטיילונגען און „טישן", געמוזט האָבן די השגחה אי איבער דעם מיליטער און קריגס־אינדוסטריעלן קאָמיטעט, אי איבער דער שטאָטישער באַלעבאַטישקייט, מלוכהשע פאַרמעגנס און פּראָוויזיע־אַמט פאַר דער שטאָט, איבער די בענק און פינאַנץ־אַנשטאַלטן, איבערן גרויסן פּאָרט מיט זיינע האַנדלס־ און מלוכה־אינטערעסן. אומעטום האָט מען געמוזט שיקן פאַרשטייער און משגיחים. היינט וואו זיינען די צענדליקער מיטינגען, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן? אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונגען, באַריכטס־פאַרזאַמלונגען, וואַלן? אַלץ האָט געוואָלט און געמוזט אַרומכאַפּן דער סאָוויעט, אויף אַלץ אויסשפּרייטן זיין ווירקונג און ממשלה.

וואַלן צום שטאָט־ראַט (דומע)

...עס איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ גרויסער ווירטשאַפט. דער „ראַט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן" טראָגט פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מע דאַרף אויסקלייבן אַ נייע שטאָט־דומע, מיט נייע מענטשן.

ענדלעך, דער צעטל איז פאַרטיק, בהסכם כולם... און טאַקע גאַנצע הונדערט קאַנדידאַטן! די ערשטע גייען אונדזערע באַקאַנטע צוויי חברים, וועלכע געפינען זיך איצט אין זעניט פון זייער רום און אויטאָריטעט; דער לעצטער קאַנדידאַט איז — אַ קוריער פון גובערניאַלער זעמסטווע. דאָס

לעצטע רופט אַרויס נישט וויניק שטעכווערטלעך און איראָניע, עס איז אָבער סימבאָליש פאַר די נייע פאַרהעלטענישן. און אָט זיינען שוין די וואַלן אַדורך, און געברענגט דעם גרויסן, געוואַלדיקן נצחון: פון די הונדערט ראַטמענער האָבן מיר באַקומען גאַנצע זיבעציק! די בורזשואַזע גרופּירונגען קריצן מיט די ציינער, זיי רייצן זיך מיט אונדז: איר וועט דאָך סיי־ווי באַנקראָטירן! איר האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט דער באַפעלקערונג אין אייערע בלעטלעך, אַז איר וועט מוזן ברעכן דעם קאַרק! עס פרייט זיך דער, וואָס פרייט זיך דער לעצטער... היינט וואו וועט איר נעמען מענטשן אויף אַוועקצוזעצן אין אופּראַווע (מאַגיסטראַט, אויספירער־אָרגאַן פונעם שטאָט־ראַט) צו פירן די שטאָטישע באַלעבאַטישקייט?

אין דער לעצטער פראַגע האָט טאַקע געשטעקט אַ גרויסער שטיק אמת. מיר האָבן זיך לכתחילה געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון קאָאַליציע, ד"ה זיינען געווען גרייט אָפּצוגעבן אַ 2-3 ערטער אין אופּראַווע די אַנדערע ריכטונגען. אָבער דאָך האָבן מיר געמוזט האָבן אַ 4-5 מענטשן פאַר די איבעריקע רעסאָרטן, און דאָס זיינען דאָך אַלץ טעקעס פון פּראַקטישער אַרבעט, פוןווירטשאַפט און אַדמיניסטראַציע, וועגן וועלכע מיר האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט. און דער עיקר, אונדזער פראַקציע מוז דאָך פאַרנעמען די פּאָסטנס פון אַ שטאָט־גאַלאָוואַ, פונעם פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט (פּלענום) און סעקרעטאַר. פון די אַלע פּאָסטנס האָבן מיר באַזונדערע צרות געהאַט. די ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן צווישן אונדז, די באָלשעוויקעס און סתם מאַקסימאַליסטן, האָבן נישט געוואָלט פאַרנעמען קיין שום פּאָסטן אין שטאָט־ראַט; פאַר זיי איז דאָס געווען צו וואָכעדיקע אַרבעט, זיי האָבן בעסער געוואָלט אַהין אַריינשטופּן אַלע „מענשעוויסטישע" עלעמענטן, כדי פון זיי פּטור צו ווערן אין אַרבעטער־ראַט און ווערן דאָרט די איינציקע באַלעבאַטים און מושלים. נאָכן אויבן־באַשריבענעם אַרעסט פונעם מיליץ־שעף — האָבן מיר געפּרואווט שיקן אין דער מיליץ אַ פּאָר פון די „קאַטאָרזשאַנעס", דאָס האָט זיך

געדוכט, איז פאַר זיי זייער אַ צוגעפּאַסטע אַרבעט. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיינען זיי אַוועק פון דאַנען. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט איינשפּאַנען אין קיין שום וואָגן פון אָרגאַנישער אַרבעט, און דעריבער האָט אויך וועגן זיי גאָרנישט געקאָנט זיין קיין מחשבה, זיי זאָלן אַריין אין דער שטאָט-ראַט-אַרבעט. נאָך שווערער איז געווען די פראַגע מיט דעם שטאָט-גאָלאָווע. דער איינציקער אָנערקענטער קאַנדידאַט איז געווען אונדזער באַקאַנטער חבר א. אָבער ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון דער דאָזיקער רעפּרעזענטאַטיווער און פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלע. קוים מיט צרות, צונויפגעשטעלט די אופּראַווע: ח׳ א. ווערט געהילף פון שטאָט-גאָלאָווע — און דערווייל קלייבט מען אין גאַנצן נישט אויס קיין גאָלאָווע, מיר באַקומען די טעקעס פון דערנערונגס-אַמט, פאָלקס-בילדונג, די שטאָטישע אונטערנעמונגען א״אַ.

מיר טרעטן צו צו דער אַרבעט מוטיקע, פריילעכע, גלויביקע. אַלע מיטגלידער פון דער אופּראַווע אַרבעטן ענערגיש, חבריש, קאָלעגיאַל. די באַפעלקערונג האָט גרויסן צוטרוי — און יעטוועדער פון אונדז נעמט אויף צענדליקער מענטשן אַ טאָג. דער שטאָט-ראַט וויילט אויס אַ נייעם נאַטשאַלניק פון דער מיליץ, אַ געוויסנעם זעמסקן אָנגעשטעלטן, ער איז דירעקט אונטערגעוואָרפן אונדז, מיר שטייען מיט אים אין ענגן קאָנטאַקט, דער קאַבינעט פון שטאָט-גאָלאָווע איז מיט אים פאַרבונדן מיט אַ ספּעציעלן לאָקאַלן טעלעפאָן, מען רעאָרגאַניזירט די גאַנצע מיליץ, מען ברענגט אין אָרדענונג איר ווירטשאַפט, מען עפנט אַ באַזונדערע שול פאַר די מיליציאַנטן, מען לייענט פאַר זיי לעקציעס, מען מאַכט זיי באַוואוסטזיניק, רעוואָלוציאָנער, סאָציאַליסטיש. די שטאָט בליט, דאָס לעבן איז נאָרמאַל, די רעוואָלוציע גייט אַלץ באַרג-אַרויף; מיר זיינען נאָך אַלע אַקטיוו אינעם אַרבעטער-ראַט, גיבן אָפּ פאַר אים דין-וחשבון; אונדזער פראַקציע איז גוט אָרגאַניזירט, סאָלידאַריש, די באַציאונגען אין איר חברישע...

דער טרויעריקער פינאַל

...די דייטשן האָבן לויטן אָפּמאַך מיט דער צענטראַלער ראַדע אָקופּירט אונדזער שטאָט. זיי באַלעבאַטעווען פּאָליטיש, עקאָנאָמיש.

...און ווען אַלץ האָט זיך באַרואיקט, און דער דייטשער שטאַב האָט שוין געאַרבעט „נאָרמאַל", — האָבן די אָרטיקע אוקראַינער אַרום זיי אָנגעהויבן טאַנצן און גלעטן די מאַכט. מען האָט זיי אין אויער צוגעטראָגן: ווער פון די געבליבענע זיינען כשר און נישט־כשר, וואוהין זיינען די „באָלשעוויקעס" אַנטלאָפן, און זיי האָבן זיך מתעסק געווען, ווי אַזוי בעסער צו באַזעצן די אויסלייזער פון דער „זעלבשטענדיקער" אוקראַאינישער רעפּובליק, ווי אַזוי זיי זעטער אָנצוהאָדעווען, די דייטשן, און ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון זיי אַ טובהלע פאַר זיך.

און גלייך האָבן זיך די דייטשן גענומען צום שטאָט־ראַט. געשען איז, אַז אונדזער שטאָט־גאָלאָוואַ איז מיט אַ צייט פאַרן אויפשטאַנד אָפּגעפאָרן זוכן געלט פאַר אונדזער שטאָט. ער איז געפאָרן לויט אַ באַשלוס פון שטאָט־ראַט. אָבער די דייטשן האָבן געטענהט: וואו איז אייער שטאָט־פּרעזידענט? ער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס? איר זענט אַלע באָלשעוויקעס!

ענדלעך, אונדזערע דערקלערונגען, אונדזער רואיקייט, און דער עיקר — אונדזער עפענען די סקלאַדעס פון צוקער, לעדער און ברויט — האָבן ווייך געמאַכט זייערע הערצער. זיי האָבן קיינעם פון אונדז נישט געטשעפּעט, געהייסן רופן אַ זיצונג פון שטאָט־ראַט און זיך נעמען צו דער אַרבעט. אונדזער הויפּט־אויפגאַבע האָט איצט געדאַרפט זיין — באַזאָרגן מיט אַלץ די דייטשע אַרמיי.

די רעוואָלוציע צעטראָטן. קיין סימן פון קיין רויטער פאָן. קיין סימן פון קיין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. מען קאָן נישט אַרויספאָרן פון שטאָט אָן אַ פּאַסיר־שיין, פאַרמעלע אָקופּאַציע.

די גאַנצע שטאָט אין געפאַנגענשאַפט. מיר, די מיטגלידער פון שטאָט־ראַט, און דער עיקר די אופּראַווע־מיטגלידער, זיינען פאַקטיש ערבות־לייט.

מען קלויבט אויס אַ נייעם שטאָט־פּרעזידענט, אַן אַלטן ליבעראַל. די סאָציאַליסטישע מיטגלידער פון דער אופּראַווע פאַרבלייבן.

די דייטשן קלייבן זיך צו משפטן די געפאַנגענע פראַנ־טאָוויקעס. זיי ווילן זיי אַלע אויסשיסן. צען מאַן האָט מען שוין פאַרמשפט צום טויט. מיר שיקן דעפּעשן און רעדן דורכן „דירעקטן דראָט" — מיט קיעוו — מיט די פאַרשטייער פון דער צענטראַלער ראַדע, מיט דער מיליטער־מאַכט, מיר לויפן מיט דעלעגאַציעס. מיר טענהן: עס איז געווען אַ פאַרזעצונג פון דער מלחמה, איר האָט גענומען געפאַנגענע, שיקט זיי אין געפאַנגען־לאַגער, אָבער נישט שיסן! קריגס־געפאַנגענע שיסט מען נישט! — די דייטשן טענהן: די מלחמה איז שוין לאַנג אויס, דאָס זיינען די באָלשעוויקעס, ווילדע חיות, זיי האָבן אונדז אין אַ פינצטערער נאַכט געפּאַקט, געבראָכן דאָס וואָרט, מיר וועלן זיך מיט זיי באַגיין אָן שום רחמנות!

ענדלעך, מיר האָבן געזיגט. באַקומען אַ באַפעל אָפּצו־שטעלן דעם טויט־אורטייל. שפּעטער האָט מען אַלע פאַרהאַל־טענע פראַנטאָוויקעס אַרויסגעשיקט אין אַ קריגס־לאַגער. מיר זיינען גליקלעך, וואָס מען האָט אָפּגעראַטעוועט אַזוי פיל אומשולדיקע נפשות.

אַ גרויסע איבערלעבונג איז געווען פאַר מיר מיין אָנטייל ווי אַ דעלעגאַט, צוזאַמען מיט נאָך צוויי, אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דעם אַלרוסלענדער סאָוויעט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן אין פּעטערבורג, יוני־יולי 1918. דער איינדרוק פון דער שטאָט איז געווען פאַר מיר אויסערגעוויינטלעך. דער איינדרוק פון לענינען און זיינע רעדעס אויף דעם צוזאַמענפאָר — שרעקלעך. אַ קליין מענטשעלע האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער פּלאַטפאָרם, אַ פאַרביטערטער, מיט אַ הפקרדיק מויל, הגם צאַלמעסיק איז זיין פראַקציע געווען די קלענסטע.

אויף יעדער פראַגע האָט ער געהאַט איין ענטפער: שיסן, הענגען, אַריינזעצן אין תפיסה. זיינע פּרוּוון צו צעשטערן דעם צוזאַמענפאַר און זיינע מאַניפּולאַציעס — אָפּשטויסנדיקע. מ׳האָט געפילט דאָס וואָס צערעטעלי האָט געוואָרנט: קאָנטר־רעוואָלוציע וועט קומען דורך די טויערן פון די באָלשעוויקעס.

נאָך די גליקלעכע האָניק־חדשים פון דער קערענסקי־רעוואָלוציע איז געקומען אַ ביטערע צייט פאַר אונדז אין אוקראַינע — די דייטשע אָקופּאַציע. די שטאָט־דומע האָט פונקציאָנירט, אָבער כמעט אויסשליסלעך אויף צו באַדינען די דייטשע אַרמיי. און גאָר שלעכט איז געווען מיין פּערזענ־לעכע לאַגע. דער שטאָט־גאָלאָווא (מעיאָר) איז געווען אַ רו־סישער דאָקטער. ווען עס איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין פּעטערבורג און מאָסקווע, און אין אוּ־קראַינע האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט קאָנטר־רעוואָלוציע, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. איך בין געווען דער וויצע־מעיאָר פון דער שטאָט־דומע, און געמוזט איבערנעמען די פליכטן און די ראָל פון שטאָט־גאָלאָווא. איך האָב געמוזט קומען אָפט אין דייטשן שטאַב, געהאַט צו טאָן מיט די אָפיצירן, די דייטשן האָבן כסדר געפאָדערט פון מיר צושטעלן זיי גרויסע קוואַנטומס צוקער און פּוטער, מעל און ברויט, חזיר־פעטס און פלייש אאַז״וו אָן אַ סוף. דעם שטאָט־ראַט האָבן זיי געהאַלטן פאַר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רו און אָרדע־נונג, פאַר באַזאָרגן זיי מיט די נויטיקע לאָקאַלן.

מיין לאַגע אַלס דער שטאָט־גאָלאָווא איז געוואָרן יעדן טאָג אַלץ מער אומדערטרעגלעך פאַר מיר. און איך הייב אָן טרוימען וועגן אַרויסרייסן זיך פונעם קלעם. אָבער דאָס האָב איך געמוזט דורכפירן מיטן הסכם פון די דייטשן.

קיעוו — קולטור־ליגע

אין קיעוו האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט פאַר־פעסטיקט די צענטראַלע ראַדע. עס ווערן געשאַפן דעפּאַרטאַ־מענטן ביי יעדן מיניסטעריום און ביים מיניסטאָרן־קאַבינעט פאַר די באַזונדערע מינדערהייטן. עס ווערט געשאַפן אַ יידיש־מיניסטעריום, און ד״ר משה זילבערפאַרב איז דער מיניסטער. מען בויט אין קיעוו אַ שולוועזן אין דער יידישער שפּראַך. עס ציט מיך אַליין מערער קיין קיעוו. כ׳שרייב אָן אַ בריוו צום ח׳ סטראַשון, וואָס איז געווען איינער פון די באַפולמעכ־טיקטע פון חברה מפיצי השכלה, מיינער אַ פריינד. ער איז אין קיעוו ביי דעם יידישן מיניסטעריום דער פירער פון דעם יידישן שול־דעפּאַרטאַמענט. און באַלד באַקום איך פון אים אַן איינלאַדונג, כ׳זאָל קומען גלייך קיין קיעוו און פאַרנעמען אַ פּאָסטן אין דער שול־אָפּטיילונג פונעם יידישן מיניסטעריום. איך אַרבעט אויס פאַר זיך אין שטאָט־ראַט אַ געהעריקן פּאַפּיר, די דומע דעלעגירט מיך כלומרשט צו דער צענטראַלער ראַדע אין קיעוו אונטערצוהאַנדלען וועגן אונדזערע שטאָטישע פּראָבלעמען. דאָס פּאַפּיר איז געוואָרן באַשטעטיקט פון דער דייטשער מאַכט און איך פאַרלאָז כערסאָן. מיין פרוי געפינט זיך אין די לעצטע חדשים פון שוואַנגערשאַפט און דאַרף אין גיכן געבוירן אַ קינד.

ס׳דויערט נישט לאַנג, און ס׳קומט די פאַשיסטישע אי־בערקערעניש פון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, מיט אַלע פאָלגן פון קאָנטער־רעוואָלוציע. די מינדערהייט־מיניסטעריומס ווערן ליקווידירט, און פאַר די יידישיסטישע כלל־טוער שטייט דאָס פּראָבלעם: וואָס ווייטער? אויף דער איניציאַטיוו און ענער־גישער אַקטיוויקייט פון זעליק **מעלאַמעד** און **נחמן מייזיל** ווערט געשאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע (מאַי 1918), וואָס

באַקומט דעם נאָמען „קולטור־ליגע". בראש פון דער אָרגאַ־ניזאַציע שטייט אַ צענטראַל־קאָמיטעט, מיט פאָרשטייער פון די פועלי־ציון, פאַראייניקטע, בונד, פאָלקיסטן. פאָרזיצער איז משה ליטוואַקאָוו. צו ביסלעך שטעלט זיך איין אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט, אַ המשך פון דער שול־ און קולטור־אַרבעט, וואָס דער יידישער מיניסטעריום האָט געפירט ביז אַהער. עס שאַפט זיך אַן אַפּאַראַט פון דער קולטור־ליגע. איר פּראָגראַם איז ביכער־פאַרלאַג, באַזונדערע סעקציעס פאַר שול, קולטור, קונסט, מוזיק. דער פינאַנציעלער זשעני איז זעליק מעלאַמעד. ער איז גענעראַל־סעקרעטאַר, איך בין זיין געהילף. שפּעטער, בין איך דער פאַקטישער סעקרעטאַר. די אַרבעט איז פאַר־כאַפּנדיק. דאָס גלויבן, דער ענטוזיאַזם איז גרויס. אין מיין בוך „פון חדר און שקאָלעס ביז צישאָ" האָב איך איין קאַפּיטל געווידמעט דער קיעווער קולטור־ליגע. משה זילבערפאַרב האָט אין זיינע פּובליקאַציעס און זכרונות דערציילט סיי וועגן דעם יידישן מיניסטעריום, סיי וועגן דער קולטור־ליגע. דאָס זעלבע נחמן מייזיל.

אין מיין בוך, וואָס איז האָב פאַרעפנטלעכט אין 1956 („פון חדר און שקאָלעס ביז צישאָ", מעקסיקע) שרייב איך: „קולטור־ליגע איז געווען די פרייד און שטאָלץ פון אַלע יידישיסטישע עלעמענטן אין לאַנד. דאָס איז אויך געווען די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציע פון אוקראַינישן יידנטום. דאָ האָט געברויזט די רעוואָלוציאָנערע שעפערישקייט פון אַ יינגער קולטור און גאָר באַזונדערס פון דער נייער שול. דער „דעמאָקראַטישער לערער־פאַרבאַנד" איז געוואָרן די שול־סעקציע פון דער קולטור־ליגע (אָנגעפירט דורכן באַקאַנטן בונדיסט שמעון דאָבין). אין צענטראַל־קאָמיטעט פון ק"ל איז געווען דאָס שענסטע, וואָס די יידישע אינטעליגענץ פון או־קראַינע האָט פאַרמאָגט. ווי אַ גרויסער נס און אומבאַגרייפלעכע דערשיינונג האָט אויסגעזען די קולטור־ליגע אין די יאָרן 1918—1920... אין לאַנד האָט געפלאַקערט בירגער־קריג... אָבער די איינצלנע אידעאַליסטן האָבן נישט אַרויסגעלאָזן די פאָן

פון דער יידיש-וועלטלעכער קולטור פון זייערע הענט...
283 אנשטאַלטן זיינען איבערן לאַנד געשאַפן געוואָרן אונטער
דער פירערשאַפט פון ק״ל״.

אוקראַינע ווערט אַרומגעכאַפּט אַלץ מערער פון שווערע,
פיינלעכע געשעענישן.

צווישן די אוקראַינער גופא גייען אָן אינערלעכע קאַמפן.
יעדעס מאָל פאַלט אָן אויף קיעוו אַן אַנדער שונא: די ווייס-
גוואַרדייער, די פּאָליאַקן, פאַרשיידענע באַנדעס, און די באַל-
שעוויסטישע מאַכט. בירגער-קריג. שוידערלעכע פּאָגראָמען
פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער עיקר, אין די קלענערע
שטעטלעך פון גרויסן לאַנד. קיעוו איז דער הויפּט-ציל פון
אַלע אָנגרייפער. די שטאָט לעבט איבער 10—15 איבערקערע-
נישן. דער הונגער און נויט אין לאַנד און אין שטאָט וואַקסט.
עס הייבט אָן אָנקומען הילף פון דעם דזשאָינט, פון אַמעריקע,
ס׳שאַפט זיך אַ יידישער הילפס-קאָמיטעט. זיין סעקרעטאַר איז
יוסף לעשטשינסקי. אין אָט דער סיטואַציע האָט די טעטיקייט
פון קולטור-ליגע שטאַרק געליטן. עס האָבן זיך געפאָדערט
אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן די אָרגאַ-
ניזאַציע, מיט אירע קאָנטאַקטן אין דער פּראָווינץ, און מיט
אירע שול- און קולטור-פאַרמעסטן.

נאָך לאַנגע, שווערע קאַמפן, פאַרפעסטיקט זיך די רויטע
אַרמיי אין קיעוו. עס שטעלט זיך איין אַ נייער קאָמוניסטישער
רעזשים. אין 1919 ברענג איך אַראָפּ פון כערסאָן קיין קיעוו
מיין משפחה, די פרוי און דאָס ניי-געבוירענע יינגעלע, ראַפיק,
רפאל. צווישן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וואַקסן
אַלץ מער די קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס. באַקאַנטע טוערס
ווערן באָלשעוויזירט. משה ליטוואַקאָוו ווערט אַ קאָמוניסט
און ער פאָרט אַוועק קיין מאָסקווע. פּאָרזיצער פון דער קול-
טור-ליגע ווערט משה זילבערפאַרב. דער לעצטער באַשטאַנד
פון אויספיר-ביוראָ פון קולטור-ליגע איז געווען: זילבערפאַרב,
יוסף לעשטשינסקי, מייזיל, מעלאַמעד, איך, ש. דאָבין און אַ.
ליטוואַק. די יעווסעקציע ווערט אַלץ חוצפּהדיקער, אָנגרייפע-

רישער, און זי פֿאָדערט פֿון אונדז מיר זאָלן איר איבערגעבן די גאַנצע קולטור־ליגע מיט אירע אינסטיטוציעס און פֿאַר־מעגן. אַ גרויסער צוזאַמענפֿאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, און גלייכצייטיק פֿון דער יעווסעקציע ווערט איינגעאָרדנט אין דער שטאָט כאַרקאָוו. די קולטור־ליגע דעלעגירט שמעון דאָבינען און מיך צו דעם צוזאַמענפֿאַר פֿון דער יעווסעקציע, כדי אונטערצוהאַנדלען וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פֿון דער קולטור־ליגע. מיר ברענגען אַ פֿאָרשלאָג: דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קולטור־ליגע זאָל באַשטיין פֿון 50% קאָמו־ניסטן און 50% דער אַלטער באַשטאַנד. די יעווסעקציע גייט אויף דעם נישט איין. און ווען מיר קערן זיך אום צוריק פֿון דעם כאַרקאָווער צוזאַמענפֿאָר (איך מיט אַ שווערער טיפֿוס־קראַנקייט), ווערט די קולטור־ליגע נאַציאָנאַליזירט, מיר שטייען פֿאַר אַ רואינירטן בנין, וואָס טראָגט נאָך דערווייל דעם שילד „קולטור־ליגע״. די יעווסעקעס פֿאָדערן מיר זאָלן בלייבן אַרבעטן אין דעם אַפּאַראַט פֿון דער קולטור־ליגע, אַלס באַאַמטע. מיר זאָגן זיך אָפּ פֿון דעם, פֿאַרשטייט זיך, און מיר באַשליסן קאָלעקטיוו זיך אַריבערטראָגן קיין וואַרשע. מיט יאָרן שפּעטער האָט ליטוואַקאָוו אין „עמעס״ אָפּגע־דרוקט אַ שענדלעכן אַרטיקל וועגן דער קולטור־ליגע און איר פֿירערשאַפֿט. איך האָב אין דער בונדישער „פֿאָלקסצייטונג״ אָפּגעדרוקט אַ גרויסן ענטפֿער אויף זיין פּאַמפֿלעט.

אונדזער אַוועקפֿאָרן פֿון קיעוו האָט געמוזט זיין נישט לעגאַל. מ׳האָט געמוזט האָבן פּשעפּוסטקעס פֿון דער מאַכט, אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצופֿאָרן. אויף פֿאַרשיידענע וועגן האָבן מיר אַלע פּאַמעלעך זיך אַרויסגעקליבן פֿון קיעוו. שפּע־טער דורכגעשמוגלט די גרענעץ מיט פּוילן און געקומען קיין וואַרשע.

שוין אין ערשטן טאָג פֿון מיין קומען קיין וואַרשע, האָב איך זיך געטראָפֿן מיטן ח׳ זרובבל, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קולטור־ליגע, קיעוו. דעם זעלבן אָוונט האָב איך באַזוכט דעם ליטעראַטן־פֿאַראיין,

טלאָמאַצקע 13. דער ערשטער וועמען איך האָב דאָ אָנגע־טראָפן איז געווען ישראל רובין, דער צווייטער — ש. גילינסקי. מיט אָפענע אָרעמס, מיט פרייד און חברישקייט האָבן ביידע מיך אויפגענומען. ביידע האָב איך באַקענט אין אָדעס, אויף די לערער־קורסן פון אָפע.

גלאַט, אומבאַמערקט, איז פאַרגעקומען די איבערפלאַנצונג אויפן נייעם באָדן, וואַרשע. זיך באַלד געפילט ווי אין אַן אייגענער משפחה. אַלע מיט די זעלבע אינטערעסן, אידעען, אידעאַלן. דאָס יידישע לעבן אין וואַרשע מער קאָמפּליצירט געזעלשאַפטלעך, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די שול־קולטור־אַרבעט זייער אינטערעסאַנט, צעוואַקסן. צום וואָרט פון „בונד" הערן זיך אַלע צו.

מיר האָבן געהאָפט, אַז וולאַדימיר מעדעם וועט אונדז אַקטיוו העלפן אויפבויען די קולטור־ליגע אין וואַרשע. אָבער, אַז מיר זיינען געקומען אָנפאַנג 1921 איז שוין מעדעם געווען אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע. דעם 15טן יוני 1921 עפנט זיך דער שול־צוזאַמענפאָר און עס ווערט פּראָקלאַמירט די גרינ־דונג פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן — „צ י ש אָ". ביי דער צוגרייט־אַרבעט און ביי דעם שול־צוזאַמענפאָר גופא זיינען אַלע מיטגלידער פון אויספיר־ביוראָ פון קולטור־ליגע געווען אַקטיוו, און אַחוץ יוסף לעשטשינסקי, וועלכער איז אַריין אין בונד, האָבן מיר אָנגע־פירט מיט דער „אומאָפּהענגיקער פראַקציע" אויפן שול־צו־זאַמענפאָר. עס הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין מיין לעבן. אין גיכן גיט זיך איין דעם ח' גאָלאָמב צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד אַריבערצושמוגלען די גרענעץ און זיי קומען אָן בשלום קיין וואַרשע.

צוזאַמען מיט מיר זיינען פון קיעוו געפאָרן צוויי רייכע יידן, יונגע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט ווערן די העלפער, די פינאַנסיסטן פון דער קולטור־ליגע אין וואַרשע. אין וואַרשע זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס וועגן דעם. דער אמת איז, אַז די דאָזיקע צוויי פריינד האָבן טאַקע ביים אָנהייב, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן ווידער אַ מאָל אין

וואַרשע דער פאַרלאַג קולטור־ליגע, צוגעהאָלפן, אַזוי ווי מע־צענאַטן. צוגעהאָלפן מיט אַ ביסל געלט, אָבער נישט מער. אין אַ געוויסן טאָג האָט מיך איינגעלאַדן דער חבר יוזעף, נח פאַרטנעי, דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פוילן, און ער האָט מיך געפרעגט: צי ס'איז אמת דאָס וואָס מ'דערציילט, אַז מיר זיינען געקומען מיט אַ גרויסער סומע געלט, און צי וואָלט איר געוואָלט איינשטעלן אַ מיט־אַרבעט מיטן בונד. איך האָב אים דערקלערט גאַנץ אָפן און קלאָר די גאַנצע סיטואַציע. עס איז געווען פאַר אים אַ גרויסע אַנטוישונג. אויף דעם שול־צוזאַמענפאָר איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער פראַגע קולטור־ליגע אַ גאַנצע סעסיע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע מחלוקה, אַ אידעאישע און אַן אָרגאַניזאַציאָנעל־פאַרטייאישע. וועגן דעם דערצייל איך געניו אין מיין בוך „די געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין אומאָפּהענגיקן פוילן".

דאָס איז דער לעצטער קאַפּיטל פון מיין בוך „מיינע זכרונות פון מיינע יונגע יאָרן". מיט דעם איז געענדיקט מיין אויטאָביאָגראַפיע אין פעריאָד ב י ז צישאָ. מיין וויטערדיק לעבן און טעטיקייט איז איינגעשלאָסן אין די צוויי ביכער, וואָס איך האָב אָקערשט דערמאָנט. עס קומט דער פעריאָד וו אַ ר ש ע — דער גליקלעכער פעריאָד פון מיין לעבן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל, דער עלפטער, גיט אַן אָפּשאַצונג פון דעם אידעאַליסטישן דור און זיינע פאָליטישע, געזעל־שאַפטלעכע, ליטעראַרישע און שול־ און קולטור־טעטיקייטן און פאַרמעסטן אין אָט דעם פעריאָד 1897—1921.

כערסאָן (1903־1902)

ערשטע ריי (פון רעכטס): סימע (סעראַפימאַ) גאָפּנער, סאַפּיראַ (שפרה) שאַפּיראָ. צווייטע ריי: ח. ש. קאַזדאַן, דאַוויד גאָפּנער.



לאָס אַנדזשעלעס (1941)

פון רעכטס: ראַפאַעל (רפאל), סאַפּירא, ח. ש. קאַזדאַן.

אויף אַ זומער־וואוינונג (1950ער יאָרן)

(פון רעכטס): ח. ש. קאַזדאַן, סאַפּירא, ש. גילינסקי.

שלמה מענדעלסאָן

חשבון-הנפש
וועגן
אונדזער דור

דער באַשריבענער פּעריאָד פון מיין באַוואוסטזיניקן לעבן באַטרעפט אַן ערך 25 יאָר. דאָס זיינען יאָרן פון געוואַלדיקן געזעלשאַפטלעכן אימפּעט : 2 מלחמות, 2 רעוואָלוציעס, סטיכישע אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און פון דער יידישער בפרט (בונד), באָלשעוויסטישע איבערקערעניש, אַנטשטייאונג פון אומאָפּהענגיקער אוקראַאינער רעפּובליק און פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, בירגער־קריג, בליץ־וואוקס פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור און פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

יעדער טראָט אין מיין לעבן אין דעם פּעריאָד איז נאָר טיילווייז אַ רעזולטאַט פון מיינע באַוואוסטזיניקע באַשלוסן — פון מיינע פּלאַנירונגען, פון מיין אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם. דער צופאַל האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. דאָס לעבן האָט מיך געיאָגט, געשטויסן כסדר פאָרויס, אינטריגירט. פאַרמאָגט אַ ביסל זעלבסטזיכערקייט און גלויבן אין זיך, — און דאָס האָט געמוטיקט צו נייע באַשלוסן, צו נייע דערפאַרונגען. אַ־דעאָלאָגיע? אַ סומע פון סאָציאַלן יושר־געפיל, פון נאַציאָנאַלן אינטערעס און באַוואוסטזיין, פון גלויבן אין יידישן און נישט־יידישן אַרבעטער־קלאַס, אין רעוואָלוציע, אין כוח פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

איך האָב נישט געטראַכט וועגן אַ קאַריערע, נישט געטרוימט צו ווערן אַ שרייבער. ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן די אַמביציע צו ווערן אַ זשורנאַליסט, אַ „פירער", אַ דעה־זאָגער. אומבאַמערקטערהייט האָב איך אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרנומען אַ ליטעראַרישע פּאָזיציע — פריער אין אַ רוסיש־יידישן זשורנאַל און באַלד אין יידיש. מען הערט זיך צו צו מיין פּעדאַגאָגיש וואָרט, מען רעכנט זיך מיט מיר געזעלשאַפטלעך.

איצט שטיי איך ביים סוף פון אַ ביאָגראַפישער תקופה. איך בין אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה, וואָס וועט ציען איין ליניע ביזן סוף פון מיינע יאָרן. איך קאָנצענטריר זיך בעיקר אויף אַ געביט, וואָס ווערט דער תוך און זינען פון מיינע ווייטערדיקע יאָרן, טעטיקייטן און אויפטוען. די קונסט פון פּעדאַגאָגיק, די לערך און דערציאונג־מעטאָדן אין דער שפּראַך פון יידישן קינד. פּאַרטיפונג אין דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך — אין זייערע אייגנשאַפטן, אין זייער געבענטשטער בלי־קראַפט; ליבשאַפט צום יידישן קינד און יוגנטלעכן; בונדישע טעטיקייטן — דאָס איז מיין ווייטערדיקער וועג. זיינע עטאַפּן: בונד, צישאָ, קולטור־ליגע, פּוילן. די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע ברענגט מיך אויף צענדליקער יאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ פּערטל יאָרהונדערט־פּעריאָד — יאָרן פון אַקטיווקייט, פון געוואַגטקייט און דערגרייכונגען. יאָרן פול מיט פּערזענלעכער אומצופרידנקייט, שוועריקייטן, נישט־צוגעפּאַסטקייטן, פול מיט אומרו, אַנטוישונג און ספיקות, אָבער סוף כל סוף גוטע, „גליקלעכע" יאָרן...

אין אָט דעם פּעריאָד האָב איך אַ סך געלערנט — די תורה פון לעבן און שאַפן.

איך האָב באַנומען די גרויסע באַדייטונג פאַרן יונגן מענטשן — פון אַ סיסטעמאַטישער, פּראָגראַם־אויסגעהאַלטענער, אַרומנעמענדיקער בילדונג. דער גרויסער חסרון פון מיר און מיין דור איז געווען דאָס פעלן פון „אַקאַדעמישער" בילדונג, אונדזער זעלבסטבילדונג מיט איר אומסיסטעמאַטישקייט, צופעליקייט, אויבערפלעכלעכן באַנעם. איך האָב געלייענט אַ סך, אָבער איך האָב נישט געהאַט דאָס גליק צו האָבן עמעצן אַן אויטאָריטעט, וואָס זאָל מיך לערנען וואָס און ווי אַזוי צו לייענען, אין וועלכן סדר, מיט וועלכן קריטישן מאָסשטאַב, ווי אַזוי צו אַנאַליזירן אַ בוך און אָפּשאַצן דעם מחבר. נישט געווען ווער ס'זאָל העלפן אין דער גרויסער קונסט צו דער־

קענען און אָפּשאַצן אַ מענטש פֿון דער סביבה — זיין קלוג־שאַפֿט אָדער נאַרישקייט, זיינע מעלות און פֿעאיקייטן, און אויך זיין מויל־מלאכה, זיין חוצפּה, פֿאַלשקייט, גאווה.

מען איז געווען יונג; די געשעענישן און אַקטיוויטעטן אין לאַנד, אין דער יידישער און נישט־יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג — האָבן אונדז אַלעמען אַריבער־געיאָגט, אונטערגעיאָגט, נישט געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ווער האָט געהאַט צייט צו לערנען און שטודירן די גרויסע ווערק פֿון די סאָציאַליסטישע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקערס, צו אַנאַליזירן זייערע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן און זייערע אַבסטראַקטע פֿילאָסאָפֿישע קאָנסטרוקציעס? ווער האָט גע־האַט די מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פֿון די אייגענע פֿעלערדיקע אָפּשאַצן און טעותן, אָדער פֿון דעם אייגענעם פּראָגרעס און דערגרייכן?

מען איז נישט געווען צוגעגרייט צום פּראַקטישן לעבן, צו פּערזענלעכן גליק און אומגליק. דערפֿאַר די גרויסע נאַ־איוואקייט, נישט־באַוואוסטזיניקער צוגאַנג צו געשעענישן, אומ־דערפֿאַרנקייט, דאָס פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן צופֿאַל. איך און מיין דור האָבן געלעבט מער מיטן אינסטינקט, געפֿיל, איידער מיטן שכל און באַוואוסטזיניקער קלאָרקייט. אַזוי אין פּער־זענלעכן לעבן, אַזוי אין געזעלשאַפֿטלעך־עפֿנטלעכן.

איך האָב זיך נישט געיאָגט נאָך כבוד. איך האָב זיך נישט געהאַלטן פֿאַר קיין שרייבער, פֿאַר קיין רעדנער. איך האָב טאַקע אַ סך מאָל געהאַט דורכפֿאַלן אַלס רעדנער און דערפֿאַר זיך נישט געשטופּט צום עמוד, אַליין געבעטן אַ וואָרט נאָר ווען כ׳האָב געוואוסט אַז איך האָב וואָס צו זאָגן. נאָר אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָרן בין איך געווען „דער־פֿאָלגרייך" ווי אַ רעדנער. לויט מיין כאַראַקטער בין איך אָבער געווען אַ שעמעוודיקער, שטענדיק געהאַט אימתא דציבורא. דער ח׳ ה. ע ר ל י ך האָט דאָס אָפּגים געפֿילט, און שטענדיק נאָך מיין רעדע מיר צוגעשיקט אַ בריוועלע

מיט דערמוטיקנדיקע ווערטער. איך בין אים געווען זייער דאַנקבאַר.

גרויס איז געווען אונדזער באַגייסטערטער גלויבן אין דער אידעע פון סאָציאַליזם, אין דער מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס און פון זיין פּאַרטיי. מיר האָבן געגלויבט, אַז די איי־בערצייגנדיקע קראַפט פון סאָציאַליסטישן וואָרט איז אומ־באַגרענעצט און זי קאָן אויפטאָן וואונדער. דערפאַר האָבן מיר, יידישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, זיך כסדר געפּילפּולט איבער איינצלנע אויסדרוקן און לאָזונגען, איבער די פאָרמולעס פון די אָנערקענטע טעאָרעטיקער פון סאָציאַ־ליזם און אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס אַבסטראַקטע וואָרט האָט געהערשט איבער אונדז. מיר האָבן דעם טעאָרעטיקער פּער־זענלעך נישט געקענט, זיין סביבה און פּסיכאָלאָגיע נישט פאַרשטאַנען, ער האָט אונדז אָפט איבערראַשט מיט זיינע פאַלשע באַהויפּטונגען, — און דערפאַר האָבן מיר איבערגע־לעבט ביטערע אַנטוישונגען...

דאָס זעלבע — אין אונדזערע באַציאונגען מיט דער מאַסע און מיט אירע אינטעליגענטע יחידים. יידישע אַרבע־טער — דער בונד — האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך געוואַגטקייט און אַפילו העלדישקייט. זיי האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף מיטן צאַרישן רעזשים, און מיר האָבן געהאַט אַ סך דרך־אריך פאַר דער מוטיקייט פון דער מאַסע. אָבער די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אַפילו אין אוקראַינע, איז סוף כל סוף געווען זעלבסט־באַגרענעצט, איזאָלירט. אין קליינעם שטעטל זיינען געווען בלויז יידישע אַרבעטער, הגם אַ רעוואָ־לוציאָנערע מאַסע. אין די גרויסע שטעט האָבן יידישע אַרבע־טער געלעבט און געקעמפט אין די דלד אַמות פון אַ קליינער יידישער טעריטאָריע (געטאָ). די נישט־יידישע אַרבעטער האָבן געפירט זייער לעבן און קאַמף אין די שטחים אַרום

און אַרום דער שטאָט, דאָרט וואו עס זיינען געווען די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן. קיין ענגע פאַרברידערונג האָט נישט געקאָנט זיך שאַפן צווישן די צוויי עלעמענטן באַפעלקערונג. זייער עקאָנאָמיש און גייסטיק לעבן האָט זיך שטאַרק אונ־טערשיידט איינס פון אַנדערן. פון איין זייט — מסירת נפש, קידוש־השמיקייט; פון דער אַנדערער — סטיכיע, אַ מאַסע מיט זיכערקייט אין די אייגענע כוחות. מיר האָבן דאָס נישט אָפּגעשאַצט מיטן שכל, לאָגיק, נאָר מיטן געפיל, מיט האַרץ, — און דאָס האָט געשאַפן ביטערע געפילן.

די סאָציאַליסטישע אידייע און די פּאַרטיי האָבן געהאַט אויף מיר, ווי אויפן גאַנצן דור יוגנט, אַ שטאַרקע ווירקונג. אין די רייען פון דער באַוועגונג האָבן מיר געלערנט אַ סך הלכות לעבן, געלערנט צו אַנטוויקלען אונדזער אָבסער־וויר־קראַפט און אונדזער צילבאַוואוסטקייט אין לעבן. מיר זיינען געווען צו פיל ביכער־מענטשן, מיר האָבן נישט דער־שאַצט דעם שכל הישר פונעם פּשוטן אַרבעטער און פון פּשוטן יידן, זייער כאַראַקטער־פעסטקייט, זייער קענטשאַפט פון לעבן און זייערע געזונטע אינסטינקטן.

די פאָדערונגען פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן ווייט איבערגעשטיגן די פּערזענלעכע לעבנס־דערפאַרונגען, פעאיקייטן און מעגלעכקייטן פונעם יונגן דור, און דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן סיי אויף אונדזער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, סיי אויף די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל.

***

אַ סך פּראָבלעמען האָבן אונדז געמאַטערט.

זיינען מיר אינטערנאַציאָנאַליסטן? שטאַמט אונדזער בונדישקייט — פון יידישן נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם? ווי טיף באַליידיקט און פאַרשעמט ווערן מיר, ווען מיר לייענען די העסלעכע אַרטיקלען פון „איסקראַ" קעגן בונד, קעגן יידישן

אַרבעטער און זיין שפּראַך! ווער זיינען די שרייבערס פון די אַרטיקלען? רוסאַקעס, אַסימילאַטאָרן (פּאַסיוו און אַקטיוו)? זיינען זיי „אַ ביסל" אַנטיסעמיטיש, מיט אייגן־שינאה צו אַלץ וואָס איז יידיש, און גאָר באַזונדערס צו יידישער שפּראַך?

ציוניזם, פּועלי־ציוניזם, ס"ס'איזם, אַלע רעדן זיי מיט פייער און אימפּעט וועגן גורל פון יידישן פאָלק, וועגן גלות, וועגן אַן אייגן לאַנד. זיינען זיי „מער" און „בעסערע" יידן איידער מיר בונדיסטן? איז אונדזער וועלטלעכקייט און בונדישקייט אַ סתירה צום יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, צום פּראָבלעם פון קיום האומה?

איז נישט דער ציוניזם בעיקר אַ פּראָדוקט פון שינאה צום נישט־ייד, צום אַראַבער? פון וואַנען זייער „נביאות" וועגן יידישער צוקונפט אין אייגן לאַנד, אָן גויים, אָן אַראַבער? פילן זיי נישט, אַז ציותיזם איז מה יפית און קנעכטישקייט לגבי צאַרישער זעלבסטהערשונג, אַז ציוניזם איז דער היפּוך פון פּאָליטישן און סאָציאַלן פּראָגרעס?

דער קאָשמאַר — פּ אָ ג ר אָ מ ע ן. פון קינדווייז אויף האָבן מיר געהערט וועגן פּאָגראָמען — ברוטאַלע, בלוטיקע. מיר האָבן פאַרשטאַנען: די פּאָגראָמען זיינען דער „אויפּטו" פון צאַריזם, פון זיינע שוואַרצע מאות, אָבער — עס זיינען דאָך געווען נייטיק הונדערטער הענט צו מאַכן די חורבנות און הריגות אין קישינעוו און אין אַנדערע ערטער אין די יאָרן 197־18־19, אין די יאָרן פון בירגער־קריג האָבן דאָך די אוקראַינער מענטשן אַרויסגעוויזן חיהשקייט, בלוטדורשטיקייט, ברוטאַלקייט, וואָס מע קאָן גאָרנישט משיג זיין מיטן שכל. פון וואַנען אָט די אוממענטשלעכקייט? וועט סאָציאַליזם דאָס אויסראָטן? גובר זיין די חיהשע אינסטינקטן? און צוריק גערעדט: פעלן דען אויף דער וועלט מלוכות, וואָס

האָבן פאַר די לעצטע 150 יאָר נישט געוואוסט פון קיין יידן־פּאָגראָמען? מלוכות, וואו יידישע גלייכבאַרעכטיקונג האָט זיך געפילט גענוג שטאַרק און זיכער?

פון דער אַנדערער זייט: מיר זיינען באַדראָט פון אַסימילאַציע — רוסיפיקאַציע, פּאָלאָניזאַציע.

וויפל גייסטיקע גבורה האָט יעדער באַוואוסטזיניקער יידישער אַרבעטער און דער גאַנצער בונדישער דור געדאַרפט פאַרמאָגן אין זיך, כדי דאָס אַלץ איבערצוטראָגן!

אין בלוטיקע קאַמפן, צווישן טרויעריקערווירקלעכקייט, און טרוימען וועגן צוקונפט — האָט זיך געשאַרפט דער כאַראַקטער און גורל פון אונדזער דור...

האָבן די אַלע געדאַנקען געפירט צו אַנטוישונג, צום פאַרלירן דעם גלויבן אין בונדיזם? ניין, טויזנט מאָל ניין! מיר זיינען געווען אַזוי פאַרבראַנירט אין אונדזער בונדיזם. די ספיקות זיינען געווען ביי־פּראָדוקטן פון וואַקסן, געדייען, נישט פון ירידה, חלילה!

מיר זיינען, יעדערער אויף זיין שטייגער, געוואַקסן. גלייכצייטיק זיינען מיר אָבער געווען גורמים צו דער זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג פון דער תקופה גופא. דער דור האָט אַליין געשעפט אוצרות פון דער נייער צייט, ער האָט אויך משפיע געווען די צייט, די תקופה, און ער האָט זיך קריסטאַליזירט אויף דעם אייגענעם זעלבשטענדיקן שטייגער. מיר האָבן צו דעם פּראָצעס צוגעטראָגן זייער אַ סך. מיר זיינען געווען נעמערס און געבערס.

וואָרעם „דור" איז נישט אַן אָפּגעצאַמטע דערשיינונג אַליין פאַר זיך. ווירקונגען און איינפלוסן ציען זיך פון איין דור צום אַנדערן, און דאָס מיינט פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט. מיר האָבן צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו די וואונדער־

לעבע פלאַמען פון דער תקופה, און האָבן זיי אַלץ שטאַרקער צעבלאָזן. דאָס איז דער זינען פון ירושהדיקייט.

דער דור, וואָס איך באַהאַנדל דאָ איז, נאָך אַלעמען געווען אַ דור פון דורכשניטלעכקייט, מיטלמאָסיקייט. חוץ י. ל. פּרצן טיילט זיך נישט אויס מיט אמתער גרויספאַרמעסטקייט כמעט קיינער נישט. געווען טאַלענטירטע, פעאיקע שרייבער, בעלעטריסטן, פּאָעטן, פּובליציסטן. אָבער נישט געווען קיין געניאַלע עילוישע קעפּ, קיין שטאָלענע כאַראַקטערן. אַ סך פון זיי האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַנקראָטירט. מיר, די יונגע, אונטערוואַקסנדיקע, האָבן געקוקט קאָפּ אַרויף אויף אייניקע פון די „פירערס", „לערערס". אָבער נישט געקוקט אויף אונדזער אייגענער מיטלמעסיקייט, האָט יעדער פון אונדז געפילט די באַגרענעצטקייט, די וואָכעדיקייט, באַלע-בעסלדיקייט פון איינעם אָדער אַ צווייטן. אין אַ גרויסער מאָס זעען מיר די זעלבע דערשיינונג אויך ביי אַנדערע פעלקער אין אונדזער יאָרהונדערט, און אין די אַנדערע סאָציאַליס-טישע פּאַרטייען און באַוועגונגען.

דאָס זעלבע זעען מיר אין די פּאָליטישע פּאַרטייאי-שע באַוועגונגען, אויך אין בונד. מיר בונדיסטן האָבן נישט געוואוסט פון דער מחלה „פּערזאָנען-קולט", הגם געווען זיי-נען אין דער פּאַרטיי אַ צאָל מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פונעם דורכשניט — סיי אין מוט, סיי אינטעלעקטועל, סיי מאָראַליש, אידעאיש. מיר האָבן קרי-טיקירט געוויסע האַנדלונגען פון די פירער — אויף זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, אָבער מיר האָבן געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר די וואָרטזאָגערס פון צענטראַל-קאָמיטעט אָדער פון דער פּאַרטיי-צייטונג. מיר האָבן געהאַט טענות צו זיי, מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלץ וואָס מיר ווינטשן זיך קאָן מען דורכפירן ביי די געגעבענע באַדינגונגען. מיר האָבן זיך

באַמיט צו זיין אָביעקטיוו, אַריינדרינגען אין דער פּסיכיק און אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די עלטערע חברים. פון דער אַנדערער זייט, האָבן מיר נישט געליטן פון איבערגע־טריבענער „פאַרגעטערונג" פון דער מ אַ ס ע, פונעם פּראָ־לעטאַריאַט. מיר האָבן אויך נישט פאַרזען זייערע חסרונות.

צום אונטערשייד פונעם פריערדיקן דור, האָט אונדזער צווייטע גענעראַציע (1921—1939) געשאַפן אַ דור אָן אי־נערלעכע ספיקות און איבערטראַכטונגען, אָן דיסקוסיעס מיט זיך און מיט אַנדערע. יידיש — דאָס מאַמע־לשון פון קינד; יידישע ליטעראַטור און קונסט, יידיש פאָלקסליד, קאַמף פון בונד פאַר פולע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעכט; אויסראָטן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם; דאָס אַלץ איז געווען אַ זיכערער שליאַך, אַ גאָלדענע קייט פון אַקטועלע מעשים און מסירת נפש. קינד און עלטערן, יינגערע און דערוואַקסענע, „ברידער און שוועסטער" — אין אַלץ איז געווען גאַנצקייט, זיכערקייט, אויסגעהאַלטנקייט, און משפּחהדיקייט. דאָס האָט דעם יונגן דור שפּעטער, בעת די טראַגישע יאָרן פון דער נאַצי־מלחמה, צוגעגעבן אַ סך פעאיקייטן אויסצוהאַלטן און צו דערלעבן די פרייהייט און אויסלייזונג.

***

שווער, פיינלעך איז געווען דער היסטאָרישער וועג פון אונדזער בונדישן דור, פול מיט סכנות און מניעות. נישט געקוקט אויף דעם האָבן מיר אויסגעהאַלטן, נישט געליטן פון אַנטוישונג און ירידות. אונדזער גלויבן אין סאָציאַליזם איז געבליבן אומדערשיטערלעך, פעסטגעגרונטעט. בונדיזם איז גע־ווען און פאַרבליבן פאַר אונדז אַ באַוועגונג מיט אַ סך שיינער ראָמאַנטיק.

די תקופה
פון גרויסער
יידיש-וועלטלעכער
שעפערישקייט

א. דער פּיאָנערישער דור
(ווילנע, קיעוו, טאַמבאָוו)

ב. פּוילן — וואַרשע
(שול־באַוועגונג און ליטעראַטור)

צוויי דורות ווערן באהאנדלט אין מיין בוך. זיי מאכן דורך זייער וועג און אנטוויקלונג במשך די יארן 1897 — 1939. די העגעמאניע אין יידיש-וועלטלעכער קולטור-שע־פערישקייט גייט אריבער פון איין סעקטאר יידישע באפעל־קערונג אין צארישן רוסלאנד — צו א צווייטן: פריער — ווילנע און ליטווישע יידן; שפעטער — קיעוו און אוקראינישע יידן; שפעטער — טאמבאווער לערער-צוזאמענפאר; נאך שפעטער — ווארשע און פויליש יידנטום. יידישע ליטעראטור און טעאטער; יידישע שפראך און איר אויפבלי אויף פאר־שיידענע געביטן פון גייסטיקער קולטור; יידישע פאלקשול אין דער מוטערשפראך פון קינד, — א וועג פון שווערע קאמפן און ליידן פון דעם גאנצן יידנטום אין יענעם מלחמה-פעריאד אין צארישן רוסלאנד. דאס זיינען צוויי דורות פון אויסער־געוויינטלעכער שעפערישער אקטיווקייט, פון גייסטיקער דער־הויבנקייט און חשיבות, פון אויפבלי, פארמעסטן און דער־גרייכונגען, פון אינטימער פארבונדנקייט מיט דער יידישער שפראך. יעדער סעקטאר האט אריינגעטראגן זיין באלויכטונג, זיינע ניואנסן, אפגעשפיגלט זיין לעבנשטייגער און ארט דענ־קען, זיינע עלעמענטן פון רוח חיים און שטרעבן צו אלץ העכערע מדרגות.

די גאר ערשטע טריט אויפן דאזיקן וועג ווערן אויסגע־טראטן אין דער היסטאריש-יידישער שטאט ווילנע. דא איז געבוירן געווארן די יידישע ארבעטער-באוועגונג און איר שפעטערדיקע רעפרעזענטאנץ — דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער-בונד אין ליטע, רוסלאנד און פוילן. דא זיינען גע־מאכט געווארן די ערשטע פרואוון פון ברענגען צו די ארבע־טער די אלגעמיינע בילדונג און קולטור אין דער יידישער שפראך — אין אוונט-שולן, שבת-שולן, אין „פארלעזונגען"

און לעקציעס. פראפעסיאנעלע אינטערעסן, קאמף פאר א קירצערן ארבעט־טאג און בעסערע שכירות מיט היגיענישע באדינגונגען, — איז צונויפגעפאלן מיטן וואוקס פון פאליטישן באוואוסטזיין, מיט גלויבן אין סאציאליזם און אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט, מיט קאמף קעגן די צארישע גזירות און אומרעכטן לגבי דעם גאנצן יידישן פאלק.

ווילנע האט פארמאגט אלע נויטיקע „בוי־מאטעריאלן" און מכשירים און וויכטיקע געטרייע דינער פון די נייע אידעאלן און טעטיקייטן. דא איז געווען די גרויסע יידישע שטראשון־ביבליאטעק מיט איר גוטן קאטאלאג, מיט א מחנה ישיבה־בחורים וואס פלעגן קומען אהער אפרוען פון לערנען די שווערע פאליאנטן גמרא. דא איז געווען דער מלוכהשער יידישער לערער־אינסטיטוט וואס האט געגרייט פראפעסיאנעלע לערער פאר די יידישע „קאזיאנע" שולן — אבער דער זעלבער אינסטיטוט איז געווארן א צענטער פאר יונגע אידעאליסטן פון העכערער בילדונג, פאר העכערע נאציאנאלע און אוניווערסאלע לאזונגען און פראגראמען. דא זיינען געווען גוטע יידישע דרוקערייען וואס האבן געהאלפן דעם „בונד" און אנדערע באוועגונגען ארויסצוגעבן אייגענע אומלעגאלע אויסגאבעס. דא איז געווען א גרויסע יידישע וועלטלעכע אינטעליגענץ וואס האט געערדט א געשמאקן אייגנארטיקן יידיש. דא האבן זיך צוביסלעך קאנצענטרירט יידישע שרייבערס — פראזאאיקערס און פאעטן, פובליציסטן, פארשערס, געשיכטע־שרייבערס. דא איז געווען א גרויסע מאסע יידישע פראלעטאריערס, ארבעטערס פון ווארשטאטן, בעלי־מלאכות און סתם פיזישע ארבעטערס, האנדלס־אנגעשטעלטע און פארמיטלערס, — און זיי אלע האבן געטרוימט וועגן א נייעם לעבן־סדר, וועגן נייע חברישע קאנטאקטן, וועגן נייע לידער און נייע לאזונגען. דאס האט זיי געבראכט צום בונד, דאס האט דעם בונד געבראכט צו זיי.

אויפן שול־געביט האבן ווילנער און אנדערער לערער אנגענומען און פראפאגאנדירט דעם נייעם קולטור־פאליטישן און פעדאגאגישן לאזונג פון א שול אין דער מוטערשפראך פון

קינד; לערערס האָבן „אַריינגעשמוגלט" דעם לימוד פון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין די „רוסישע" פילאַנטראָפּיש־צדקהשע תלמוד־תורהס און אַנדערע טיפּן שולן וואָס זיינען געווען לעגאַליזירט אין דער רוסישער שפּראַך. און ווען קיין ווילנע האָבן זיך דערטראָגן די אָפּקלאַנגען פון די ערב־רעוואָלוציע־דונערן אין פּעטערבורג (1904-1905), האָט אויך די ווילנער לערערשאַפט צוגעבראַכט איר פּלאַס, געדופן שאַפן אַ לערער־פאַרבאַנד אויפן יסוד פון דער פאָלבארעכטיקטער און מלוכה־אויסגעהאַלטענער אויטאָנאָמער וועלטלעכער שול אין דער יידישער שפּראַך.

אַזוי אַרום איז דאָס יידישע לעבן געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייעם קאָמפּלעקס דערשיינונגען און אַקטיוויטעטן: פּאָליטישע אַרבעטער־באַוועגונג און איר גרייטקייט פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציע; הויכע פּעדאַגאָגישע אידעאַלן; אויפבוי פון יידישער קינסטלערישער ליטעראַטור; דערשיינונג פון אַ טאָג־צייטונג אין דער יידישער שפּראַך; התחלות פון נייע שול־פּרואוון און אָרגאַניזאַציאָנעלע שול־גרופּירונגען, אַן אַטמאָספער וואָס האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „יידישיזם". אַסימילאַציע האָט זיך דאָ ווייניקער געפילט.

די געשיכטע און דער פאַרמעסט פון ווילנער לערערשאַפט און שולטוערס אינעם פּעריאָד 1918—1921 זיינען פאַראייביקט אין אַ צאָל שול־פּעדאַגאָגישע צענטראַלע און לאָקאַלע אויסגאַבעס.

די ווילנער אָרעמקייט און טאָגטעגלעכע נויט, די אָרומיקע מתנגדיש־אָרטאָדאָקסישע פרומקייט, דאָס געפינען זיך צווישן צוויי פרעמדע שפּראַכן און קולטורן — פּויליש און רוסיש — האָט געפּענטעט דעם וואוקס און קאַמפסגייסט פון דער נייער שול־קולטור־יידיש־באַוועגונג.

***

קיעוו — האָט פאַרמאָגט אַ וואַרעמערע, מוטיקערערע, גייסטרייכערע, מער וועלטלעכע און מאָדערנע אַטמאָספערע.

אין קיעוו און אין די קלענערע שטעטלעך פון דער אַרומיקער סביבה, שטעטלעך וואָס האָבן „געשיצט" די יינגערע און עלטערע אינטעליגענטן פאַר אַן עין־הרע פון רעכטלאָזיקייט, האָבן זיך געקליבן און איינגעאָרדנט אַ היפּש ביסל שטענדיקע לעגאַליזירטע בירגער יידישע אינטעליגענטן. דאָ האָט זיך געשאַפן אַן איינגאַרטיקער יידישער קיבוץ מיט אַן אייגענעם כאַראַקטער. קיעוו האָט פאַרמאָגט אַ היפשע יידישע אינטעליגענץ און סטודענטשאַפט — מיט ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און צו איר ערנבירגער וואָס האָט אין זיין פעלעריגע קורסירט אויף די גאַסן פון גרויס- און קליין- וואַסילקאָווסקע — צו שלום־עליכמען. די יידישיסטישע אינטעליגענץ איז געווען ניט נאָר געבונדן צווישן זיך, זי האָט אויך געהאַט פאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן אין די „העכערע" פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע רייכע קרייזן, און אויך צווישן די פּראָפעסיאָנאַלן — דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אויף וועלכע די וואַקסנדיקע יידיש־באַוועגונג האָט געקראָגן אַלץ גרעסערן איינפלוס. אַ דאַנק דעם, וואָס אין קיעוו האָבן זיך איינגעפונדעוועט אָפּטיילונגען פון אַ צאָל פּעטערבורגער יידישע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס (חברה מפיצי השכלה, ליטעראַרישע געזעלשאַפט, איקאַ, אָרט, א"אַ) האָבן די יידישיסטישע אינטעליגענטן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די פּעטערבורגער עסקנים און מנהיגים, און אַזוי אַרום אויסגעברייטערט זייערע אייגענע ווירקונגען און איניציאַטיוון. אין אַזאַ אַטמאָספערע איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די באַרימטגעוואָרענע יידיש־שול אין דעמיעווקע. די מער פרייערע וועלטלעך־מאָדערנע שטימונגען האָבן דערמעגלעכט, די פאָרשטייערס פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ זאָלן קומען צום וואָרט אויף עפנטלעכע זיצונגען פון דער קהילה, אויף די יערלעכע פאַרזאַמלונגען און באַריכטן פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס וכד'. דאָס זעלבע — זייערע דעלעגאַטן זאָלן געשיקט ווערן צו די גרעסערע צוזאַמענקומען פון גאַנצן לאַנד — אין פּעטערבורג. קיעוו איז געווען ווייניק פּאַרטייאיזירט, — סיי בונד, סיי די ס"ס, סיימיסטן, אָבער מער נאַציאָנאַל, מער אַריינגעטאָן אין

געשיכטע און טעאָריעס, אין שרייבן (אויף רוסיש) פּראָגראַמען און רעזאָלוציעס, אין שאַפן אייגענע פּרעסע וכד׳.

מיין כאַראַקטעריסטיק פון „קיעוו״ און איר יידישיסטי־שער אינטעליגענץ באַציט זיך, אייגנטלעך, צו צוויי פּעריאָדן: די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון די מלחמה־יאָרן — און די יאָרן פון נאָך דער מלחמה.

ווען די מאַכט פון דער דייטשער אַרמיי האָט זיך גענומען איינברעכן און ווען עס איז געקומען די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די זעלבשטענ־דיקע אוקראַאינער פאָלקסרעפּובליק מיט דער „צענטראַלער ראַדע״ בראַש און עס איז געשאַנקען געוואָרן נאַציאָנאַלע און קולטור־אויטאָנאָמיע די באַשטאַנד־פעלקער פון דער אוקראַאי־נער מלוכה (פּאָליאַקן, רוסן, יידן), האָט די „יידישיסטישע״ אינטעליגענץ געיובלט צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַנד. מ. זילבער־פאַרב האָט געפירט דאָס יידישע מיניסטעריום, דער נייער שול־אַפּאַראַט האָט געאַרבעט ענערגיש, אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַ נס, דער גלויבן אין דער אוקראַאינער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע איז געווען שטאַרק, יידישע אינטעליגענץ איז געווען פול מיט האָפענונגען און פּערספּעקטיוון. די פּיאָנערישע לאַזונגען פון ווילנער לערערשאַפט, אירע פּראַקטישע פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן האָבן אויפגעלעבט דאָ אין קיעוו.

ניט לאַנג אָבער האָט געגומען, און העטמאַן סקאָראָ־פּאַדסקי האָט דורכגעפירט אַ פּאַשיסטישע איבערקערעניש. עס איז קיין שריד ופליט ניט געבליבן פונעם יידישן מיניס־טעריום, מיט זיינע פּלענער, מיט זיין גרויסער שולנעץ איבערן לאַנד. און מערקווירדיק, די קיעווער יידישיסטישע אינטעלי־גענץ האָט זיך ניט איינגעבראָכן, ניט אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק פון האָפענונגסלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט, זי איז געבליבן געטריי איר אידעאַל פון יידיש, וועלטלעכקייט, אַ שול אין דער מוטערשפּראַך. זי האָט ווייטער געבויט פּלענער פון צוריק אויפשטעלן די גאַנצע ירושה פון יידישן מיניס־טעריום, צוריק לאָזן אין גאַנג אַ גרעסערן אַפּאַראַט פאַר יידיש־וועלטלעכער שול און קולטור.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „קולטור־ליגע", עס זיינען אין איר געווען פאַרטראַטן און באַשעפטיקט די פירערס פון די סאָציאַליסטישע און ניט־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען. אינעם גאָרטן פון יידיש־וועלטלעכער קולטור, וואָס בייזע ווינטן האָבן געזוכט איך אונטערגאַנג און חורבן, האָט זיך אומדערוואַרטעט צע־בליט אַ ניי געוויקס, פול מיט נאַציאָנאַלע זאַפטן, פול מיט האָפענונגען און געוואַגטקייטן.

אַרום האָט געבושעוועט די אוקראַינער קאָנטער־רעוואָ־לוציע. די כלומרשטע „דעמאָקראַטיע" פון אוקראַינער פאָלק, די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און וואָרטזאָגערס פון דער צענטראַלער ראַדע, — אַלץ האָט באַנקראָטירט, אַלץ איז געווען העסלעך שקלאַפיש פאַרבונדן מיט דעם קריגס־שטאַב פון דער דייטש־עסטרייכישער אַרמיי, וואָס איז געוואָרן דער מושל און דער אַקופּאַנט פון גאַנצן לאַנד. די חיהשע אַנטי־סעמיטישע אינסטינקטן פון די אוקראַינישע פאָלקסמאַסן האָבן געשפּאַרט פון אַלע זייטן און מתרה געווען וועגן גרויזאַמע צייטן און געשעענישן וואָס גייען אויפן יידישן פאָלק. און דאָ — אין קיעוו — איז געשטאַנען אַ גרופּע אידעאַליסטן, ענ־טוזיאַסטן, „יידישיסטן", וואָס האָבן געהאָפט מיטן כוח פון יידישן גייסט, פון נייער שול־קולטור־ליטעראַטור־אַרבעט — אויפהאַלטן די פלאַמען פון גלויבן אין די יידישע מאַסן, זיי ראַטעווען פון פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג. און די נייע אָר־גאַניזאַציע מיטן באַשיידענעם נאָמען „קולטורליגע" האָט באמת אויפגעטאָן און דערגרייכט — אין קיעוו און איבערן גאַנצן לאַנד — וואונדערלעכע זאַכן. עס איז באמת געווען אַ גרויסער נס פון עקשנותדיק זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן די סכנות און פלאָגן וואָס האָבן געדראָט דער יידישער סביבה.

די גרויסע אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער אויטאָנאָמיע האָט סקאָראָפּאַדסקי בטל געמאַכט. אָבער איין מאָל זיך אַרויסגעריסן פון אונטערערד, האָט שוין די קולטור־ענערגיע זיך נישט אָפּגעשטעלט. ווי באַלד עס האָט זיך געשלאָסן דאָס יידישע מיניסטעריום מיט זיין בילדונגס־

דעפּאַרטאַמענט, האָט די אַקטיווע שעפערישקייט אין דער יידישער שפּראַך געזוכט פאַר זיך אַ נייעם וועג און מעגלעכ־קייטן. דער דאָזיקער נייער וועג — דאָס איז געווען די געשאַ־פענע „קולטור־ליגע". זי האָט איבערגענומען דעם גאַנצן פאַר־מעגן פון יידישן מיניסטעריום: אַלע שולן, קינדערגערטנער, ביבליאָטעקן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, אָוונטשולן, גימנאַזיעס, — אַלץ וואָס האָט פונקציאָנירט אין לאַנד אין דער יידישער שפּראַך. פון אַ מלוכה־אינסטיטוציע האָט די יידישע אויטאָ־נאָמיע געפּרוּוט פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פרייוויליקער יידי־שער זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט אייגענער זעלבסט־אויסהאַל־טונג.

געשאַפן געוואָרן איז די „קולטור־ליגע" אין קיעוו אין מאַי 1918, און שוין ביי אירע ערשטע טריט האָט זי פאַרמאָגט 25 אָפּטיילונגען אין לאַנד. אַלע טוערס אויף די ערטער האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט — זיי זיינען נישט אַליין, זיי האָבן זיך אויף וועמען אָנצושפּאַרן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „קולטור־ליגע" איז באַשטאַנען פון 21 מענטשן: 9 פאַראיי־ניקטע, 7 בונדיסטן, 2 פועלי־ציון, 3 פאָלקס־פּאַרטיי און אומ־פּאַרטייאישע. דאָ זיינען געזעסן אַרבעטער־טוערס, לערערס, שרייבערס, קינסטלערס, — אַלע האָבן זיך געפילט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַרן גורל פון יידישן וואָרט, יידישער דערציאונג, יידישער קונסט. אין 7 סעקציעס האָט זיך די „קולטורליגע" פאַרטיילט: ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע, טעאַטער, מאַלעריי און סקולפּטור, פאָלקשולן, פאַרשול־בילדונג, אויסערשול. יעדע סעקציע איז געווען זעלבשטענדיק און האָט זיך מיט אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. אין גיכן איז צוגעקומען נאָך איין גרויסער געביט: פאַרלאַג און צענטראַלער ביכער־לאַגער. סוף 1918 האָט די „קולטור־ליגע" שוין געהאַט אין לאַנד ביז 120 אָפּטיילונגען. אין קיעוו גופא האָט די „קולטור־ליגע" גע־האַט אַ גרויסע נעץ פון אַנשטאַלטן: אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ גימנאַזיע, אַ לערער־סעמינאַר, אַ טעאַטער־ און קונסט־סטודיע, אַ מוזיקאַלישע סטודיע. אַחוץ דעם האָבן צו איר געהערט 12 פאָלקשולן און 4 קינדערגערטנער, — זיי זיינען

געווען איינגעשלאָסן אין דער נעץ פון דער אָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

„קולטור־ליגע" איז געוואָרן די פרייד און שטאָלץ פון אַלע יידישיסטישע עלעמענטן אין לאַנד. דאָס איז איצט געווען די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציע פון אוקראַינישן יידנטום. דאָ האָט געברויזט די רעוואָלוציאָנערע שעפערישקייט פון אַ יונגער קולטור און גאָר באַזונדערס פון דער נייער שול. דער „דעמאָקראַטישער לערער־פאַרבאַנד" איז געווען די שולסעקציע פון דער „קולטור־ליגע" און האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער דעפּאַרטאַמענט פאַר פאָלקשול־בילדונג. דער פּעדאַגאָגישער זשורנאַל **„שול און לעבן"**, וואָס די סעקציע האָט אַרויסגעגעבן, איז געשטאַנען אויף אַ גרויסער הויך. די נשמה פון דער שול־סעקציע איז געווען **שמעון דאָבין** (שמעוני). דער נערוו און אינזשיניער פון דער „קולטור־ליגע" איז געווען **זעליק מלמד**. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „קולטור־ליגע" איז געזעסן דאָס שענסטע וואָס די יידישע אינטעליגענץ פון אוקראַינע האָט פאַרמאָגט. אין גרעסטן טייל זיינען עס געווען די זעלבע וואָס זיינען פריער געווען מיטאַרבעטערס און באַאַמטע פון יידישן מיניסטעריום.

ווי אַ גרויסער נס און אומבאַגרייפלעכע דערשיינונג האָט אויסגעזען די „קולטור־ליגע" אין די יאָרן 1918—1920. אין לאַנד האָט געפלאַקערט אַ ביטערער בירגער־קריג; בסדרדיקע איבערקערענישן, טויש פון רעזשימען, מאַכט־פאַרכאַפּונגען; יידיש בלוט האָט זיך אַן אויפהער געגאָסן, שוידערלעכע שחיטות אין איינצלנע שטעט האָבן געמאַכט פאַרגליווערן דאָס בלוט; קיעווער יידן האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע צייטן. און דאָ, אונטערן קראַכן פון האַרמאַטן, אונטערן וויגעשריי פון פּאָגראָמירטע יידישע קהילות זיינען געשטאַנען איינצלנע אידעאַליסטן און נישט אַרויסגעלאָזן די פאָן פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור פון זייערע הענט. יידישע באַפעלקערונג האָט געהונגערט, יידישע אינסטיטוציעס זיינען געזעסן אָן אַ גראָשן — די „קולטור־ליגע" האָט געפירט איר אַרבעט אָן אָפּשטעל און אין גרויסן פאַרנעם. 283 אַנשטאַלטן זיינען אי־

בערן לאַנד געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון „קולטור־ליגע": 42 קינדערגערטנער, 11 יתומים־הייזער, 63 עלעמענ־טאַרע שולן, 3 גימנאַזיעס, 9 שפּיל־פּלעצער, 54 ביבליאָטעקן, אַ גרויסע צאָל כאָרן און דראַמאַטישע קרייזן, קוונסט־קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן א"אַ.

וואָס מער און ענגער די רויטע אַרמיי האָט אַרומגענומען קיעוו און עס האָט זיך דערנענטערט דער מאָמענט ווען די באָלשעוויקעס וועלן באַהערשן גאַנץ אוקראַינע; וואָס מער אַנטיסעמיטיש און ציניש־פּאָגראָמיש עס זיינען געוואָרן די פירערס פון דער אוקראַינער מלוכה; וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן די פּאָזיציע פון דער ראַטנמאַכט אין מאָסקווע, — אַלץ שאַרפער האָט זיך געצייכנט אַ נייע ליניע אינעם לאַגער פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: פריער יחידים, שפּעטער גאַנצע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַקערט צום קאָמוניזם, געוואָרן זיינע געטרייע דינערס און אַגענטן. פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער „קולטור־ליגע". ווער פון זיינע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמי־טעט האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָסקווע (דער ערשטער — מ. ליטוואַקאָוו; דער פּאָרזיצער פון „קולטור־ליגע"); ווער ס'האָט פשוט פאַרלאָזן די רייען פון די „קולטור־ליגע"־טוערס; און ווער עס איז פאַרבליבן אין „קולטור־ליגע", כדי איר צו פאַרקירעווען אויף אַ קאָמוניסטישן וועג... סוף פעברואַר 1919 האָט זיך דער סאָוועטן־רעזשים ענדגילטיק פאַרפעסטיקט אין קיעוו. די יעווסעקציע האָט זיך געאיילט אַרויפצוליגן איר לאַפּע אויף דער „קולטור־ליגע". די פאַרבליבענע אַנטי־קאָמו־ניסטישע טוערס פון דער „קולטור־ליגע" האָבן נאָך געפּרואווט אויסדינגען אַזעלכע באַדינגונגען וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן די ווייטערדיקע עקסיסטענץ פון דער „קולטור־ליגע" אונטער דער נייער מאַכט. זיי זיינען געווען גרייט אַריינצונעמען אין צענ־טראַל־קאָמיטעט פון „קולטור־ליגע" אַ גרעסערע צאָל יידישע קאָמוניסטן, אַבי עס זאָל אָנגיין ווייטער די יידישע קולטור־און שול־טעטיקייט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. מיט אַ דעקרעט פון דער סאָוועטישער מאַכט איז די „קולטור־ליגע"

דערקלערט געוואָרן פאַר אַ קאָמוניסטישער קערפּערשאַפט און איר פאַרמעגן איז „נאַציאָנאַליזירט געוואָרן". עס זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן קאָמיסאַרן וועלכע האָבן איבערגענומען דעם אַפּאַראַט פון דער „קולטור-ליגע" און אַלע אירע אינסטי- טוציעס אין זייערע הענט. דאָס אויספיר-ביוראָ פון דער „קול- טור-ליגע" (מ. זילבערפאַרב, יוסף לעשצינסקי, א. ליטוואַק, נ. מייזעל, ז. מלמד, ח. ש. קאַזדאַן) האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן ווייטער אין דער קאָמוניזירטער „קולטור-ליגע" און זיי האָבן אָרגאַניזירט זייער אַריבערפאָר קיין פוילן, כדי דאָ ווייטער פאָרצוזעצן זייער אַרבעט פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. אין וואַרשע האָבן זיי ווידער אויפגעבויט דעם גרויסן פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין טעטיקייט איבער דער גאַרער וועלט. דאָ אין וואַרשע איז אויך אויפגעבויט געוואָרן די **געזעלשאַפט** „קולטור-ליגע", אָבער איר כאַראַקטער און פאַרנעם איז געווען אַ סך באַשיידענער ווי אין קיעוו.

די אוקראַינער „קולטור-ליגע" איז אונטערגעגאַנגען, אָבער די אידעע פון קולטור-ליגע האָט ווייטער געלעבט. קולטור- ליגעס זיינען אַנטשטאַנען אין בעסאַראַביע, אין ליטע און אַפילו אין סיביר. קולטור-ליגעס האָבן זיך אויפגעבויט אין ווילנע און אין ביאַליסטאָק, הגם זיי זיינען געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון קיעוו. „קולטור-ליגע" איז אומעטום געווען דער רוף צו קולטור-שעפערישקייט און יידיש-געטריישאַפט, און אומעטום איז זי געווען די פאַרקעמפערין און בויערין פון דער יידיש-וועלטלעכער שול.

די **קולטור-ליגע** האָט קורץ געלעבט. זי איז אַדורך דעם הימל פון אוקראַינער יידנטום ווי אַ מעטעאָר. זי האָט אַריינגעשריבן אַ שיין און ראָמאַנטיש קאַפּיטל אין דער יידישער קולטור-געשיכטע פון אונדזער צייט.

שפּעטער האָבן דעם ענלעכן וועג פון אויפבוי און חורבן דורכגעמאַכט די יידישע געמיינדעס פון ליטע און פון די דריי באַלטישע לענדער. הגם די העברעאיסטישע און פאַנאַטיש-

אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן זיינען דאָ געווען אַ גרויסער שטער, האָבן דאָך די יידישיסטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, און מער פאַר אַלץ די לערערשאַפט, באַוויזן אויפצובויען אַ צאָל שולן און קולטור-אַנשטאַלטן, אויפן יסוד פון די זעלבע „ווילנער" לאָזונגען און פון די נייע פּעדאַגאָגישע פּראָגראַמען און אידעען פון יענער צייט. אויך דאָ האָבן די פאַשיסטישע אי-בערקערענישן חרוב געמאַכט אַלע דערגרייכונגען.

***

זייער אַ ווירדיקער און ווערטפולער שול-קולטור-בוים איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין אַ ראַיאָן, וואָס מיר האָבן פאַרצייכנט אונטערן נאָמען **טאַמבאָוו**. עס איז געווען אַ ברייט-פאַר-מאָסטענער און אַ סך-צוזאָגנדיקער עקספּערימענט, וואָס אויך אים איז באַשערט געוואָרן קיצור ימים... טאַמבאָוו איז אַ שטאָט אין צענטראַל-רוסלאַנד, אין אַזוי גערופענעם „גרויס-רוסלאַנד". אין דעם טאַמבאָווער ראַיאָן האָבן זיך „געזאַמלט" די יידישע פּליטים וואָס די צארישע הערשערס האָבן אַרויסגע-ריסן פון די גרענעץ-שטעט און שטעטלעך. טויזנטער דער-וואַקסענע און קינדער האָבן זיך דאָ געראַטעוועט און גענומען פירן אַ נאָרמאַל לעבן. יידישע קאָמיטעטן און געזעלשאַפטן האָבן פון פעטערבורג געשיקט סיסטעמאַטישע הילף. געבן די קינדער אַ שול, אַ דערציאונג, אַ היים, אַ וואַרעמע אַטמאָספערע —איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן. אוים-ניצנדיק אַ ניי-דערשיינענעם שול-געזעץ וואָס האָט דערמעג-לעכט אַ שול אין דער מוטערשפּראַך פון קינד, האָבן יידישע לערערס גענומען בויען אַ נייעם טיפּ שול — וועלטלעך און יידיש — מיט אַ נייער פּראָגראַם און נייע רופן. אַ גרויסע נעץ פון אַזעלכע שולן איז אויסגעוואַקסן אין דעם ראַיאָן.

הונדערטער טויזנטער יידישע פאָלקס-מענטשן זיינען מיט אַ מאָל געוואָרן היימלאָז: דער רוסישער שטאַב האָט זיי פאַר-אָרדנט צו פאַרלאָזן זייערע היימען, באַשולדיקנדיק זיי אין שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשן; אָדער זיי זיינען אַליין געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן. די צארישע רעגירונג איז

געווען געצוואונגען צו עפענען פאַר דעם גרויסן שטראָם יידן־פליטים די צענטראַלע גובערניעס, וועלכע זיינען געלעגן אויסערן תחום. אין טאַמבאָווער, וואָראָניעזשער, ניזשנענאָוו־גאָראָדער, פּערמער און אַנדערע אַזעלכע גובערניעס האָבן זיך מיט אַ מאָל געשאַפן גרויסע יידישע קהילות — מענטשן אומגליקלעכע, הוילע, אָן בעטגעוואַנט, אָן מיטלען צום לעבן און אָן שום פּרנסה. די היימלאָזע — דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין יענער צייט.

צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אויך געשטעלט די שווערע פּראָבלעם צו שאַפן שולן און דערציאונגס־אַנשטאַלטן פאַר די טויזנטער יידישע קינדער פון די פליטים, וועלכע זיינען מיט אַ מאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער נאָרמאַלער סביבה. מען האָט די קינדער געדאַרפט געבן עסן צו זאַט, שיכן און קליידן, און באַזאָרגן מיט לערנען, מיט דערציאונג. אַ גרויסע אינטענסיווע אַרבעט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם געביט. די חברה מפיצי השכלה (אָפּע), די געזונטהייט־חברה „אָזע" און אַנדערע געזעלשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט די דאָזיקע אַרבעט. צענדליקער לערערס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעטונגס־אַרבעט פאַרן יידישן קינד; אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער קינדערהיים־שול פאַר העכער 100 קינדער אין מאַריופּאָל.

אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די מאָסקווער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי השכלה: אַ געוויסע צייט האָט זיך דאָרטן אָנגעזאַמלט אַ גרויסע קראַפט פון יידישיסטישער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. אַלס באַפולמעכטיקטע פון דער מאָסקווער „אָפּע" האָבן געאַרבעט פאָלק האַלפּערין, ר. בעקער; צווישן די לערערס אין אירע שולן זיינען געווען אַזעלכע פּעדאַגאָגן ווי דוד האָכבערג, קאָזאַקעוויטש.

פאַר די דאָזיקע טוערס און לערערס איז אויך געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און דער שפּראַך פון דער שול, וואָס מען דאַרף אויפשטעלן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע. עס איז נישט געווען קיין סתם טעאָרעטישע פראַגע. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן אַ גרויסן שולוועזן: אין וואָראָניעזשער גובערניע, למשל, זיינען געווען 10 שולן — דערפון אין וואָראָניעזש גופא אַ גרויסע שול מיט 264 קינדער; אין ניזשנעאָווגאָראָדער גובערניע זיינען געווען 12 שולן מיט 1350 קינדער. די קינדער זיינען געווען נערוועז, דערשלאָגן, מען האָט געמוזט געפינען אַ וועג צו זייער נשמה און געמיט. האָבן די יידישיסטישע לערערס און טוערס געענטפערט קלאָר: מען דאַרף פירן די נייע אַנשטאַלטן אויסשליסלעך אין דער יידישער שפּראַך, אַלע לימודים, חוץ רוסיש, זאָלן געפירט ווערן אויף יידיש, און די דערציאונג דאַרף זיין אַ פרייע, אַ וועלטלעכע.

די יידישיסטישע קרייזן זיינען געשטאַנען פעסט אויף זייערע פּאָזיציעס און נישט נאָכגעגעבן די העברעאיסטישע און רוסיפיקאַטאָרישע פּאַנאַטיקערס. די נייע שול איז געגאַנגען ווייטער מיט דער ליניע פון אַ שול אויף דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער. און גערעכט איז געווען ר. זעורא,* ווען ער האָט געשריבן אין דעם יאַנואַר־זאַמלבוך פון פאַרלאַג „דער טאָג״ („דאָס יידישע וואָרט״ יאַנ. 1916 פּט״ב): „מיר האָבן שוין איצט נישט איינע און נישט צוויי יידישע פאָלקסשולן, נאָר היפשע עטלעכע צענדליק שולן, וואו די שפּראַך פון די לימודים איז די יידישע מוטערשפּראַך. ביז 5000 יידישע קינדער האָבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער אַרומיקער וועלט און מיטן לעבן און מיט דער געשיכטע פון אייגענעם פאָלק אויף דעם לשון, וואָס זיי זיינען צו אים צוגעוואוינט פון וויג אָן. ווער וועט אָפּשאַצן, וויפל פרייד און ליכטיקייט און גוטע האָפענונגען דער דאָזיקער פאַקט טראָגט אַריין אין אונדזער לעבן״...

* לויט דער השערה פון ש. ניגער זאָל דאָס זיין א. ראָזין (עזרא).

דער טאַמבאָווער לערער־צוזאַמענפאָר האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דער דאָזיקער „פרייד און ליכטיקייט און גוטע האָפענונגען” פון דער נייער יידישער שול...

יונגע לערערס, פול מיט ענטוזיאַזם און געטריישאַפט צו דער נייער יידישער שול אין דער מוטערשפּראַך פון קינד, האָבן זיך געוואָרפן צו דער אַרבעט. מען האָט דיסקוטירט צווישן זיך, געזוכט נייע לערן־ און אַרבעט־מעטאָדן פאַר דער שול, מען האָט געפירט שמועסן מיט די עלטערן און זיי איבערצייגט אין דער ריכטיקייט און באַרעכטיקטקייט פון דער נייער שול. מען האָט גערופן באַראַטונגען פון עטלעכע שולן צוזאַמען, מען האָט געשאַפן נייע טעקסט־ און לערנביכער.

די שולמאַכט אין פּעטערבורג און אויף די ערטער האָט שוייגנדיק גענומען צו קענטעניש, אַז אַט די נייע שולן ווערן געפירט אין דער יידישער שפּראַך. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע באַוועגונג פאַר אַ שול אויף יידיש. מען האָט איר געדאַרפט געבן אַ געזעלשאַפטלעכן אויסדרוק, אַ פּעדאַגאָגישע באַגרינדונג. מען האָט געדאַרפט רעגולירן די פּראָגראַם און די לערן־סיסטעם אין דער נייער שול־נעץ.

די איניציאַטיוו אין דעם פּרט האָבן גענומען אויף זיך די טאַמבאָווער און אַנדערע לערערס פון מאָסקווער ראַיאָן; אין טאַמבאָוו גופא איז געווען אַ גוטע מוסטערהאַפטע שול. האָבן טאַקע פאַלק האַלפּערין, דוד האַכבערג און קאָזאַקעוויטש דורכגעזעצט, מען זאָל רופן אַ לערער־צוזאַמענפאָר און פאַר־ענטפערן די אַלע אָנגעצייכנטע פראַגעס. ביי די באַדינגונגען פון מלחמה־צושטאַנד און ביי די טראַדיציעס פון דער צאַרישער מאַכט, איז דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר פאַרגעקומען, נאַטיר־לעך, אומלעגאַל, און אין דער פּרעסע האָט מען וועגן אים גערעדט אַנאָנים. נישט די שטאָט, נישט די אָנטיילנעמערס האָט מען נישט דערמאָנט ביים נאָמען. ערשט שפּעטער מיט חדשים האָט מען אָנגעהויבן צו ביסלעך אָנצורופן די נעמען „טאַמבאָוו”, „טאַמבאָווער צוזאַמענפאָר”, די „טאַמבאָווער רעזאָלוציעס”. דער אָפּקלאַנג פון אָט דעם צוזאַמענפאָר איז

געווען אומגעהויער גרויס. עס איז אַפילו געווען אַרויסגעגעבן אַ קליינע בראָשור מיט אַ באַריכט פון דעם צוזאַמענפאָר. טאַמבאָוו איז געוואָרן אַ שם דבר אין דער יידישער פּעדאַ־גאָגישער וועלט.

ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט דאָס קאַפּיטל טאַמבאָוו געוואָרן אַן אויסגאַנג-פּונקט פאַר דער וויטערדיקער אַנטוויק־לונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שולבאַוועגונג, אירע גרויס-פאַרנעמיקע פּלענער און פּערספּעקטיוון. אָבער עס איז דאָך געווען 1916, די מלחמה-קאַמפן האָבן געפלאַקערט, און באַלד איז געקומען די פעברואַר-רעוואָלוציע 1917, און די ראָד פון דער געשיכטע האָט זיך געדרייט גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג.

**
*

דער נייער אַקטועלער לאָזונג אין ווילנע, אין קיעוו און אין טאַמבאָוו — איז געווען ניט נאָר אַ שול אין יידישער שפּראַך, נאָר בפירוש אַ וועלטלעכע שול און דערציאונג. דער דאָזיקער לאָזונג האָט געהאַט אין זיך דעם גייסט פון ראַדי־קאַליזם, אַ־רעליגיעזקייט, מאָדערנעם פרייען דענקען. דאָס — צוזאַמען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג — האָט באַטייט אַן אמתע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן בכלל און באַזונדער אין יידיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר (60ער און זיבעציקער יאָרן) מערקט זיך אַ טענדענץ אַפילו אין גוטע יידישיסטישע קרייזן אויסצומיידן דעם וואָרט וועלטלעך, וועלטלעכע און צו פאַרבייטן אים מיטן וואָרט סעקולער. ניין, מיר דאַרפן איינהאַלטן דעם לאָזונג פון וועלטלעכקייט, פון יידיש-וועלט־לעכער שול. דער דאָזיקער פאַראַל האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער יידישער קולטור-טראַדיציע פון היינטיקן יאָר־הונדערט. עס איז אַ שיינע טראַדיציע וואָס טאָר נישט פאַר־געסן ווערן. אַפילו אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט איז יידיש געווען אינטים געבונדן מיט וועלטלעכקייט ; עדות זיינען די

פאָלקסלידער און פאָלקסמעשיות, אויך די אַנדערע פאָלקס־אויסגאַבעס — דאָס באַליבטע שפּייז ביי יונגע און עלטערע פרויען, ביים פּשוטן האַלב־גראַמאַטנעם פאָלקסמענטש און האָרעפּאַשניק. זיי האָבן ניט געוואוסט פונעם וואָרט „וועלט־לעך", דאָס איז ביי זיי געווען די נאַטירלעכע טאָג־טעגלעכע גייסטיקע שפּייז, וואָס האָט זיי געשאַפט פאַרגעניגן און באַפרייט פון די קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעזע איינרעדענישן און באָבע־מעשיות. דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידיש־קולטור־באַוועגונג אין פוילן באַשטעטיקט אויפן בעסטן אופן דאָס וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט וועגן דעם לאַזונג וועלטלעכקייט.

וואַרשע –
גייסטיקע שעפערישקייט
און דערהויבנקייט

(צישאָ—מעדעם־סאַנאַטאָריע)

*   *
*

.1915־1914

די ערשטע וועלט־מילחמה. עס געדויערט נישט לאַנג און וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק און אַנדערע ווערן אָקופּירט דורך דער דייטשער און עסטרייכישער אַרמיי. עס איז נישט די זעלבע אַרמיי וואָס היטלער ברענגט שפּעטער אין דעם זעלבן פּוילן.

די יידישע באַפעלקערונג כאַפּט איבער דעם אָטעם. עס דערוועקט זיך ביי איר אַ ביסל מוט און געוואַגטקייט. יידישע אַרבעטערס הויבן אָן צוריק אויפשטעלן זייערע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען און אַנדערע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. און צוזאַמען מיט דעם הויבט זיך אויף אין וואַרשע און אין גאַנצן לאַנד אַ גרויסע באַוועגונג וואָס פאָדערט ביי דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט די רעכט און די אָנערקענונג פון אַ יידישער שול אין דער מוטערשפּראַך פון יידישן קינד. באַלד אין די ערשטע חדשים פון קריג אַנטשטייט די פּראָבלעם צו באַזאָרגן די קינדער פון די היימלאָזע וואָס האָבן זיך באַוויזן אין וואַרשע אין אַ גרויסער צאָל. די ציוניסטן און די אַסימילאַטאָרן עפענען קינדערהיימען פאַר די קינדער פון די היימלאָזע, די יידישיסטן קעמפן מען זאָל אין די אַנשטאַלטן איינפירן יידיש. עס אַנטוויקלט זיך אַ גרויסע יידיש־אַגיטאַציע אינווייניק אין יידישן לעבן און אויך כלפּי דער דייטשער מאַכט. מען דער־לאַנגט דער לעצטער עטלעכע מעמאָראַנדומס, סטאַטוטן אויף צו לעגאַליזירן די נייע שולן און עס וואַקסט אויס צוביסלעך אַ

גרויסע פּאָליטישע געזעלשאַפטלעכע אַקציע. עס באַווייזט זיך אַ היפּש ביסל שולן און קינדערגערטנער איבערן גאַנצן לאַנד. צוזאַמען מיט דעם אַנטשטייט אויך אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע צו צענטראַליזירן אַט די גאַנצע אַרבעט, און דאָס האָט גע־בראַכט צום שאַפן אין 1921 די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געוואָרן ברייט באַקאַנט אונטערן נאָמען ציש״אָ. די ווייטערדיקע אַרבעט וואָס איך שטעל דאָ פאָר פאַר די לייענערס ווי דעם פּעריאָד פון „צווייטן דור" — איז נישט אויסן צו שרייבן די געשיכטע פון ציש״אָ און פון איר שולבאַוועגונג. דאָס האָב איך געטאָן אין מיינע דריי ביכער. מיין אַרבעט וועט פאַרצייכענען נאָר די הויפּט־עטאַפּן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אירע פאַרמעסטונגען און דער־גרייכונגען, איר ראָל אין דער אַלגעמיינער יידישער קולטור־באַוועגונג.

אויב דער ערשטער פּעריאָד, דער ערשטער דור (1897—1921) איז געווען מער אַ פּיאָנערישער, אַן אידעען־דורכברע־כערישער, עקספּערימענטירנדיקער, איז דער צווייטער דור וואָס איך באַהאַנדל דאָ — אַ מער אַקטועלער, שאַפערישער, מער געוואַגטער און מיט מער פאָדערונגען צו זיך, צו דער יידישער באַפעלקערונג און צו דער נייער פּוילישער זעלב־שטענדיקער מלוכה. דער לאָזונג פון דער נייער יידיש־וועלט־לעכער שול אין דער מוטערשפּראַך פון קינד איז פון אָנהייב אָן געוואָרן אַ פאַרכאַפּנדיקע אידעע און באַוועגונג, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסע איבערקערעניש אין גאַנצן יידישן לעבן.

די יידיש־וועלטלעכע שול — אַ נייער כוח, אַ פעסטע וואַנט מיט אָנהענגערס, אונטערשטיצערס, וועלכע שאַצן די שול אידעאיש, פּאָליטיש, קולטור־געזעלשאַפטלעך. די נייע יידישע שול איז געוואָרן אַן אינטימער ענין פון די ברייטע יידישע מאַסן, און באַזונדערס פון דער אַרבעטערשאַפט. זיי הויבן אָן באַגרייפן אַז די שול איז אַ מעכטיק געווער אויף צו באַנייען דאָס יידישע לעבן, די עלטערן־מאַסע באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די שול־פּראָבלעמען.

די שול האָט געשטעלט די טאַטע־מאַמעס און אוודאי די

טוערם אין די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאַר גרויסע אויפגאַבן און נאַציאָנאַלער פּאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער צוזאַמענפאָר פון די לערערם און שול-טוערם פון גאַנצן לאַנד (יולי 1921) האָט געבראַכט צום אויסדרוק אַ גרויסן פלאַקער פון ענטוזיאַזם, דאָס איז געווען דער נצחון פון אַ גרויסער אידעע, דער יובל פון אַ נייעם יונגן דור וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן איבערפאָרמירן די יידישע ווירקלעכקייט. די **ציש״אָ** איז געווען איינער פון די גרעסטע שעפערישע עקספּערימענטן פון דעם פּוילישן יידנטום. עס איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ נייער עפּאָכע און פון באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער שול-בויאונג, פון אַקטיווער פאָלקס-איניציאַטיוו אויפן געביט פון שול און דערציאונג. אַליין אַ רעזולטאַט פון דעם יידישן לעבן פון די לעצטע פאַר דורות, איז די **ציש״אָ** גאָר אינגיכן געוואָרן אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר פון דעם רענעסאַנס פון יידישן קולטור-לעבן.

עס איז דער דור פון גרויסע פאַרמעסטן און נישט קלענערע דערגרייכונגען.

***

די **ציש״אָ** און איר שול-באַוועגונג האָבן זיך נישט באַגרענעצט מיט אָט דער באַשריבענער קולטור-פּאָליטישער און יידיש-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די **ציש״אָ** און איר שול, אירע לערערם און שול-טוערם האָבן געהאַט די גרויסע אַמביציע אַז די יידיש-וועלטלעכע שול זאָל גיין מיטן זעלבן טעמפּאָ און מיט די זעלבע טריט פאָרויס, אַזוי ווי די גאַנצע פרייע פּעדאַגאָגיש-דעמאָקראַטישע וועלט איז אָנגעגאַנגען אין איר אַרבעט. אין דייטשלאַנד און אין שווייץ, אין סאָוועט-רוסלאַנד און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז געוואַקסן אַ גרויסע באַוועגונג אויף צו רעפאָרמירן די גאַנצע שולסיסטעם, אירע פּראָגראַמען און לערן-מעטאָדן. אויך די ציש״אָ-שול, איר גאַנצער לערער-קאָלעקטיוו איז געווען פאַרכאַפּט פון די זעלבע אידעען.

דער פּעדאַגאָגישער אָרגאַן פון דער ציש״אָ, „די נייע שול" און די אַנדערע פּובליקאַציעס אירע האָבן באַהאַנדלט

און אויפגעקלערט טיפער די פּראָבלעמען וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער נייער שול. מיט וועלכע מעטאָדן זאָל מען לערנען די יידישע שפּראַך, די יידישע ליטעראַטור? ווי אַזוי קאָנקרעטיזירט מען און ווי אַזוי זאָל מען פאַרהיינטצייטיקן דעם שווערן לימוד פון געשיכטע פון יידישן פאָלק אין די טויזנטער יאָרן פון זיין עקסיסטענץ? צי קען מען ברייט אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון אַרבעט, פון זעלבשטענדיקער פּאָרש-אַרבעט פון די עלטערע קינדער און די פאַרבינדונג פון דעם אַמאָל און נעכטן מיטן היינט און מיט די איצטיקע פאַרבינדונגען מיטן יידישן לעבן? ווי אַזוי און ווי וויט דערציט מען די קינדער נאַציאָנאַל, ווי אַזוי באַוואָפנט מען זיי קעגן דעם הערשנדיקן אַנטיסעמיטיזם מיט זיינע חיהשע אינסטינקטן? גרויסע דיסקוסיעס האָבן זיך געפירט צווישן דער לערערשאַפט און שול-טוערס אין גרעסערע און קלענערע צוזאַמענקומען. לערערס האָבן זיך באַקענט מיטן דאַלטאָן-מעטאָד פון אַמעריקע, מיט די אַרבעט-מעטאָדן פון די סאָוועטישע שולן, מיט די אידעען און פּראָיעקטן פון די דייטשע שול-רעפאָרמערס. דאָ אין דער סביבה פון ציש״אָ זיינען אויך געבוירן געוואָרן גרויסע אייגענע נייע פּעדאַגאָגישע אידעען און פּלענער. אַ גרויסער שעפערישער ענטוזיאַזם האָט אַרומגענומען די יינגערע עלעמענטן פון דעם ווילנער לערער-סעמינאַר און פון די אַקטועלע שולן. די דאָזיקע שטימונג האָט אויך פאַרכאַפּט די עלטערע קינדער פון די ציש״אָ-פאָלקשולן און פון די עקסיסטירנדיקע גימנאַזיעס וואָס האָבן אויך געפירט זייער אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך.

לאָמיר ברענגען צוויי ביישפּילן פון אַזעלכע נייגעבוירענע אידעען וואָס מען האָט אָנגעווענדט אין דער גאַנצער פּראַקטישער שול-אַרבעט:

אויפשטעלונגען. מען דאַרף אַקטיוויזירן דעם לימוד פון יידישער ליטעראַטור.

דער יידישער שרייבער און קינסטלער טאָר נישט זיין באַגרענעצט מיטן טעקסט פון דעם געדרוקטן לערנבוך, מען דאַרף די ליטעראַרישע ווערק און זייערע העלדן לעבעדיק

פאַרבינדן מיט דער גאַנצער שולאַרבעט, מיט דער היינטיקער צייט און סביבה, מיט דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך פון דער היים און פון קינדס אייגענעם אוצר. די שול און אירע תּלמידים דאַרפן ווערן אינטים פאַרבונדן מיט דעם שרייבער, יידישע ליטעראַטור דאַרף ווערן אַ פאַקטאָר פון לעבעדיקער פּילאָרטיקער שעפערישקייט. כדי צו דערגרייכן דאָס אַלץ, דאַרף מען אויסניצן אויפן בעסטן אופן די איינגעבוירענע טאַלאַנטן פון יידישן קינד, זיין שפּראַך־שעפערישקייט און דערפינדערישקייט, זיין פעאיקייט צו מאָלן און צו פאַרשטעלן די העלדן פון די באַליבטע שרייבערס און ביכער. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען דער גרויסער פּראָיעקט פון ליטעראַטור־אויסשטעלונגען פון באַזונדערע יידישע קינסטלערס. אַ מענדעלע־אויסשטעלונג, אַ שלום־עליכם־אויסשטעלונג, אַן אויסשטעלונג פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן, — אָט דאָס איז געווען די טעמאַטיק פון די דריי גרויסע דערפאָלגרייכע אויסשטעלונגען. די אַרבעט איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַלע שולן מיט זייערע לערערס און תּלמידים.

אַלע האָבן געאַרבעט לויט איין אויסגעהאַלטענעם פּלאַן וועלכן עס האָבן צוגעגרייט די בעסטע פּעדאַגאָגישע כוחות פון דער צישאָ. הונדערטער קינדער האָבן צוגעשטעלט זייערע אייגענע שריפטן און אָפּהאַנדלונגען פון באַזונדערע ווערק און שרייבערס. הונדערטער פּאָרטרעטן און צייכענונגען פון די העלדן פון די ביכער, קאָלירפולע סצענעס פון יידישן שטעטל און גרויסער שטאָט, מאָנומענטן פאַר געשטאָרבענע שרייבערס און דערמאָנונג פון די וויכטיקסטע דאַטעס פון זייער לעבן. אָפּשאַצונגען פון דער שפּראַך און סטיל פון באַזונדערע שרייבערס און איינצלנע ווערק, פּרוואָון צו שאַפן אינסצעניזאַציעס און אייגענעם פאַרלויף פון די באַשרייבונגען, פּאַראַלעלן פון ווערק פון וויכטיקסטע פּוילישע שרייבערס און זייער פאַרגלייך מיט די יידישע אָריגינאַלן, — אָט דאָס איז געווען דער פּאַרנעם פון דער גרויסער אידעע „אויסשטעלונגען פון ליטעראַטור און פון די וואָרט־קינסטלערס“. הגם די עצם אידעע

האָט זיך שוין אַרומגעטראָגן אויך אין דער פּעדאַגאָגיק פון אַנדערע פעלקער — איז אָבער אָט דער גאַנצער אויסשטעלונג־פּראָיעקט אייגנאַרטיק יידיש, פאָלקסטימלעך באַהויכט מיט יידישער חכמה און הומאָר. די פּעדאַגאָגן פון אַנדערע שפּראַכן ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיט די נייע אַרבעט־ און לערן־מעטאָדן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, האָבן זיך איבער־צייגט אַז די יידישע לערערס און שול־טוערס באַנעמען זייער גוט און אויפריכטיק די אידעען פון אַנדערע פּעדאַגאָגישע טיפן און שפּראַכן, נאָר אַז זיי, די לעצטע, קאָנען אַ סך לערנען און געניסן פון דער יידישער שול און אירע אויפטוען.

דאָס זיינען געווען די צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן פון אונדזער צייט־רעכענונג. דער נאַציזם און פאַשיזם האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן, די פּוילישע רעגירונג האָט מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען די היטלעריסטישע מאַכערס, אַלע האָבן געפילט אַז אַ גרויסע שוואַרצע סכנה רוקט זיך אָן אויף דער וועלט און גאָר באַזונדערס אויפן יידישן פאָלק. און דאָך, ביז דער לעצטער מינוט, ביז די לעצטע מעגלעכקייטן, האָט די נייע יידיש־וועלטלעכע שול ניט איבערגעריסן איר אייגע־נעם דרך און זי האָט געטאָן אַלץ כדי דאָס לערנען און דאָס דערציען יידישע קינדער זאָלן ניט ליידן און זאָלן ניט צע־שטערט ווערן.

מעדעם־סאַנאַטאָריע

אויך די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אין תוך געווען אַ גרויסער ליטעראַרישער און לערן־אויסשטעלונג־פּראָיעקט. אָט דער לערן־ און דערציאונג־אַנשטאַלט פאַר די יידישע קינדער האָט שפּעטער באַקומען אַ גרויסן גוטן נאָמען און געוואָרן זייער פּאָפּולער און באַליבט אין די שול־פּעדאַגאָגישע קרייזן אין פּוילן און אָפילו אין אייראָפּע. לכתחילה האָט מען אויס־געבויט די סאַנאַטאָריע ווי אַ הייל־היגיענישן אַנשטאַלט פאַר די קינדער פון די ציש״אָ־שולן, קינדער וואָס זיינען געווען

פיזיש אויסגעשעפּט און זייער אָפט קראַנק אויף טובערקולאָז. אָבער אין משך פון דער אַרבעט האָבן די לערערס און די מעדיצינערס פון דער סאַנאַטאָריע זיך פאַרטראַכט אויף דעם אַז די קינדער נייטיקן זיך אייגנטלעך אין אַ נייער אַטמאָ־ספערע פון לערנען און דערציִען, און אויף דעם יסוד איז אויסגעוואַקסן דער נייער גרויסער אַנשטאַלט וואָס איז געוואָרן פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דעם באַליבטן בונדישן לערער און שרייבער וולאַדימיר מעדעם. אַ נייער פּעדאַגאָגישער פּרינציפּ איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דעם אַנשטאַלט — פּרינציפּ פון קינדער־זעלבסטפאַרוואַלטונג, זעלבסטעטיקייט און אַק־טיווע מיטאַרבעט מיט די לערערס אויף אַלע געביטן. עס האָט זיך געשאַפן אַ וואונדערבאַרע האַרמאָניע צווישן קינדער און לערערס. די קינדער האָבן אַריינגעבראַכט פּראָדוקטן פון אַלע זייערע פעאיקייטן און טאַלאַנטן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט אויך בייגעטראָגן אַ סך צו די אויבן־באַשריבענע לאָקאַלע און לאַנד־אויסשטעלונגען. די לערערס וואָס האָבן אויך געלעבט אין דער סאַנאַטאָריע צוזאַמען מיט די קינדער, זיי האָבן דער־פילט אַ גרויסן זינען און טעם אין זייער אַרבעט, זיי האָבן איבערגעלעבט אַ ראָמאַנטישע ליבע צו אָט דער אינסטיטוציע אין דער מוטערשפּראַך פון קינד, צו דער וועלטלעכקייט און פרייער דערציאונג מיט וועלכער די קינדער און דער גאַנצער אַנשטאַלט האָט געאָטעמט. אומאויסשעפּלעכע ענערגיע, איני־ציאַטיוו האָבן די לערערס אַריינגעוועבט אין זייער אַרבעט.

די פאַרבינדונג פון דער סאַנאַטאָריע מיט די ציש"אָ־שולן אין וואַרשע איז געווען אַ נאָענטע און אינטימע. אַלע האָבן געפילט אַז עס וואַקסט אַ נייער דור, קינדער אויסגעהאָדעוועט אין דער יידיש־וועלטלעכער שול און איינגעלעבט אין דער גאַנצער קולטור־באַוועגונג. די שול־אידעע איז געווען פאַר־קניפּט מיט די אידעאַלן פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַ־פרייאונג פון יידישן פאָלק. אַן אַטמאָספערע פון שטענדיקער שעפערישקייט, רירעוודיקייט, פּאַטאָס, אַזוי האָט אויסגעזען די יידיש־וועלטלעכע שול אין פּוילן און די קרוין פון איר אַרבעט, די מעדעם־סאַנאַטאָריע.

וועלטלעכקייט איז דאָ געווען אַ נאַטירלעכער פּרינציפּ, ווייל וועלטלעך איז געווען דער גאַנצער לעבנשטייגער פון דער אַרבעטערשאַפט און פון דער עלטערנשאַפט. דער גאַנצער אָרט לערנען און דערציען אין דער צישאָ־שול און אין דער סאַנאַטאָריע, די מעטאָדן פון פאָרשן, נאָכדענקען, דער לימוד פון נאַטור, — דאָס אַלץ האָט געוועקט ביי די קינדער דעם באַוואוסטזיין און דאָס האָט זיי געמאַכט פאַר קריטיש באַוואוסטזייניקע מענטשן. דער גייסט פון פרייער דערציאונג און פון דער זעלבסטטעטיקייט און שאַפונג פון קינדער־קאָלעקטיוו, דאָס האָט געפירט צו דעם אַז אין דער שול האָט געהערשט עטישע, הומאַניטאַרע דערציאונג, מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט, חברישקייט. די צישאָ־שול און די סאַנאַטאָריע האָבן אויסגעבילדעט אַן אייגענעם פּעדאַגאָגישן געדאַנק, אַן אייגענע דערציאונג־סיסטעם וואָס איז געווען באַרעכטיקט סיי נאַציאָנאַל, סיי פּעדאַגאָגיש, פּסיכאָלאָגיש. קיינער האָט נישט גענוצט דעם טערמין „סאָציאַליסטישע דערציאונג", אָבער זי איז געקומען צום אויסדרוק אין הונדערטער קלייניקייטן, אין פאַרשיידענע פאָרמען. מען קען זאָגן: די קינדער האָבן געלעבט און געשאַפן סאָציאַליסטיש, נישט חושד זייענדיק אַז דאָס איז סאָציאַליסטיש. עס איז באמת געווען אַן אוניווערסאַליסטישע, אינטערנאַציאָנאַליסטישע און סאָציאַליסטישע דערציאונג. דערפאַר האָבן אַ סך פּעדאַגאָגן און שול־רעפאָרמערס אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך אַזוי הויך אָפּגעשאַצט דעם אויפטו פון דער דאָזיקער שול־באַוועגונג און אָנערקענט איר גרויסע אויטאָריטעט.

אין דער שול און אין דער סאַנאַטאָריע האָט מען נישט געפּרעדיקט קיין „יידישיזם" און נאַציאָנאַליזם, ווייל דאָ איז נאַטירלעך אַלץ געווען יידיש, פאָלקסטימלעך, עמכדיק. דער קאָנטאַקט צווישן די קינדער און עלטערן, צווישן דער שול און דער סביבה האָט זיך אויף קיין איין מינוט נישט איבערגעריסן. שול־יוגנט־עלטערן־לערער — דאָס איז געווען איין קייט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די יוגנט האָט גע-

וואָלט האָבן איר שול. די שול האָט געוואָלט האָבן איר יוגנט.

דאָס איז געווען דער באַטייט און די גרויסקייט פונעם צווייטן דור אין די נײַנצן צוואַנציקער־דרײַסיקער יאָרן מיט זייער וואונדערלעכן יידיש־וועלטלעכן פאַרמעסט. דער דאָזיקער צווייטער דור האָט זיך אינגאַנצן אונטערגעשיידט פונעם ערשטן פּיאָנערישן דור אין די יאָרן 1900—1917. דער פּיאָנערישער דור איז נישט געווען קאָנצענטרירט אויף איין געאָגראַפישן ראַיאָן און אויף איין טיפ יידישע מענטשן. ער איז געווען צעשאָטן און צעשפּרייט איבער אַ לענגערן פּעריאָד, פאַרכאַפּנדיק יעדן מאָל אַן אַנדער יידישן סעקטאָר און זיך נישט קאָנצענטרירט אויף איין אידעאישן פּונקט. דערפאַר האָט ער נישט געפילט אין זיך קיין גייסטיקע עקשנות, נישט געגעבן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד צו די קעגנערס און שונאים, נישט אויסגעקריסטאַליזירט קיין אייגענע פּראָגראַם און לאָזונגען.

אַנדערש איז געווען אָט־אָ־דער צווייטער דור וואָס מיר באַהאַנדלען איצט. ער האָט אָפּערירט אין איין לאַנד, צווישן איין פעסטן יידישן סעקטאָר און ער איז נישט אויסגעשטאַנען אַזעלכע רציחות און שחיטות אַזוי ווי די אוקראַינער יידן, למשל. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך ווידערשטאַנד־קראַפט און איינגעשפּאַרטקייט, ער האָט זיך באַזירט דער עיקר אויף אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטערשאַפט וואָס האָט געבויט אירע אייגענע פּאַרטייען און אינסטיטוציעס. די יידישע שפּראַך, דער יידישער לעבנשטייגער האָבן געהאַט טיפע וואָרצלען אין דעם גאַנצן אַרום. יידן האָבן זיך געפילט ווי בירגער אין לאַנד און האָבן געקעמפט פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטונג. אָט אויף דעם באָדן איז אויסגעוואַקסן און זיך פאַרשפּרייט די שול־סיסטעם און די אידעאָלאָגיע פון דער צישאַ און איר באַוועגונג.

דאָס איז געווען דער אויפטו און די דערגרייכונג פונעם צווייטן דור אין די 20ער און 30ער יאָרן פון אונדזער צייט־רעכענונג.

די נישט-פֿאַרענדיקטע סימפֿאָניע פֿון גרויסן דור

במשך פון די לעצטע יאָרהונדערטער האָט זיך די יידישע פאָלקסמאַסע געקלאַמערט אין דער יידישער שפּראַך און מיט איר הילף אַריינגעבראַכט אַ סך וועלטלעכקייט און שאַפונגס־פרייד אין אָרעמען גרויען יידישן לעבן. מיט יעדן טאָג ווערט ביי יידן קלענער די ראָל פון רעליגיע אין פּריוואַטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער גרעסטער טייל פון די אַלע פאַקטאָרן וואָס האָבן געהאָלפן אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער יידישער נאַציע, איז געווען וועלטלעך לויטן עצם נאַטור.

יידיש און וועלטלעכקייט איז געווען אַ געזונטער און פּאָזיטיווער יש אין יידישן לעבן. מיט דער פאָן פון יידיש און וועלטלעכקייט איז די ציש״אָ־באַוועגונג געשטאַנען ווי אַ הויכע וואַנט אַרום אירע קינדער און אינסטיטוציעס, און איר היסטאָרישע אַרבעט האָט נישט אויפגעהערט ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון אומקום פון פּוילישן יידנטום. די לערערשאַפט און די שול־אָנפירערשאַפט פון ציש״אָ זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלערישע האָרדעס — צוזאַמען מיטן גאַנצן יידנטום פון פּוילן, צוזאַמען מיט די עלטערן פון די קינדער און יוגנטלעכע.

די יידיש־וועלטלעכע שול און די ציש״אָ זיינען דערפאַר אַריין אין דער געשיכטע פון אונדזער דור ווי די טרעגערס פון גרויסע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, ווי די פּריידיקערס פון גרויסע פּעדאַגאָגישע אידעען און לאָזונגען, ווי די בויערס פון דער יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע פון אונדזער צייט.

דאָס איז געווען די נ י ש ט ־ פ אַ ר ע נ ד י ק ט ע ס י מ פּ אָ נ י ע פ ו ן ד י צ ו ו י י ג ר ו י ס ע ד ו ר ו ת... איז געקומען דער נאַצי־מבול, און האָט דאָס

אַליך אָפּגעווישט. אומגעקומען דאָס פֿאָלק, אומגעקומען זיין יוגנט און זיינע קינדער, און אומגעקומען איז אויך דאָס שענסטע קולטור־ווערק פֿון יענעם דור — די מעדעם־סאַנאַטאָריע, די יידישע וועלטלעכע שול און די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן און אויסגעוואָרצלט געוואָרן דער גרויסער יידישער ישוב אין פּוילן. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן איינע פֿון די שענסטע תּקופֿות אין לעבן פֿון פּוילישן יידנטום. די גזירות תש״ב וועט פֿאַרשריבן ווערן ווי די גרעסטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿע אין אונדזער געשיכטע. ניטאָ מער דער מעכטיקער קוואַל פֿון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און פֿון קולטור־נאַציאָנאַלער שעפֿערישקייט פֿון צוויי וואונדערבאַרע דורות אין אונדזער צייט.

און דאָס איז די נישט־פֿאַרענדיקטע סימפֿאָניע פֿון די צוויי דורות אין אונדזער צייט. נישט־פֿאַרענדיקט אין עבר און נישט־פֿאַרענדיקט אין היינט און אין עתיד. המשך קומט...

אינהאַלט:

זייט

אַברהם רייזען — מיין דור (ליד) — — — — — — — — — — — — 5

צום אָנדענק — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 7

I. זכרונות פון מיינע ייִנגערע יאָרן — — — — — — — — 9

מיינע צוויי שטעט — כערסאָן און אַדעס — — — — — — — — 11

עפּיזאָדן פון ייִנגערע יאָרן — — — — — — — — — — — — — 14

אין ווילנע און צוריק אין כערסאָן — — — — — — — — — — 23

מיינע ערשטע טריט אין דער אומלעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג 31

אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע — 43

מיין אַרבעט אין „בונד": יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו — — — 59

מיין ערשטע לערער־פּראַקטיק אין תלמוד־תורהס פאַר ייִנגלעך 74

ערשטע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען — — — — — — — — — 83

אַ בעקער־אַרבעטער פון סוכאַרעס פאַר דער אַרמיי — — — — 100

רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע — — — — — — — — — 101

פּאַטריאָטישע שטימונגען — — — — — — — — — — — — — 105

וואַלן צום שטאָטרט — — — — — — — — — — — — — — — 109

קיעוו — קולטור־ליגע — — — — — — — — — — — — — — 115

II. חשבון הנפש וועגן אונדזער דור — — — — — — — — 121

III. די תקופה פון גרויסער ייִדיש־וועלטלעכער שעפערישקייט — — — — — — — — — — — — — — — 133

א) דער פּיאָנערן־דור — — — — — — — — — — — — — — — 133

ב) וואַרשע — גייסטיקע שעפערישקייט און דערהויבונג — 151

IV. די נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע פון גרויסן דור 163

ח. ש. קאַזדאַן באַהאַנדלט די זעלבע עפּאָכע מיט אירע פּראָבלעמען — אין זיינע ווערק:

1) די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פוילן. — **מעקסיקע 1947, 571 זייטן.**

2) פון חדר און שקאָלעס ביז צישאָ. — **מעקסיקע 1956, 455 זייטן.**

3) לערער־יזכור־בוך. — **ניו־יאָרק 1952, 568 זייטן (רעדאַגירט).**

4) מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך. — **„המנורה", תל־אביב 1971, 460 זייטן (רעדאַגירט).**

5) די בונדישע טעטיקייטן אויפן געביט פון שול, קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער". — **די געשיכטע פון „בונד", באַנד 4.**

6) שלמה מענדעלסאָן, דער שול־ און קולטור־טוער (ש. מענדעלסאָן, זיין לעבן און שאַפן). — **פאַרלאַג „אונזער צייט", נ"י 1949.**

7) אין די טעג פון רעוואָלוציע — אין איינער אַ שטאָט (1917־18 אין כערסאָן). — **פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1928, 111 זייטן.**